STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02064

FARSHIKT IN SIBIR DURKH TSAR NIKOLAYS REZSHIM

Joseph Rakow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף ראַקאָוו

מעמואַרן פון א רוסישן רעוואָלוציאָנער

פאַרשיקט אין סיביר דורך צאַר ניקאָלייס רעזשים

EXILED IN SIBERIA
By the Czar Nicholas Regime

by JOSEPH RAKOW

Copyright by Joseph Rakow
Chicago, Ill., 1934

POSY-ROSENBLOOM-SHOULSON PRESS, Inc.
19 W. 21st St., New York, N. Y.
234



אין פינסקער טורמע׳ דעם זיבעצענטען מערץ, 1909 יאָר.

ערשטער קאַפּיטל

קינדער יאָרן

1.

איך בין געבוירן געוואָרן אין דעם קליינעם אידיש־מאלאַ־רוסישן שטעטל טעלעכאַן אין דעם יאָר 1890. מיין פּאָטער, אברהם האָט געשטאַמט פון אַן אָרטאָדאָקסישער פאַמיליע און איז ביז דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן געווען באַשעפטיקט מיט בויען הייזער, בריקן. ווען איך בין אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָט מיך מיין טאַטע איינגעוויקלט אין אַ טלית אין אויף די הענט אוועקגעטראָגן צו יונה דעם מלמד אין חדר אריין.

יונה דער מלמד איז זיך ברייטלעך געזעסן ביים לאַנגן הילצערנעם טיש, ארומגערינגלט מיט אַ טוצן אינגלעך און האָט זיך גאַנץ רואיק געהאַלטן אין איין פונאַנדערשאָרן זיין לאַנגע און ברייטע שווארצע באָרד. דערזענדיק מיך, האָט ער מיר אָפּגעשטעקט אַ ברייט שלום עליכם און האָט מיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און אָן קיינשום שהיות אָנגעהויבן לערנען מיך פון זיין תּורה.

זיין תורה האָט זיך נאַטירלעך צוערשט אָנגעהויבן מיטן אלעף בית. „אלעף”, האָט ער אויסגעברומט. איך האָב אים נאָכגעזאָגט. „בית”. „גימל”. און דאָ האָט מיך עפּעס איבערראַשט, — ווי נאָר איך האָב אים נאָכגעזאָגט „גימל”, האָב איך דערהערט אַ קלונג און אַ שיינענדיקע קאָפּיקע איז אראָפּגעפאַלן צו מיר אויפן סידור, אראָפּגעפאַלן פון דער הויך, ווי זי וואָלט זיך אראָפּגעלאָזט פון סטעליע.

די קינדער, די איבעריקע תלמידים פון מיין רבין יונהן, זיינען אריין אין התפעלות פין דער קאָפּיקע און האָבן אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט,און דער רבי אליין, דערזענדיק ווי פּאַר־

וואונדערט און נשתומם איך בין געוואָרן, האָט ער מיר מיט גרויס ערנסט גענומען דערקלערן, אַז דאָס האָט מיר אַ מלאך פון גאָט אַראָפגעוואָרפן אַ מתנה, כדי איך זאָל זיין אַ גוט אינגל און לערנען מיט גרויס חשק און התמדה. און אַז איך וועל זיין גוט און פרום, וועט דער מלאך מיר מן הסתם אָפט צוואַרפן אַ מתנה...

דעם אמת געזאָגט בין איך אָבער עטוואָס סקעפּטיש פאַרבליבן צו דעם רבים דערקלערונג, וואָרים, ווען די צווייטע קאָפּיקע איז אַראָפגעפאַלן, האָב איך באַמערקט, אַז עפּעס האָט זיך מיין פאָטערס האַנט געפונען איבער מיין קאָפּ... אָבער צופיל איבערטראַכטן דעם ענין האָב איך ניט,וואָרים מיין נייגעריקייט, געמישט מיט שרעק, איז גאָר געווענדט צום רבין, צו זיינע בייזע בליקן און באַוואַקסן פּנים...

צופיל אויסגעלערנט זיך אין מיין חדר האָב איך דעם ערשטן זמן ניט. דאָך, ווען דער זמן האָט זיך געענדיקט, האָב איך שוין געקענט לייענען אַביסל „עברי”. קיין גרויסער מתמיד בין איך אויך ניט געווען און בכלל איז פאַר מיר דער חדר מער ניט געווען ווי אַן אָפּקומעניש, און גליקלעך בין איך געווען, ווען איך פלעג אין אָוונט שוין אַרויס פון חדר און אָפּגעבן זיך מיט שפּילערייען. און ווי דער פאָטער מיינער איז געווען אַ בויער, האָב איך זיך אויך ליב געהאַט צו שפּילן מיט בויערייַ און פון שטיקלעך האָלץ און שפּענער האָב איך געפּרואווט בויען מיינע „טורעמס”, ביידלעך קליינע, וואָס אין מיינע פאָרשטעלונגען זיינען זיי געוואַקסן אין מעכטיקע פּאַלאַצן...

און נאָך אַ נייגונג האָב איך געהאַט אין יענע יאָרן — ביים סאַמע אָנפאַנג פון מיין קינדהייט, אַ נייגונג צו טענער. קיין פידל האָב איך ניט געהאַט, וועגן צו קריגן אַן אמת׳דיקע פידל איז מיר אפילו ניט איינגעפאַלן צו טרוימען, וואָרים אויף אַזאַ גרויסן גליק האָט אפילו מיין פאַנטאַזיע ניט געקענט דערלאַנגען, — האָב איך כאָטש געקראָגן שטיקלעך פאָדים און זיי אָנגעצויגן אויף ברעקלעך און פון דעם געפּרואווט אַרויסקריגן טענער, וועלכע זיינען, נאַטירלעך, מער ענלעך געווען צו סקריפּעריי איידער צו

מוזיקאַלישע טענער...

די קלאַנגען פון דער דאָזיקער פידל מיט סטרונעס פון פאָדים האָבן מיך אָבער ניט צופרידנגעשטעלט און איך האָב אָנגעפאַנגען זוכן מיטלען ווי צו פאַרבעסערן מיין אינסטרומענט, אַז איך זאָל פון אים אַרויסקריגן בעסערע טענער. האָט מען מיר אַן עצה געגעבן, אַז די האָר פון אַ פערדישן עק וועלן אַ סך בעסער דינען מיין ציל. און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געיעג נאָך פערדישע עקן... ניט איך אַליין האָב אַנטייל גענומען אין דעם דאָזיקן געיעג, נאָר אַ גאַנצע קאָמפּאַניע פון מיינע חברים חדר איינגלעך האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטעטל צו זוכן אַ מוזיקאַלישן פערד...

און אַז מיר האָבן שוין אַמאָל יאָ געפּאַקט אַזאַ אורח, האָט דער פערד פון אונדז געהאַט געבראָטענע יאָרן. מיר פלעגן זיך צו אים פאַרגנבענען פון הינטן אַרום און פליקן האָר פון זיין עק הויפנווייז. די שטומע חיה האָט נעבעך געבריקעט מיט זיינע הינטערשטע פיס, געוואָרפן זיך אין אַלע זייטן, מיר האָבן אָבער דעם בחור געהערט ווי דעם בלינדן קאָטער און אפשר וואָלטן מיר אויסגעפליקט זיין גאַנצן עק, ווען ניט דעם פערדס באַלעבאָס, וואָס האָט דאָס דערזען און האָט אונדז פאַרטריבן ניט אויף אַזאַ איידעלן וועג, וואָרים ניט אויף איינעמס פון אונדזערע לייבער זיינען איבערגעבליבן שפּורן פון זיין בייטש...

קיין צופיל נחת פון די האָריקע סטרונעס האָב איך אויך ניט געהאַט. אמת פון זיי האָב איך אַרויסגעקראָגן שענערע טע־נער איידער פון די פעדים, אָבער צו די טענער פון אַן אמתדיקער פידל קומען זיי דאָך פאָרט ניט, אָבער ווער וואָלט גאָר געקענט טרוימען פון אַזאַ אויסערגעוויינלעכן לוקסוס...

*   *

*

אין חדר האָט מען מיך געריפֿן מיט אַ צונעמעניש: „גאָראָד־סקאָי גאָלאָווא"*)... פאַרוואָס מען האָט מיך אַזוי גערופֿן האָב איך דאַן ניט געוואוסט. שפּעטער האָב איך עס אָבער אויסגעפֿונען — איך האָב געהאַט אַ גרויסן קאָפּ... דוכט זיך איך טראָג נאָך איצט אויך דעם זעלביקן קאָפּ אויף מיינע פּלייצעס, אָבער ווען איך קוק אין שפּיגל, זע איך גאָר ניט אַז מיין קאָפּ זאָל זיין אַזוי גרויס. איז מיין קאָפּ איינגעשרונקען אָדער מיין קערפּער איז אויסגעוואַקסן און די פּראָפּאָרציע האָט זיך אויסגעגליכט?...

.2

ווען איך בין אַלט געוואָרן אַרום אַכט יאָר האָבן מיר פאַר־לאָזן דאָס שטעטל טעלעכאַן און מיר האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט פּינסק. אונדזער גאַנצע פאַמיליע איז דאַן באַשטאַנען פון דריי אינגלעך און איין מיידל און פאָטער און מוטער. מיין עלט־סטע שוועסטער, סאָניע, איז אַלט געווען 12 יאָר. איך בין גע־ווען דער דריטער ביי מיינע עלטערן.

געוואוינט האָבן מיר אין פּינסק אין הילצערנער הויז, וואָס מיין פאָטער האָט מיט זיינע פּראָלעטאַרישע הענט אַליין אויס־געבויט. איך האָב זיך אָבער אין שטוב ווייניק וואָס געפֿונען, ווייל מיך האָט מיין פאָטער גלייך אָפּגעגעבן לערנען אין דער שטאָ־טישער תלמוד תורה, וואו איך האָב געלערנט פֿון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט.

אַ תלמוד תורה דאַן אין אַ שטעטל אָדער שטאָט אין רוס־לאַנד איז ניט געווען דאָס וואָס מיר זיינען געוואוינט אָנצורופֿן מיט דעם זעלביקן נאָמען איצט אין אַמעריקע. די לערער, רביים, וואָס די תלמוד תורה האָט געהאַט, זיינען געווען גראָבע יונגען, אָן קיינשום וויסן, אָן אַן אנונג וועגן דעם אַז קינדער דאַרף מען קענען לערנען, אַז קינדער דאַרף מען קענען דערציען. די קינ־

*) אַ רוסישער ווערטער שפּיל: „דער קאָפּ פון שטאָט" — בירגערמייסטער.

דער האבן זיי געשלאגן מכות רצח, און ניט נאר האבן זיי ניט דער־צויגן ביי די קינדער א געפיל פון ליבע, נאר זיי האבן אין זיי אנטוויקלט א געפיל פון שרעק און דורכדעם — האס סיי צו זיך אליין, צו די לערער, און סיי צו די לימודים.

עס דערמאנט זיך מיר אן אינצידענט:

איינמאל האט זיך מיר פארוואלט ארויסגיין פון חדר צו נע־מען א טרונק וואסער. האב איך זיך פארגעסן פרעגן דעם רבי'ס דערלויבניש. ווי נאר איך בין צוריקגעקומען, איז צו מיר צו־געקומען דער רבי, און אן וועלכער עס איז ווארנונג, האט ער מיך גענומען שלאגן מיט זיין שטעקן אזעלכע מכות רצח, אזש איך האב זיך געדרייט אין דרייען און געשריען מיט א באנומענעם קול. דעם רבין האבן אבער ניט אויסגעמאכט מיינע ווייטיקן, פארקערט, ער האט קענטיק הנאה געהאט און וואס מער איך האב געשריען, אלץ מער האט דאס אין אים ארויסגערופן סאדיזם און אלץ שטאר־קער האט ער מיך געשלאגן.

דאס איז געווען צום ערשטן זמן, וואס איך בין געגאנגען אין תלמוד תורה. אויף מיר האט דאס געמאכט א שרעקלעכן איינ־דרוק. ניט אזוי די ווייטיקן, ווי די באליידיקונג און דער געפיל, אז איך בין מיט אומרעכט באהאנדלט געווארן. ווען איך בין יענעם אוונט אהיים געקומען, איז מיין באשלוס שוין געווען פאר־טיק, אז מער וועל איך שוין אין תלמוד תורה ניט גיין. און אויף מארגן אינדערפרי, ווען איך האב געזאלט גיין אין חדר, האב איך מיין מוטער דערקלערט, אז איך וועל אהין שוין מער ניט גיין. עס האבן ניט געהאלפן די רייד און טענות פון מיין מוטער, עס האבן ניט געהאלפן אויך אירע סטראשונקעס: מיין קינדערשע נשמה האט רעוואלטירט קעגן אן אומגערעכטיקייט און — איך האב געוואונען מיין ערשטן סטרייק...

מיין פאטער האט דאך אבער יא געוואלט, אז איך זאל כאטש עטוואס קענען פארשטיין אין די שווארצע פינטלעך, אז איך זאל קענען כאטש א אידישן בריוו אנשרייבן, — האט ער פאר מיר געדונגען א העברעיש־אידישן לערער, א „שרייבער", ווי ער האט געהייסן, און ער האט אנגעהויבן אריינקומען צו אונדז אין הויז,

און לערנען מיט מיר און מיין עלטערן ברודער.

אָבער איינגיכן האָב איך אויך דעם „שרייבער" פאַרלוירן. אַלט געווען בין איך דאַן אַרום עלף יאָר, און לערנען האָב איך בשום אופן ניט געוואָלט. מיין פאָטער האָט מיך געפּרוּווט איינ־ריידן, סיי מיט גוטן און סיי מיט בייזן, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן, עס האָט זיך מיר ליבערשט געגלוסט צו „מייסטרעווען", צו בויען, צו זיין אַ בויער, אַזוי ווי מיין טאַטע איז געווען.

אפשר וואָלט מיין פאָטער מיט מיר פיל שטרענגער געווען און ער וואָלט געבראָכן מיין עקשנות און וואָלט מיך געצוואונגען צו לערנען זיך, אָבער די נויט ביי אונדז אין הויז איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אפשר ניט געהאַט אויף שכר לימוד און ער האָט זיך געטראַכט, אַז, וויבאַלד לערנען וויל איך דאָך אַלץ איינס ניט און אַז קיין תכלית וועט דאָך אַלץ איינס פון מיר ניט זיין, טאָ לאָמיר אים אפשר העלפן אין זיין אַרבעט.

און די נויט ביי אונדז אין הויז איז געווען ממש גרויס. די משפחה אונדזערע האָט זיך פאַרגרעסערט מיט נאָך צוויי קינ־דער — נאָך צוויי מיילער צו שפּייזן — און דער איינקונפט איז געווען זייער קליין. חוץ דעם האָט מיין פאָטער נאָך געהאַט אויס־צוצאָלן חובות, וואָס ער איז פאַרשולדיקט געוואָרן בויענדיק די הויז. נו, ווי אַזוי מען קלאַפּט טשוועקעס האָב איך געוואוסט, ווי אַזוי צו האַלטן אַ האַמער אין האַנט, האָב איך אויך געוואוסט, — האָט עס לאַנג ניט געדויערט און איך בין געוואָרן מיין פאָ־טערס אַרויסהעלפער.

לאַנג האָב איך אָבער מיין פאָטער ניט געקענט אַרויסהעלפן ביי זיין אַרבעט, וואָרים ער אַליין האָט ניט געהאַט גענוג אַרבעט, האָב איך זיך געפונען אַ פּלאַץ צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון שוועבעלעך. אין דער דאָזיקער פאַבריק האָב איך געאַרבעט בלויז אַ קורצע צייט, וואָרים אַ צווייטער פּאָדרייטשיק פון קעסטעלעך האָט מיך דאָרט אַמאָל געזען ביי דער אַרבעט, און קאָנטיק אַז איך בין אים געפעלן געוואָרן, וואָרים ער איז געקומען צו מיר און ער האָט מיר אָנגעבאָטן, אַז איך זאָל אַריבערגיין אַרבעטן אין זיין ווערקשטאַט און ער וועט מיר צאָלן מיט 15 קאָפּיקעס אַ וואָך

מער. בין איך אוועק צו אים.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרקלאַפּן מיט טשוועקעס די דעקלעך פון קאַסטנס מיט שוועבעלעך. אַ קאַטאַרזשנע אַר־בעט פאַר אַ דערוואַקסענעם קרעפּטיקן מאַן, אַ פּשיטא שוין פאַר אַ קינד. די אַרבעט שטונדן זיינען געווען אויסערגעוויינלעך לאַנג — פון זעקס אינדערפרי און ביז שפּעט אין אָוונט. געאַרבעט האָב איך דאָרט איבער אַ יאָר. די לופט אין פאַבריק איז געווען אָנגעזאַפּט מיט דעם ריח פון שוועבל און שטיקנדיקע גאַזן. פינף און זיבעציק קאָפּיקעס אַ וואָך — דאָס איז געווען מיין גאַנץ געהאַלט. יעדן טאָג פלעגט מיר אויסקומען אַרומצודראַטעווען עטלעכע הונדערט פּודיקע קעסטלעך און דערנאָך, אויף מיינע איינענע קינדערשע פּלייצעס געדאַרפט אַריבערטראָגן זיי אין אַ דערבייאיקן שפּייכלער.

איינמאָל, טראָגנדיק אויף זיך אַ שווערן קאַסטן, בין איך געפאַלן און — איבערגעלאָזן דאָרט אויפן פּלאַץ אַ פּאָר ציינער פון מיין מויל.

נאָך דעם דאָזיקן אומגליק צופאַל, האָט מיך מיין פאָטער שוין מער אהין אין פאַבריק ניט געלאָזט גיין אַרבעטן און איך בין אַ היבשע צייט אַרומגעגאַנגען ליידיק.

ס׳איז געווען זומער. האָבנדיק גענוג פרייע צייט, פלעג איך גאַנצענע טעג אָפּליגן אויף די ברעגן פון דעם טייך פינא, פון וועלכער עס הויבן זיך אָן ציען די באַרימטע פּינסקער זומפּן. אַ סך מאָל האָב איך געמאַכט פּאַרזוכן צו כאַפּן פיש אין טייך מיט אַ קליינער אוטקע, צופיל פיש האָב איך קיינמאָל ניט געכאַפּט אָבער די עטלעכע פיש, וואָס איך פלעג אַמאָל יאָ כאַפּן, זיינען געווען גענוג פאַר אונדזער הונט פאַר אַ מאָלצייט. איינמאָל האָב איך געכאַפּט אַ גרויסן העכט, אָבער ער האָט זיך פון מיינע הענט אַרויסגעגליטשט און איז צוריק אַריינגעפאַלן אין טייך. פאַר מיר איז עס געווען אַזאַ ביטערע אַנטוישונג, אַז מער בין איך שוין ניט נעגאַנגען כאַפּן קיין פיש.

2

ווען איך בין דרייצן יאָר אַלט געוואָרן האָט מיין פאָטער מיך אוועקגעפירט יענעם טאָג אין שול. דער שמש דאָרט איז געווען מיין זיידע, ר' נפתלי. מען האָט מיך אויפגערופן צו דער תורה און צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן האָט מען אויף מיר אַרויפ־געטאָן אַ טלית. נאָכדעם אַז איך האָב אָפּגעזאָגט די ברכה, האָט מיין זיידע אויף מיר אַרויפגעלייגט זיינע הענט און מיך געבענטשט. אַ קורצע צייט נאָך מיין בר מצוה פלעג איך גיין יעדן טאָג אין שול. לאַנג אָבער האָט דאָס ניט אָנגעהאַלטן — גאָר אין גיכן האָב איך זיך שוין אָנגעשלאָסן אָן דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער שטורם, וואָס האָט אין דעם יאָר 1904 אַרומגעכאַפּט די אידישע אַרבעטערשאַפט פון גאַנץ רוסלאַנד און די פינסקער אידישע אַרבעטערשאַפט בתוכם, האָט אויך מיך פאַרכאַפּט נאָך אין מיין פריער יוגנט.

מיט דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָב איך זיך באַקאָנט דורך מיין, איצט שוין פאַרשטאָרבענער, שוועסטער סאָ־ניאַ.

אַזוי ווי איך, האָט מיין שוועסטער סאָניאַ אין דער פריער יוגנט שוין פאַרזוכט דעם טעם פון ביטערער עקספּלואַטאַציע. שוין אַלס קינד איז זי אַוועק אַרבעטן אין אַלפּערס שוועבל פאַב־ריק. זי איז דאָרט קראַנק געוואָרן, זי האָט תמיד געהוסט, אָבער זי האָט פאָרטגעזעצט צו אַרבעטן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז קראַנק געווען און האָט געאַרבעט אויסערגעוויינלעכע לאַנגע שטונדן, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס די פאַבריק האָט זי קראַנק געמאַכט און זי ביטער עקספּלואַטירט, — איז זי געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון דער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע.

איר האַלטונג איז געווען עפּעס אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלע־כע פאַר מיר. זי איז אַלעמאָל געווען פול מיט סודותדיקייט. אָפט פלעגט זי פאַרשווינדן אויף גאַנצע אָוונטן און זי האָט קיינ־מאָל ניט אויסגעזאָגט וואוהין זי גייט אָדער וואו זי איז געווען.

און וואָס מער סאָניאַ האָט זיך אויסבאַהאַלטן מיט אירע סודות פון מיר און פון אונדזער הויזגעזינד, אַלץ מער האָב איך זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן וואוהין זי גייט. ביז איינמאָל האָב איך באַשלאָסן נאָכצופאָלגן זי און זען וואוהין זי גייט.

איינמאָל — אַלע ביי אונדז אין הויז זיינען שוין געשלאָפן — האָב איך באַמערקט, אַז סאָניאַ מיט איר חברטע מיניע, וועלכע איז יענע נאַכט געבליבן נעכטיקן ביי אונדז אין הויז, האָבן זיך אינדערשטיל אָנגעטאָן און אַרויס פון הויז. ווי נאָר זיי זיינען אַרויס, האָב איך אויף שנעל אויפגעוועקט מיין עלטערן ברודער און צוזאַמען מיט אים האָב איך זיי גענומען נאָכגיין.

צוזאַמען מיט זיי זיינען מיר אַריבערגעשפּרונגען עטלעכע צוימען און צוגעקומען צו אַ הילצערנעם הויז, וואוהין די צוויי מיידלעך זיינען אַריין.

וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָב איך און מיין ברודער נאָך פריער געהערט, און איצט, צוקומענדיק צו יענעם הויז, און דערהערנדיק אַז פון דאָרט דערטראָגט זיך אַ טומל פון אַ סך מענטשן, האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז דאָרט איז אַ געהיימע רעוואָלוציאָנערע פאַרזאַמלונג. די געהיימע, קאָנספּיראַטיווע האַלטינג פון אונדזער שוועסטער איז אונדז דאַן געוואָרן פאַרשטענדלעך, און אונדזערע הערצער זיינען אָנגעפילט געוואָרן סיי מיט שטאָלץ און סיי מיט פרייד פאַר אונדזער שוועסטער.

*   *

*

די מאָראַלע השפּעה, וואָס דער בונד האָט דאַן אויסגעאיבט אויף דער אידישער אַרבעטערשאַפט בפרט און אויף דער אידישער אינטעליגענץ בכלל, איז געווען אויסערגעוויינלעך. די בונדיסטישע טעטיקייט איז אָבער אַמשטאַרקסטן געווען אין אונדזער שטאָט פּינסק. דאָרט האָט זיך דער בונד אויסגעצייכנט מיט פיל פּראַקטישער אַרבעט. דער פּינסקער בונד האָט דאַן אָפּגעראַמט פון וועג דעם באַקאַנטן פּראָוואָקאַטאָר אהרן נאָצקי, — דאָס איז געווען אַ טעראָריסטישער אַקט, אָבער אויך אויף אַלע אַנדערע געביטן פון רעוואָליוציאָנערער טעטיקייט האָט זיך דער בונד אויסגעצייכנט:

ער האָט איבערהויפּט געפירט אַ ברייטע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער אַרבעטערשאַפט און האָט זי גערופן צום קאַמף פאַר אַ גערעכטער אָרדנונג און פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

אַט דער טעראָריסטישער אַקט קעגן דעם פּראָוואָקאַטאָר נאָצקי און אַ צווייטער העלדישער אַקט פון דעם בונד, מיט וועלכן עס האָט דאַן געקלונגען די שטאָט, און דאָס איז געווען, וואָס זיי האָבן מיט געוואַלד באַפרייט פון טורמע די בונדיסטישע טוער טעפּער און זיין פרוי און נאָך איניגע רעוואָלוציאָנערן, — דאָס אַלץ האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק און מיר האָט זיך זייער געוואָלט נאָענטער צוזאַמענצוקומען זיך מיט די דאָזיקע העלדישע רעוואָלוציאָנערן.

בכלל האָט זיך מיר זייער געוואָלט באַקענען מיט די דאָזיקע אַלע העלדישע קעמפער, אָנקוקן זיי, באַפריינדן זיך מיט זיי, זען ווער דאָס זיינען יענע יאַטן, וועלכע שטופּן אונטער אונטער די לאָדן די געדרוקטע און העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציעס מיט די אויפרופן צו אַרבעטער צו פאַראייניקן זיך, אויף וועלכע עס איז געווען געחתמעט „דער אידישער אַרבעטער בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד. און אַז מען זוכט געפינט מען — און אַט האָב איך געפונען...

די יאָרן 1904 און 1905. דער רוסיש יאַפּאַנישער קריג איז אין זיין פולן ברען. און דאָ, אין לאַנד גופא, דאָ פלאַקערט אַ צווייטער קריג — אַן אַנדער קריג, ניט אַ קריג פאַר פאַרכאַפּונג, ניט אַ קריג פון רויבעריי, נאָר אַ קריג פאַר גערעכטיקייט, אַ קריג פאַר באַפרייאונג, אַ קריג, אַז קריג זאָל אויפהערן פון דער וועלט, אַ קריג, וואָס וויל אָפּשאַפן מיליטאַריזם אינגאַנצן, אַ קריג קעגן אימפּעריאַליזם — אַ קריג, וואו דער אַרבעטער און פאַרשקלאַפטער קומט אַרויס צו פאָדערן זיין רעכט. אָבער וואו איז ער דער דאָזיקער אַרבעטער, וועלכער טראָגט די פאָן פון קאַמף פאַר פרייהייט, ווי קומט מען זיך מיט אים צונויף? און אַט שטייט ער דאָ, אין אַט דעם הילצערנעם הויז, וואוהין מיין שוועסטער איז אַריין, אַט דאָרט פאַרזאַמלט ער זיך, אַט דאָרט אַרבעט ער אויס זיינע קאַמפס פּלענער, אַט דאָרט אָרגאַניזירט ער זיינע כחות...

* *
*

ניט באַשערט איז מיר אָבער געווען אַריינצוטרעטן אין בונד, נאָר אין אַנדער רוסיש רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, האָט מיך פאַרכאַפּט אין איר רעוואָלוציאָנערן אימפּעט — די פּאַרטיי פון די רוסישע סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן.

דער צופאַל האָט געשפּילט, אַז איידער מיין שוועסטער האָט אויסגעאיבט איר איינפלוס אויף מיר, אַז איך זאָל אַריינטרעטן אין בונד, האָב איך זיך באַקאָנט מיט אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אין יענער צייט האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע פון דעם יאָר 1905. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם דרייטאָגיקן פּאָליטישן גענעראַל סטרייק, וואו דער רוסישער אַרבעטער האָט אויסגעדריקט זיין פּראָטעסט קעגן דעם ווילקיר פון דער ראָמאַנאָווסקער דינאַסטיע, וועלכע האָט זיך געבאָדן אין דעם בלוט פון דער 120 מיליאָניקער רוסישער באַפעלקערונג און וועלכע האָט אָט ערשט אָפּגעטאָן אַ טאַט פון גרויל, פאַרגיסנדיק די בלוט פון טויזנטער אַרבעטער, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט לעבן צאַרישן פּאַלאַץ אין פּעטערבורג און געבעטן ברויט און פרייהייט.

צווייטער קאַפּיטל

ערשטע רעוואָלוציאָנערע יאָרן

מיין ערשטער אַרעסט.

אַרעסטירט האָט מען מיך אויף דער בריסקער גאַס בעת איך האָב שפּאַצירט צוזאַמען מיט מיין חבר שייע יאָסל. ביידן האָט מען אונדז אַרעסטירט.

אין פּאָליציי צירקל, וואוהין מען האָט אונדז געבראַכט, האָט אונדז באַגעגנט דער פּאָליציאַנט באָנדאַרשטשיק און האָט אונדז גלייך אָנגעהויבן מכבד זיין מיט מערדערלעכע קלעפּ. נאָכדעם ווי

ער האָט אונדזביידן צעבלוטיקט, האָט זיך געעפנט אַ טיר פון דער קאַנצעלאַריע און מען האָט אונדז געהייסן גיין. ביים אַרויס־גאַנג זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך סאָלדאַטן אין צוויי רייען. צווישן זייערע רייען האָבן מיר דאָס געדאַרפט דורכגיין. ווי נאָר מיר זיינען אַריין צווישן די רייען, האָבן זיך די סאָלדאַטן אַ וואָרף געטאָן אויף אונדז און אונדז גענומען שלאָגן. מיר האָט זיך איינגעגעבן אַרויסדרייען פון זייערע מערדערלעכע לאַפּעס און איך האָב זיך אויסגעמישט מיט די איבעריקע אַרעסטירטע רעוואָלוציאָ־נערן, וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום די בעטן פון דער דאָזיקער פּאָליציייאישער קאַזאַרמע. ביטער איז אָבער געווען מיין חבר שייע יאָסלען. אים האָט זיך ניט איינגעגעבן אַרויסצורייסן זיך פון די סאָלדאַטסקע הענט און אים האָבן זיי, צוזאַמען מיטן פּאָ־ליציאַנט באַנדאַרשטשיק אַזויפיל געשלאָגן, אַז ער וואָלט שוין באַלד געווים געפאַלן אין אָנמאַכט. זיי האָבן אָבער געשלאָגן ביז אַ געוויסן גרעניץ, — ביזן טויט האָבן זיי מורא געהאַט צו שלאָגן. און אַז זיי האָבן דערזען, אַז מיין חבר האַלט שוין באַלד ביי פאַלן אין אָנמאַכט, האָבן זיי אים אָפּגעלאָזט און זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַ שיסל וואַסער און אים געהייסן אָפּוואַשן זיך, אַז עס זאָלן זיך ניט אָנזען די סימנים פון בלוט.

און דער מערדערלעכער פּאָליציאַנט, זיין אַרבעט אָפּגעטאָן, איז ער זיך רואיק צוגעגאַנגען צו זיין אייזערנער בעטל, מיט זיינע פאַרבלוטיקטע הענט האָט ער זיך רואיק אַרויסגעשלעפּט אַ קופערט פון אונטערן בעט, פון אים אַרויסגעצויגן אַ פלאַש בראַנפן און גלייך פאַרוואָרפן זי צווישן זיינע הינטישע ציין און אַ העלפט פון זיין קוואַרטיקן פלעשל בראַנפן האָט ער אין איין אָטעם אַריינגעג־בולבעט אין זיין אַלקאָהאָלישן האַלדז און ווערנדיק האַלב שיכור, האָט ער גענומען וואַרפן גיפטיקע בליקן אויף די אַרעסטירטע און געזוכט אַ נייעם קרבן, אויף וועלכן ער זאָל אויסגיסן זיין סאַדיס־טישן צאָרן.

לאַנג זוכן האָט ער ניט געדאַרפט. אַנטקעגן אים, אויף איינער פון די אייזערנע פּאָליצייאישע בעטן איז געזעסן כאַצקל דער שניי־דער. דער ווילדער פּאָליציאַנט האָט אים גלייך אָנגעכאַפּט פאַר

די האָר, אים אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד און האָט אים גענומען קנעטן און בוכטשען מיט די הענט און פיס.

אַ שרעק האָט אַרומגענומען מיינע אַלע גלידער. עס הערט זיך שוין מער ניט דער פאַרצווייפלטער אויסגעשריי פון וויטיק פון דעם געשלאָגענעם און די ווילדע געלעכטערס פון די שיקערע פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן. דער עלטסטער פּאָליציימאַן, איליאַ סוק, וועלכער איז שוין דאַן געשטאַנען אין דינסט פון דער צאַרסקער אַדמיניסטראַציע אין משך פון אַן אַכטצען יאָר, האָט זיך רואיק אַרומגעשפּאַצירט צווישן די בעטלעך אין קאַזאַרמע און איבער זיין פליישיקן פאַרשמאָלצענעם פעטן פּנים האָט זיך אויסגעגאָסן אַ מעפיסטאָפעלישער שמייכל. די אַרבל פון זיין גרויער העמד זיינען געווען פאַרקאַשערט אַריבער זיין עלנבויגן, דער פאָדערשטער טייל פון זיין העמד איז געווען פונאַנדערגעשפּילעט; אַ ברייטע פעטע האָריקע ברוסט האָט זיך אַרויסגעזען. מיט האָר, ווי ביי אַ חיה, זיינען אויך געווען באַוואַקסן זיינע הענט.

און קוקנדיק אויף אונדז אַרעסטירטע, האָט דער פּאָליציאַנט איליאַ סוק אָנגעפאַנגען ריידן צו זיך זעלבסט. זיין פאַרשמאָלצענער פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט, און אַ הייזעריקע באַסאָווע שטימע האָט זיך גענומען אַרויסרייסן פון זיין ברוסט:

— העי, דו, ווי איז דיין נאָמען? — האָט ער אויסגעשריען צו איינעם פון די אַרעסטירטע.

— מאַרקאָוויטש, — האָט זיך אָפּגערופן דער אַרעסטירטער מיט אַ שוואַכער ציטערדיקער שטימע.

— אַה, דאָס ביזטו? — האָט איליאַ סוק אויסגעשריען און האָט זיך ווילד צעלאַכט.

און ער האָט זיך גלייך געווענדט צו די איבעריקע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט און ער האָט זיי אָנגעהויבן דערציילן אַ מעשה שהיה. זייענדיק אַ פּאָליציאַנט אין אַ אידיש שטעטל און קומענדיק טאָג טעגלעך אין באַרירונג מיט אידן, האָט דער עלטסטער פון די פּאָליציאַנטן זיך אויסגעלערנט אייניקע אידישע גלייכווערטלעך און בכלל האָט ער זיך אַרויסגעוויזן מער מענטשלעך פון די איבעריקע פּאָליציאַנטן און ער האָט געמאַכט אַ

פאַרזוך צו באַהאַנדלען די פּאָליטישע מער מענטשלעך.

און דאָ האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זיין געשיכטע צו די איבעריקע פּאָליציאַנטן:

— מיט פופצען יאָר צוריק — האָט איליאַ סוק אָנגעפאַנגען זיין דערציילונג — בין איך, אין איינעם אַ האַרבסטיקן טאָג, געגאַנגען „פּאָ דיעלו סלוזשעבני אָביאַזאַנאַסטי"*) אויפמאָנען שטייערן פון שטאָטישע באַלעבאַטים. אין דרויסן איז דאַן געפאַלן אַ נאַסער שניי. אַ שניידענדער ווינט האָט מוראדיק געשניטן גלייך אין פּנים אַריין און אַזוי קריכנדיק איבער די אידישע געסלעך, האָב איך דערשמעקט דעם גערוך פון געקאָכטע פיש. דער טומל וואָס אידן מאַכן אָן אומעטום וואו זיי זיינען דאָ, האָט זיך דערטראָגן צו מיינע אויערן, און אַגב האָב איך טאַקע געוואָלט אַ שמעק טאָן, וואָס עס הערט זיך עפּעס ביי אונדזערע „זשידלעך". געווען זיינען אונדזערע אידעלעך אַמאָל פיינע לייט, און איצט — זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר מיינע רייד — אַזויפיל בונטאָווּשטשיקעס צווישן זיי, אַז זאָל זיך גאָט דערבאַרימען...

גיי איך מיר אַזוי אַריין אין הער אַבראַמאָווס הויז, און איך דערזע פאַר זיך גאָר אַ נייע וועלט: אידן מיט לאַנגע בערד, אַלטע און יונגע, ווייבער מיט צשיפּיקעס אויף די קעפּ, — אַלע יום־טובדיק אָנגעטאָן, זיצן ביי צוויי לאַנגע טישן, אויף וועלכע עס איז אויסגעשטעלט מכל טוב: קיכלעך, לעקעך און בראָנפן.

ווי נאָר זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי מיך באַפאַלן און מיך גענומען שלעפּן צים טיש... דעם אמת געזאָגט האָט זיך מיר געוואָלט לאָזן בעטן, וואָרים ס'האָט מיר ניט געפּאַסט גלייך צו זעצן זיך ביים טיש, וואָרים איך בין דאָך עפּעס אַ „קאַזיאָנער" מענטש, און געגאַנגען בין איך דאָך „פּאָ זלוזשעבנים אָביאַזאַנאַסטיאַם", אָבער וואָס מער איך האָב זיך געלאָזט בעטן, זיינען די אידעלעך צו מיר אַלץ מער צוגעשטאַנען, און ענדלעך האָב איך זיך אַוועקגעזעצט מיט דעם הער אַבראַמאָוו און די איבעריקע אידן ביים טיש.

---

*) אויף אַ רעגירונגס מיסיע

מען האָט גלייך אוועקגעשטעלט פאַר מיר אַן עקסטרע פלעשל בראַנפן און איך האָב גענומען טרינקען.

נו, אַז מען טרינקט, ווייסט איר דאָך: אַ געשמאַקע וואַרימקייט האָט זיך באַלד פונאַנדערגעגאָסן איבער אַלע מיינע גלידער, איך האָב גלייך פאַרגעסן אָן דעם ווינט מיט דעם קאַלטן נאַסן שניי, און צום בראַנפן האָט מען מיר צוגערוקט געקאָכטע פיש און פלייש, — האָב איך געגעסן און געטרונקען אַז זיך געלאָזט וואוילגיין. פוי, וויפיל שנאַפּס און ביר איך האָב דאָס דאַן אין זיך אַריינגעגאָסן, אַזש דער קאָפּ האָט זיך מיר גענומען דרייען...

דערזען אַז איך בין בגילופין, האָט הער אַבראַמאָוו מיך גענומען אונטערן אָרעם, האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צווייטן צימער און האָט מיר געצייגט זיין ניי־געבווירענעם זון. דאָס האָט ער געטאָן, כדי אוועקצושלעפּן מיך פונם טיש, אַז איך זאָל מער ניט טרינקען... אַ כיטרער אידל געווען און אַ גוטהאַרציקער.

איך האָב געקוקט אויף דעם קליינעם שנעקל: איינגעדרייט אין אַ קאָלדרע, געלעגן און געקוויטשעט. עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז באַלד וועט ער אינגאַנצן אַוועקשטאַרבן פון דער אָפּעראַציע, וואָס אידן מאַכן אויף זייערע ניי געבוירענע זין.

ווען איך בין פון יענעם הויז אַוועק, איז מיין לעדערנער ראַניעץ געווען אָנגעפּאַקט מיט כל טוב פון עסן און טרינקען. איך האָב זיך פון דעם געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער אונדזערע אידעלעך, אַז זיי טשעפּען זיך אָן, קען מען פון זיי ניט אָפּטשעפּען זיך...

און איליאַ סוק האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און האָט אָנגעצייגט די פּאָליציאַנטן אויף איינעם פון די אַרעסטירטע:

— זעט איר דעם יונגאַטש, וואָס זיצט אויף יענעם בעט? אָן זיצט ער דאָרט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אונטערגעהאַקטע אייגן. אָט דאָס זיינען זיי דאָס די העלדן, וועלכע ווילן אַרונטערוואַרפן אונדזער צאַר באַטיושקאַ!... פּע!... טפוי, דער טייוול זאָל זיי נאָר צונעמען!... וויפיל ערגערניש זיי פאַרשאַפן דאָס מיר!...

און ער האָט זיך געווענדט צו איינעם פון די אַרעסטירטע:

— העי, דו! קום נאָר אַהער!

דער אַרעסטירטער, ס. מאַרקאָוויטש, האָט זיך אויפגעהויבן

און איז צוגעקומען צו סוקן. סוק האָט אים אָנגענומען ביים האַנט און האָט זיך צעלאַכט:

— כאַ־כאַ־כאַ... קום נאָר אַהער, דו קליינער זשוליק! זעט נאָר ווער עס בונטעוועט זיך דאָס! קוקט נאָר אָן דעם פּאַרשוין! כאַ־כאַ־כאַ... אָבער דער טאַטע דיינער איז דאָך אַ פיינער מאַן... נו, און דיין מאַמע, איך שטעל זיך פאָר ווי זי איז פאַרזאָרגט... נו, גיי אַהיים און זאָג דיין טאַטן, אַז ער זאָל מיך קומען זען מאָרגן, „פּאָ דיעלו אָביאַזאַנאָסטי"*).

* *

*

אין משך פון דער צייט, וואָס מען האָט מיך געהאַלטן פאַר־שפּאַרט אין דער דאָזיקער קאַזאַרמע, האָט מען אַ סך פון די אַרעס־טירטע באַפרייט און אַ סך פרישע אַרעסטירטע זיינען געבראַכט געוואָרן. עס איז געוואָרן פאַרנאַכט. אין צימער איז טונקל גע־וואָרן און מען האָט אָנגעצונדן אַ פּאָר קליינע לעמפּלעך. שאָטנס האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער קאַזאַרמע און נאָך מרה־שחורה־דיקער איז געוואָרן אין צימער. אויף אייזערנע בעטלעך זיינען געלעגן אויסגעצויגן עטלעכע האַלב נאַקעטע פּאָליציאַנטן, אין ליי־ווענטענע אויסגענייטע העמדער. ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, האָט מען אַלע אַרעסטירטע אַרויסגעפירט פון דער קאַ־זאַרמע.

אין דרויסן האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ס'איז גע־ווען אַ שיינע נאַכט. אין הימל האָבן געפינקלט טויזנטער שטערן. אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן מיט ביקסן אויף די אַקסלען האָבן אונדז אַרומגערינגלט. אין אַ האַלבער שטונדע אַרום זיינען מיר שוין ווען אין דער שטאָטישער קאַזאַרמע, וואו עס האָבן זיך אויפגע־האַלטן די פייערלייט.

מיך מיט די איבעריקע אַרעסטירטע האָט מען אַריינגעזעצט הינטער אייזערנע גראַטעס...

צום ערשטן מאָל אויף מיין לעבן...

---

*) וועגן אַן אָפיציעלן רעגירונגס ענין.

דער גערדראַנג און שטיקעניש אין דעם צימער פון דער טורמע, וואוהין מען האָט אונדז אריינגעפירט איז געווען ממש ניט אריבערצוטראָגן. דער קליינער צימער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אַרעסטירטע בונדאָווצעס און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן. אין אַ ווינקל פון דעם שמוציקן צימער האָט געברענט אַ בלעכערן לעמפּל. די גלאָז פונם לאָמפּ איז געווען פאַררויכערט און פונם לאָמפּ האָט אוימאויפהערלעך געטראָגן זיך אַ שטיקנדיקער רויך און האָט אַזוי פאַרגיפטעט די לופט, אַז עס איז שווער געווען צו כאַפּן דעם אָטעם.

אָבער מען געוואוינט זיך צו אַלץ צו. מען געוואוינט זיך צו צו אָטעמען די לופט אַפילו פון אַן ענגן תפיסה קעמערל. אין משך פון די קומענדיקע צוויי טעג האָט מען נאָך דערצו דעם גרעסטן טייל פון די אַרעסטירטע באַפרייט, געבליבן זיינען בלויז איך און נאָך צוועלף אַרעסטירטע.

און הפנים, אַז אונדז האָט מען געהאַלטן פאַר געפערלעכע אַרעסטאַנטן, וואָרים מען האָט אונדז באַלד אריבערגעפירט אין דער הויפּט תפיסה.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אריבערגעטראָגן דעם שוועל פון גייסטיקע און פיזישע יסורים און די אייביקע שמערצלעכע ליידן פון די קרבנות, וואָס האָבן זייער פרייהייט פאַרלוירן.

אין דעם צימער, וואו מען האָט מיך אריינגעזעצט, זיינען שוין דאָן געזעסן צוויי פּאָליטישע אַרעסטירטע: חבר אַלעקסאַנדער גורעוויטש, אַ סטודענט פון דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וועמען מען האָט געכאַפּט מיט אומלעגאַלער עס־עס׳אָווסקער ליטעראַטור, און חבר שלמה טיסטשיק, אַ באַקאַנטער בונדיסט פון פּינסק.

איך בין געווען אַ רעוואָלוציאָנער. אַ רעוואָלוציאָנער בין איך אָבער געווען בלויז דורך אימפּעט. פון די רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַל עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אידייען האָב איך אָבער זייער ווייניק געוואוסט. מיטן מאַרקסיזם בין איך אודאי ניט געווען באַקאַנט. און דערפאַר איז פאַר מיר די טורמע פאַרוואַנדלט געוואָרן

וואָרן אין אַ חדר, אַ חדר וואו איך האָב זיך אָנגעהויבן באַקאָנען מיט די פאַרשיידענע אידייען און טעאָריעס, וועלכע זיינען געפּריי־דיקט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען.

דער לערער מיינער איז געווען דער סטודענט גורוויץ. און אַ דאַנק אים האָב איך ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָריענטירן זיך אין סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען און אָנגעהויבן באַקע־נען זיך מיט רעוואָלוציאָנערע אידייען. יעדן אָוונט איז גורוויץ געזעסן און האָט מיט מיר געלערנט, האָט מיר דערציילט, אויפגע־קלערט פאַרשיידענע אידייען, געגעבן מיר זיי צו פאַרשטיין. און דערביי איז ממש געווען צו באַוואונדערן זיין גרויסע יורידיציע און זיין אויסערגעוויינלעכן זכרון — ער האָט געקענט גאַנצע קאַפּיטלעך פון קאַרל מאַרקס'ס „קאַפּיטאַל" ציטירן אויף אויסווייניק, און זיי האָט ער פאַר מיר איבערגעזאָגט און דערביי געדולדיק און מיט פייער און ברען און מיט פאַנאַטישן גלויבן זיי מיר אויפגעקלערט.

* *
*

אין אַלגעמיין איז דער רעזשים אין טורמע ניט געווען אַזאַ שטרענגער. די חברים אויף דער פריי האָבן אונדז באַזאָרגט מיט עסן און מיר האָבן זיך געפילט ניט אַזוי אונטערדריקט. פאַרשטענ־דלעך, אַז דאָס אַליין וואָס אונדז האָט געפעלט פרייהייט איז געווען גענוג דערדריקנדיק. מיר האָבן אָבער קיין פיזישע יסורים ניט גע־ליטן. אויסצושטיין זיך האָבן מיר אָבער געדאַרפט אינוויינים אין טורמע פון די אַרעסטאַנטן גופא. געווען פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט אונדז איינער אַ קרימינעלער פאַרברעכער מיטן נאָמען סאַשקאַ. ער איז געווען פאַראורטיילט אויף דריי יאָר אַרעסטאַנטסקע ראָטע. האָט ער זיך מיישב געווען, אַז ער וועט קענען אויסנוצן די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע פאַר זיינע אייגענע צוועקן און ער האָט פון אונדז געפאָדערט געלט, און דערביי האָט ער געטענהט, אַז די פּאָליטישע זיינען אים פאַרשולדיקט, ער האָט קריוודעס קעגן זיי.

די קריוודעס זיינען געווען ווי פאָלגט:

מען האָט אים, סאַשקאַן, געכאַפּט ביי דער גנבה, פאַר וועלכער ער איז דאָס אַרעסטירט געוואָרן, אין דער זעלבער נאַכט, וואָס דער

בונד האָט דערמאָרדעט דעם פּראָוואָקאַטאָר אהרן דוד...

אויסטענהן זיך האָבן די קרימינעלע און פּאָליטישע אַרעס־טירטע געקענט צווישנאַנאַנד, וואָרים די צימערן פלעגן ניט פאַר־שלאָסן ווערן און מען האָט געקענט אַריינקומען פון איין צימער אין דעם צווייטן. און אַז מיר האָבן אויסגעהערט סאַשקאַס טענות און זיך פּ־ין זיי אויסגעלאַכט, איז ער אַריין אין אַ ווילדער רציחה און האָט אויפגעהויבן אַ האַנט צו שלאָגן זיך. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער. פאַר סאַשקאַן אַליין איז טאַקע ניט געווען וואָס צו שרעקן זיך, אים אַליין וואָלטן מיר געקענט בייקומען. אָבער עס האָבן זיך דאָך געקענט אַריינמישן אויך די איבעריקע קרימענעלע און דאַן וואָלט זיכער געקומען צו בלוט פאַרגיסונג. צום גליק אָבער האָבן די איבריקע קרימינעלע פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי וועלן אָנהויבן אַ געשלעג, וועט מען זיי פאַרשפּאַרן אין איינצעלנע קאַמערן, — האָבן זיי דעריבער סאַשקאַן פון אונדז אַוועקגעשלעפּט און אַז מיר האָבן דערנאָך סאַשקאַן טאַקע געגעבן אַ מתנה צוויי רובל איז ער געווען צופרידן. איבעריקנס איז ער שוין לאַנג דאָ אין טורמע ניט געשטאַנען, וואָרים מען האָט אים באַלד אַוועקגעפירט אין זיין טורמע, וואו ער האָט באַדאַרפט אָפּזיצן זיינע דריי יאָר.

* *

*

אין טורמע בין איך דאַן אָפּגעזעסן איין און צוואַנציק טעג. דאַן האָט מען מיך באַפרייט, אָבער איך האָב זיך גערדאַרפט געפי־נען אונטער דעם אויפזיכט פון דער פּאָליציי.

און אויפזיכט פון דער פּאָליציי איז דאַן ניט געווען אַזאַ לייכטע זאַך. אונטער דעם מינדנסטן אויסרייד האָט מען מיך צו יעדער צייט געקענט אַרעסטירן. און דאַן וואָלט מיין שטראָף געווען גרויס. און צו באַקאָנען זיך מיט דער פּאָליציי איז מיר ווידער אויסגעקומען גאָר אינגיכן, אין צוויי טעג אַרום נאָך מיין באַפרייאונג.

די פּאָליציי האָט זיך אַריינגעריסן צו אונדז אין הויז צו מאַכן אַ רעוויזיע און, זוכנדיק, האָבן זיי געפונען אין דער קעשענע פון מיין ברודערס רעקל אַ פאַר אומלעגאַלע פּראָ־

קלאָמאַציעס. מיין ברודער האָט שוין דאַן אַרויסגעהאָלפן מיין פאָטער אין זיין אַרבעט און זיין אַרעסט וואָלט געווען אַן אומגליק פאַר אונדזער הויז. האָב איך דעריבער באַשלאָסן, אַז איך וועל איבערנעמען די שולד אויף זיך. איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל דערפאַר טייער באַצאָלן, וואָרים איך האָב זיך דאָך געפונען אונטער דעם פּאָליציייאישן אויפזיכט, אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך זיך מיט קיין זאַך ניט גערעכנט. איך האָב בלויז אין זינען געהאַט מיין פאָטער, וועלכער האָט שוין דאַן געליטן פון אַ כראָ־נישער מאָגן קראַנקהייט, אַז ער קען ניט און טאָר ניט פאַרלירן מיין ברודער. אַפילו אויף איין טאָג ניט.

דערוואַרט האָב איך, אַז מען וועט מיך, ווי געוויינלעך, גלייך אַרעסטירן און מיר וועט שוין אויסקומען היפּש אָפּקומען, אָבער צו מיין גרויס דערשטוינונג זיינען זיך די פּאָליציי אַוועק פון הויז און מיך איבערגעלאָזט אויף דער פריי.

די סבה פון אָט דער אומדערוואַרטעטער גוטוויליקייט פון דער פּאָליציי איז געווען דאָס, וואָס דער געהילפס־פּריסטאַוו, וועלכער האָט די רעוויזיע דורכגעפירט, איז געווען אונדזערער אַ נאָענטער שכן און האָט געוואוינט אויף דער זעלבער גאַס און אים איז איינ־געפאַלן, אַז ער וועט באַווייזן שכנישע גוטפריינטשאַפט און ער וועט מיך לאָזן זיין פריי.

אַזוי האָט געטראַכט דער געהילף פּריסטאַוו, אָבער די איבע־ריקע פּאָליציי האָבן אַנדערש געטראַכט, זיי האָבן זיך געטראַכט, אַז איך וואָלט געווען פאַר זיי אַ גוטער קעסט־קינד און אויף מאָרגן איינדערפרי איז אונדזער גאַס אַרומגערינגלט געוואָרן און מען האָט מיך געזוכט צו אַרעסטירן.

צום גליק בין איך אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז מען וועט מיך באַלד קומען אַרעסטירן, און, יונג בין איך נאָך געווען, שלאַנק און דין, אין פרויאישע קליידער וואָלט מען מיך ניט דערקאָנט אַז איך בין אַ מאַן, — האָב איך זיך טאַקע אָנגעטאָן אין פרויען קליידער און איך בין פון זיי אַוועק.

אָט דער איינפאַל איז מיר דאַן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַזש איך האָב אים אויסגענוצט אַפילו אויף אַרומשפּאַצירן איבערן גאַס,

אויף דער „בירזשע" (דעם שפּאציר פּלאַץ, וואו די רעוואָלוציאָנערן פלעגן זיך טרעפן) און קיינער האָט מיך ניט חושד געווען, אַז אָט די פרוי וועלכע שפּאַצירט אַזוי פריי אַרום איבער די פּינסקער גאַסן, איז גאָר דער רעוואָליציאָנער, וואָס די פּאָליציי זוכט אים אַרום.

אין אַוואָך אַרום האָט מיך מיין פאָטער אָפּגעשיקט קיין אויס־לאַנד.

דריטער קאַפּיטל

גאַליציע

מיט דער הילף פון שמוגלערס האָב איך זיך אין ראַדזיוויל אַריבערגעכאַפּט דעם רוסיש־עסטרייכישן גרעניץ און אויף מאָרגן בין איך שוין געווען אין בראָד.

אין בראָד איז דאַן געווען לעבעדיק. טויזנטער רוסישע אַר־מיי רעזערוויסטן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסמיידן די מאָביליזאַ־ציע צו גיין שלאָגן זיך אין דעם רוסיש יאַפּאַנעזישן קריג, זיינען אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און האָבן פאַרפלייצט בראָד.

די עסטרייכישע פּאָליציי האָט זיך צו די רעזערוויסטן באַ־ציי‌גן גאַנץ סימפּאַטיש און זי האָט זיי געלאָזט צו רו. און בכלל האָט זי זיך וועגן זיי זייער ווייניק געקימערט, ווייל זיי זיינען דאָך בלויז געווען פאַרבייפאָרער, אין שטאָט האָבן זיי ניט ברעה געהאַט צו פאַרבלייבן, נאָר זיי אַלע זיינען געשטאַנען אויפן וועג קיין אַמע־ריקע אָדער קיין ענגלאַנד.

איך בין קיין רעזערוויסט ניט געווען, אָבער אויך איך האָב זיך געפילט פריי, אָבער ניט האָבנדיק קיין איבעריקע געלט צו פאָרן ווייטער פון דאַנען, האָב איך באַשלאָסן צייטווייליק צו פאַרבלייבן אין בראָד און זוכן דאָ באַשעפטיקונג.

אין בראָד גופא האָב איך קיין אַרבעט ניט געפונען, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך געפונען אַרבעט פערציק מייל אַוועק

פון בראָד, אין אַ גאַליציאַנישן דאָרף האָליאַדאָוו, וואָס איז געווען באַוואוינט פון רוטענער. אַרבעטן האָב איך זיך דאָרט געשטעלט אויף אַ גוט.

ווען איך האָב זיך דאָרט אָנגעשטעלט צו אַרבעטן, האָב איך זיך אָנגעגעבן פאַר אַ מוליער. און וויבאַלד איך בין אַ מוליער, האָט מען מיך אוועקגעשטעלט קאַלכן צימערן. נו, האָב איך געקאַלכט... דאָך איז מיין אַרבעט אָנגענומען געוואָרן. איך האָב געאַרבעט מיט אַלע כחות, אַז איך זאָל אויסנעמען, געאַרבעט אַריבער דער צייט, געאַרבעט איבעריקע שטונדן, אַבי איך זאָל נאָר געפעלן ווערן, און מיין אַרבעט איז אָנגענומען געוואָרן און אָפּגעאַרבעט האָב איך דאָרט דריי וואָכן נאָכאַנאַנד.

דערווייל איז אָבער אָנגעקומען פּסח. דאָס איז געווען אין פרילינג פון 1905. צו פאַרבלייבן פּסח אויפן דאָרף האָט זיך מיר ניט געגלוסט און איך האָב באַשלאָסן אָפּצופאָרן צוריק קיין בראָד. די רייזע קיין בראָד האָט געדאַרפט קאָסטן צען גולדן. פאַר מיר איז עס דאַן געווען אַ גרויסע סומע געלט. איך האָב פּשוט אַזויפיל ניט געהאַט. האָב איך זיך מיישב געווען, אַז איך וועל די רייזע מאַכן אויף מיינע אייגענע פיס. באַשלאָסן און געטאָן, און מיטגענעמענדיק מיט זיך אַ האַלבן שוואַרצן ברויט, בין איך אויפגעשטאַנען פיר אַזייגער אינדערפרי און איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ס'איז געווען אַ שיינער פרילינג פרימאָרגן. די זון האָט געלויכטן און געוואַרימט. עס האָט שוין געשמעקט מיט דעם ערשטן אָטעם פון פרילינג. די ביימער האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסלאָזן זייערע ערשטע קנאָספּן און צו שפּאַצירן איז געווען אַ פאַרגעניגן.

דער פאַרגעניגן האָט אָבער אַביסל אויפגעהערט, ווען איך האָב דעם ערשטן האַלבן טאָג שוין אָפּגעשפּאַצירט און ווען מיינע פיס האָבן שוין אַביסל אויפגעהערט צו פאָלגן מיין אימפּעט... און אַז די פיס האָבן אויפגעהערט אַזוי גערן צו פאָלגן, איז דער געמיט שוין אויך ניט אַזוי פרייליך געוואָרן און איך האָב פלוצים דערפילט זיך זייער עלנט און דאָ האָט זיך אוועקגעצויגן אַ גרויסער געדיכטער וואַלד, און איך האָב אָנגעהויבן אַביסל אויך

שרעקן זיך און עס האָט זיך מיר אָנגעהויבן דוכטן, אַז אָט פליט באַלד אַרויס אַ סטאַיע וועלף אין וועט מיך באַפאַלן... און אין מיין זיכרון האָבן אָנגעהויבן אַרויפקומען מעשיות פון וואַנדערער, וועלכע זיינען באַפאַלן געוואָרן פון וועלף און וואָס זייער סוף איז געווען... און וואָס מער שרעקלעכע בילדער האָבן זיך אין מיין פאַנטאַזיע געגנומען מאָלן, אַלץ שנעלער האָב איך גענומען גיין און באַלד האָב איך זיך אַזש געלאָזט לויפן. אין מיין האַנט האָב איך געהאַלטן אַ גראָבן צווייג וואָס איך האָב אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך געגרייט צו קעמפן פאַר מיין לעבן... די זון האָט אָנגעהויבן פאַרגיין. אין וואַלד איז געוואָרן פינצטער. ערגעץ האָט זיך אַ קוקו צעשריען. דער הימל איז אין מערב באַצירט געוואָרן מיט רויטע פלאַמענדיקע פלעקן. די טעלעגראַפישע דראָטן, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון האָליאַדאָוו ביז בראָד און וועלכע זיינען געווען מיינע וועג ווייזער האָבן זיך געהודיעט און מיך נאָך מער געשראָקן...

אָבער אַ סוף נעמט דאָך צו אַלץ און אַ סוף האָט גענומען אויך צום וואַלד. איך בין באַלד אַרויס אויפן פרייען פעלד און מיר איז אַביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן

ווען איך בין אָנגעקומען קיין בראָד איז שוין געווען אַרום צען אַזייגער — די ערשטע סדר נאַכט. אידן זיינען מיר אַנטקעגן געקומען גייענדיק פון שול. יעדער איד איז זיך נחת־רוח׳דיק אהיים געגאַנגען צו פראַווען דעם סדר... וואוהין זאָל איך אָבער גיין? איך בין אַוועק צו מיין אַלטן באַלעבאָס מרדכי ראַדזיאַווילער.

אַ שלום עליכם האָב איך פון דעם דאָזיקן ר׳ מרדכין טאַקע געקראָגן אַ ברייטן, אָבער קיין סדר ניט. אַנשטאָט דעם האָט מען מיר געראַטן צו גיין אין דער אידישער פאָלקס קיך, און עס האָט זיך טאַקע באַלד געפונען אַ רוסישער רעזערוויסט, וועמען דער פלאַץ פון דער קיך איז געווען גוט באַקאַנט, ווייל פאַר די דאָזיקע רעזערוויסטן איז דאָך די קיך געעפנט געוואָרן, — און דאָרט האָט מען מיר פאַר צוויי ראַניש געגעבן אַ מאָלצייט קאַרט אויף דער גאַנצער וואָך.

* *
*

איך האָב אין דער צייט וואָס איך האָב געפונען זיך אין בראָד באַזוכט דעם קלוב פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, אָדער, ווי זי האָט געהייסן פּ. פּ. ס. און פאַר מיר איז געווען אַ גרויסער חידוש ווי אַזוי די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי פלעגן זיך רואיק פאַרזאַמלען און רואיק און אָן שרעק דעבאַטירט זייערע ענינים. מיר האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז ערגעץ אויף דער וועלט זאָל קענען געמאָלט זיין אַ ווינקל, וואו אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי זאָל זיין לעגאַל. און איך האָב די בראָדער סאָציאַליסטן אמת'דיק מקנא געווען.

די חברים פונם קלוב האָבן מיך מקרב געווען און אידישע סאָציאַליסטן האָבן מיר אָנגעהויבן געבן ביכלעך צו לייענען. אויפן לייענען האָב איך זיך אַרויפגעוואָרפן ווי אַ הינגעריקער וואָלף. געלייענט האָב איך אַלץ וואָס מיר איז נאָר געקומען צום האַנט. צי דאָס איז געווען אַ ביאָגראַפיע פון אַלעקסאַנדער מוקדון, צי דאָס איז געווען קאַרל מאַרקס, צי ענגעלס, צי לאַסאַל, — איך האָב אַלץ געלייענט און אויף אַלץ האָב איך געקוקט מיט גרויס דרך ארץ, אַז דאָס באַהאַלט אין זיך גרויסע סודות, גרויס וויסן, גרויסע אַנטפּלעקונגען.

און — געקומען איז דער ערשטער מאַי און — איך האָב באַשלאָסן צו פייערן דעם ערשטן מאַי צוזאַמען מיט די בראָדער אַרבעטער.

דער יום טוב האָט געזאָלט זיין זייער אַ פייערדיקער. אַ ספּעציעלער רעדנער איז אַראָפּגעקומען פון ווין. דער קליינער זאַל, אין וועלכן די בראָדער אידישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט איז געווען איבערגעפּאַקט. ווען דער רעדנער האָט געענדיקט זיין דרשה, פאַרדאַמענדיק די שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע פון די פעדערן פאַבריקן פון בראָד, וואו עס אַרבעטן מערסטנס פרויען, — זיינען די פאַרזאַמלטע אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבן זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל און זינגענדיק זיינען זיי אַרויס אין דרויסן און אָנגעהויבן מאַרשירן איבער די גאַסן.

אין דרויסן איז שוין געווען טונקל. דורך די פענצטער פון די צווייטשטאָקיקע הייזער האָבן אַרויסגעשיינט טונקעלע פּאַסן ליכט פון די פאַררויכערטע גאַליציאַנער לאָמפּן. וואו ניט וואו האָבן זיך אויף די גאַסן געמערקט איינצעלנע פאַרבייגייער, וועלכע זיינען דורכגעגאַנגען ווי שאָטנס איבער די טונקעלע געסלעך. עס האָט לאַנג ניט גענומען און פון דעם עולם, וואָס עס איז אַרויס פון זאַל האָט זיך אַנטוויקלט אַ מאַרשירנדיקע דעמאָנסטראַציע. אַ פּאַפּירענע רויטע לאַמטערנע האָט זיך אַ הויב געטאָן אין דער לופטן. דאָס איז געווען אַ רויטע לאַמטערנע במקום אַ פאָן און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן אויף אידיש און אויף דייטש: „לעבן זאָל דער אַכטשטונדיקער אַרבעטסטאָג! נידער מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג! לעבן זאָל דער סאָציאַליזם!

די דעמאָנסטראַנטן זיינען ניט געשטערט געוואָרן ביז וואַנען זיי זיינען צוגעקומען צו דער גאָלדענער גאַס. אָבער ווי נאָר מען איז צוגעקומען אַהין, האָט זיך גלייך אַריינגעמישט פראַנץ יאָזעפס אַ פּאָליציימאַן און האָט אָנגעהויבן שטערן די אָרדנונג. אַנשטאָט צו מאַרשירן אין מיטן גאַס, האָט די מאַסע, וועלכע איז באַשטאַנען פון עטלעכע הונדערט דעמאָנסטראַנטן, זיך צעטיילט אויף צוויי טיילן און זיי זיינען אַוועק איבער די טראָטואַרן פון ביידע זייטן גאַס, אַראָפּשטויסנדיק פון דאָרט אַלע אַנדערע פאַרבייגייער.

* *

*

לאַנג צו פאַרברענגען אין בראָד איז מיר ניט אויסגעקומען. אין עטלעכע וואָכן אַרום, אין יוני 1905 בין איך אָפּגעפאָרן קיין קראָקע.

מיט אַ קליין לייוונטן זעקעלע, וואו עס איז געווען פאַרפּאַקט מיין גאַנצער אייגנס — עטלעכע פּאָר וועש — בין איך אָנגעקומען קיין קראָקע.

קיין באַקאַנטע האָב איך דאָרט ניט געהאַט, און וואוהין צו פאַרפאָרן האָב איך ניט געוואוסט. בין איך אַראָפּגעקומען

פון דער באַן און זיך געלאָזט גיין איבער די קראַקאָער גאַסן. געשפּאַצירט האָב איך גלאַט אין דער וועלט אַריין, געוואָלט באַ־קענען זיך מיט דעם אויסזען פון דער שטאָט. אָבער וואָס מער איך האָב שפּאַצירט, אַלץ ווייניקער האָב איך געוואוסט וואו איך בין און אַלץ ווייניקער האָב איך געוואוסט וואוהין צו גיין און וואָס צו טאָן.

ווען אין דרויסן איז פינצטער געוואָרן האָב איך דערזען אַ אידישן רעסטאָראַן. בין איך אַהין אַריין.

אין רעסטאָראַן איז געווען טומלדיק. די באַלעבאָסטע איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמייעטע. ביי טישן האָבן עטלעכע יונגע בחורים געשפּילט ביליאַרד.

אויפן האַרצן איז מיר געווען ביטער. געווען בין איך מוראַדיקע עלנט. אין קעשענע זיינען ביי מיר געווען בלויז פינף ראָניש. און אַרבעט — ווער ווייס ווען און ווי איך וועל קענען קריגן. און דערווייל האָב איך ניט וואוהין אַהינ־צוטאָן זיך. בין איך אַזוי געזעסן ביי אַ ווינקל טישל און הפּנים אַז מיין אויסזען האָט אויסגעדריקט מיין געמיט, וואָ־רים ווען די באַלעבאָסטע פונם רעסטאָראַן איז צו מיר צוגעגאַנ־גען פרעגן וואָס איך וויל, האָט זי אויף מיר געקוקט מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק פון חשד אויפן פּנים. איך האָב ביי איר באַשטעלט עטוואָס צו עסן און אַז איך האָב איר באַצאָלט, האָב איך זיך געמוזט געזעגענען מיט עטלעכע גרייצער...

איך האָב אָבער יאָ געפונען וואו צו איינשטיין: טאַקע אין דעם זעלבן הויז, וואו דער רעסטאָראַן האָט זיך געפונען, אויפן פערטן שטאָק.

דער באַלעבאָס פון מיין וואוינונג איז געווען אַן עלטערער איד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד און אין די לאַנגע ציצית, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון זיין טלית קטן האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבערן ליידיקן הויז און איבער די ליידיקע צי־מערן. אין פאָדערשטן צימער האָט געברענט אַ קליין לעמפּל, וועלכער האָט געשיקט איבערן צימער מער שאָטן איידער ליכט און געוואָרפן אַ מרה שחורה איבער דער אָרימקייט פון דער דאָ־

זיקער דירה.

אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען פרי און גלייך אַוועק זוכן באַשעפטיקונג. פון די „גרויסע" פאַרדינסטן וואָס איך האָב געהאַט אין גאַליציע, האָב איך קיין געלט ניט אָפּגעשפּאָרט אויף צו קויפן זיך קליידער און איך בין נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען אין מיין רוסישן היטל מיטן בלישצענדיקן קאָזיראָק און — אַט דאָס היטל האָט מיר געגעבן פאַרזוכן אויף עטלעכע טעג דעם טעם פון דער קראָקאָער תפיסה. און אַט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען:

שפּאַצירנדיק איבער בראָדסקער גאַס איז צו מיר צוגעקומען אַן אומבאַקאַנטער מאַן, פיין געקליידט, און האָט מיר גענומען שטעלן פאַרשיידענע פראַגעס: ווער איך בין, פון וואַנען איך קום, צי האָב איך אַ פּאַספּאָרט, צי האָב איך געלט ביי זיך און וואָס איך טו דאָ אין קראָקע. אויף אַלע זיינע פראַגן האָב איך אים געענטפערט ווי דער אמת איז און אים דערציילט, אַז איך זוך באַשעפטיקונג.

דאַן האָט מיר דער מאַן געזאָגט, אַז ער קען פאַר מיר קריגן באַשעפטיקונג און אַז איך זאָל אים נאָכגיין. איך האָב זיכער געדענקט, אַז איך בין באַגליקט געוואָרן און מיט גרויס שמחה בין איך אים נאָכגעגאַנגען. פון מיין שמחה האָט זיך אָבער באַלד אויסגעלאָזט אַ מוראדיקע אַנטוישונג, וואָרים אָנשטאָט וואָס דער מאַן זאָל מיך פירן צו אַ פאַבריק, האָט ער מיך גאָר צוגעפירט צום מאַגיסטראַט. ווען איך האָב דערזען וואוהין דער מאַן פירט מיך, האָב איך געפּרואווט מאַכן פּליטה, אָבער צוויי פּאָליציילייט האָבן מיך אָנגעיאָגט און מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט.

די באַגריסונג, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין מאַגיסטראַט איז ניט געווען קיין זייער פריינטלעכע. דער ערשטער האָט מיך אויפגענומען אַ יונגער פּאָליאַק, וועלכער איז געווען גאַנץ פראַנטיש פאַרפּוצט. באַגעגנט האָט ער מיך מיט ציין־סקריגעניש און קאָנטיק געוועזן נאָך אים, אַז וואָלט ער געווען אין דער אייגענער, און ניט אין פראַנץ יאָזעפס מדינה, וואָלט ער מיך צעריסן...

דער בעל־טובה מיינער, דער געהיימער אַגעט, וועלכער האָט מיך אַרעסטירט און אַהער געבראַכט, האָט זיך גלייך גענומען צו

דער אַרבעט, אויסגעטרייסלט מיינע קעשענעס, פאַרנומען דאָס ביסל אָרימקייט, וואָס ער האָט דאָרט געפונען און מיך גלייך אוועקגעפירט אין אַ פינצטערן צימערל, וואו אויף דער נאַרע זיינען שוין געלעגן עטלעכע פאַרשוין — עטלעכע פּאָליאַקן און אַ רוסישער סאָלדאַט, וועלכער האָט נאָך געטראָגן זיינע מיליטערישע קליידער.

אהער אין טורמע איז קודם געקומען אַ דאָקטאָר און האָט מיך עקזאַמינירט און דערנאָך האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַ נייער טורמע, וואו מען האָט מיך פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט פאַר־שיידענע פאַרברעכער.

אויסגעמאַטערט בין איך געווען, ניטדערשלאָפן אויך, בין איך אַריינגעפאַלן אין דער האַרטער נאַרע און גלייך איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָס ביסל אָרימקייט, וואָס ביי מיר איז נאָך איבערגעבליבן אין מיין קעשענע, איז נעלם געוואָרן און אַלץ, וואָס די פאַרברעכער, וועלכע זיינען געווען מיט מיר צוזאַמען איינגעשפּאַרט, האָבן מיר איבערגעלאָזט, איז געווען אַ צעבראָכענער קרייצער און דאָס איז געווען דאָס גאַנצע פאַרמעגן, מיט וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיצן אין דעם קראַקאָער אָסטראָג... דעם שוואַרצן ברויט, מיט וועלכן מען האָט מיך און די איבעריקע אַרעסטירטע געשפּייזט, האָב איך ניט געקענט עסן און ניט וויסנדיק בכלל פאַרוואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרן, בין איך געזעסן אין געהאַקטע וואונדן.

אין פאַרצווייפלונג בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָנגעכאַפּט זיך פאַר די גראַטעס. זיי זיינען געזעסן פעסט און האָבן זיך ניט געבויגן. ס'איז פאַר מיר געווען ווי אַ סימוואָל פון מיין אומבאַהאָלפנקייט, אַ סימוואָל פון דער אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט קעגן מיר באַגאַנגען, אַ סימוואָל, וואָס איך ווער פאַרפאָלגט אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועזן, און — איך האָב זיך צעוויינט.

צי איז מעגלעך, אַז דער וואַכמייסטער האָט באַמערקט מיינע טרערן און האָט מיט מיר מיטלייד געקראָגן? אָבער צוגעקומען איז ער צו מיר און האָט מיט מיר אָנגעהויבן ריידן גאַנץ ווייך און מיט סימפּאַטיע און איך האָב אים גלייך דערקלערט, אַז איך בין אַרעס־טירט אומשולדיק און אַז מען האָט מיך באַגנבעט. נו, קעגן דעם,

וואָס איך בין אומשולדיק ארעסטירט, האָט ער גאָרנישט געקענט אָנווענדן, אָבער דאָס וואָס מער האָט מיך באַגנבעט, דאָס האָט ער יאָ געקענט העלפן און מיט אַ שטרענגער שטימע האָט ער אויסגע־שריען צו די אַרעסטירטע, אַז „דאָס געלט זאָל דאָ גלייך ווערן!" און ווירקלעך, דאָס געלט איז גלייך געפונען געוואָרן און מיך, מיט נאָך איינעם, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן, אַז ער באַלאַנגט צו פּ. פּ. ס. האָט ער אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן צימער.

אין צוויי שטונדן אַרום בין איך באַפרייט געוואָרן. באַפרייט געוואָרן, אָבער נים אינגאַנצן: אין דער באַגלייטונג פון אַ זשאַנ־דאַר בין איך אָפּגעפירט געוואָרן צו דער באַן סטאַנציע און דאָרט האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ צוג און אין דער באַגלייטונג פון דעם זשאַנדאַר און צוזאַמען מיט דעם זעלבן פּ. פּ. ס.'ניק בין איך נאָך אַ פּאָר שטונדן רייזע אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע אשוועצין, עסטרייכישע גאַליציע.

דער זשאַנדאַר, וועלכער האָט מיך אַהער געבראַכט האָט מיך איבערגעגעבן צו אַ צווייטן זשאַנדאַר, וועלכער האָט אונדז באַגעגנט אויף דער סטאַנציע, אָבער יענער האָט מיך נים פאַרהאַלטן, נאָר ער האָט מיך גלייך באַפרייט.

פערטער קאַפיטל

דייטשלאַנד

אָנקומענדיק קיין אַשוועצין און באַמערקענדיק דאָרט די דייט־שע קאָנדוקטאָרן, בין איך צוערשט געוואָרן אונטערן איינדרוק, אַז איך בין שוין אין רוסלאַנד, און אַז אַט באַלד נעמט מען מיך אויף אַ פאַרהער און... מיר ווייסן דאָך שוין וואָס דאַן וואָלט געווען. פאַרשטאַרקט האָט זיך נאָך מיין שרעק, ווען אַ אַשוועציינער זשאַנדאַר איז צו מיר צוגעקומען און האָט מיר דערקלערט, אַז אויב איך וויל קען איך פאָרן קיין דייטשלאַנד...

אין דער זעלבער צייט איז אָבער צו מיר צוגעקומען דער

עסטרייכישער קאָנדוקטאָר פון דער באַן, מיט וועלכער איך בין אַהין אָנגעקומען און האָט מיר געראַטן, אַז איך זאָל בעסער פאַר־בלייבן אין אַשוועצין און ניט פאָרן ווייטער. און איך האָב אים טאַקע געפאָלגט און איך בין פאַרבליבן אין פראַנץ יאָזעפס מדינה. דערמיט איז מיין מורא פאַר די רוסישע זשאַנדאַרמען פאַר־שוואונדן.

דער אומבאַקאַנטער פּאָליאַק, וועלכער איז פון קראָקאָוו אַריס־געוויזן געוואָרן צוזאַמען מיט מיר, האָט פון מיר גענומען צוויי גולדן און איז מיט אַ צווייטער באַן אָפּגעפאָרן צוריק פון וואַנען ער איז געבראַכט געוואָרן, און איך בין זיך אַוועק פון וואָקזאַל אין שטעטל אַריין.

עס האָט גערעגנט. צוויי רייען ביימער האָבן זיך געצויגן אי־בער דער לענג פון דער וואָקזאַל־גאַס. די גאַנצע גאַס איז באַדעקט געווען מיט געדיכטער קלעפּעדיקער בלאָטע. גייענדיק אין דעם גוס רעגן, אַ נאַסער, אַן אויסגעווייקטער בין איך אָנגעקומען אין דעם אידישן גאַליציאַנעם שטעטל אַשוועצין.

עס האָט מיר דאָרט אָפּגעגליקט און איך האָב אין אַ פּאָר טעג אַרום דאָרט געפינען אַרבעט — אַ בלעכער בין איך געוואָרן און איך האָב מיט סמאָלע אָפּגעשמירט דאָרט אין שטעטל עטלעכע דעכער. אָפּאַרבעטנדיק אַנדערטהאַלבן מאָנאַטן ביי דער דאַזיקער אַרבעט, האָט די סמאָלע צוזאַמען מיט דער ברענענדיקער זון גע־מאַכט אַ חורבן אויף מיינע הענט — עס האָט זיך צעשפּאָלטן די הויט און איך האָב געקראָגן שמערצלעכע וואונדן. אַ ברירה האָב איך געהאַט — איך האָב געמוזט אויפגעבן מיין אַרבעט און זוכן עטוואָס אַנדערש צו טאָן.

און איך בין אָפּגעפאָרן קיין בייטען, אויבערשלעזיע, דייטש־לאַנד.

דאָרט האָב איך געקראָגן אַרבעט ביי צוויי אידישע פאַרמערס, שותפים. אליין זיינען זיי געווען פון רוסיש פּוילן, פון בענדין, און דאָ אין בייטען האָבן זיי גענומען אין אַרענדע אַ שטיק לאַנד און פאַרזייט אויף אים אַ גרינס גאָרטן. מיך האָבן זיי אָנגעשטעלט פאָרן וועכטער פונם גאָרטן.

דער גאָרטן האָט זיך געפונען ביים ברייטן וועג, וואָס איז געווען אויסגעזעצט פון ביידע זייטן מיט געדיכטע סאָסנאָווע ביימער. פון צווייטן זייט שליאַך האָבן זיך געפונען אַ פּאָר ציגל־פאַבריקן. דער שליאַך האָט זיך געצויגן ביז סאַמע בענדין.

מיט דער הילף פון אַ צווייטן אַרבעטער, אַ קריסט, האָב איך זיך פון הילצערנע ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּט אַ ביידל, וואו מיין וואָיינונג האָט געזאָלט זיין פאַרן גאַנצן זומער. דער אַרענדאַר האָט מיך באַזאָרגט מיט שפּייז, מיט אַ רעוואָלווער און מיט אַ פּאַפּירענעם קעסטל אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פופציק קוילן. אָיבערגעגעבן מיר דאָס אַלץ, איז ער זיך אַליין אָוועקגעפאָרן צוריק קיין בענדין, צו זיך אַהיים.

איך בין געבליבן איינער אַליין אויף דעם פאַרזייטן ברייטן פעלד. די ערשטע פּאָר וואָכן האָב איך זיך דאָרט געפילט ניט זייער היימלעך. צייט האָב איך געהאַט גענוג און אומעטיק איז מיר געווען, האָט זיך מיר אָנגענומען אַ בענקשאַפט נאָך מיין היים, נאָך מיין פאַמיליע, נאָך מיין שטעטל, נאָך מיינע באַקאַנטע. איך האָב אַרומשפּאַצירט הין און צוריק איבער דעם ברייטן פאַרזייטן פעלד און דער עלנט און די בענקשאַפט האָבן מיך שרעקלעך געדריקט. אָבער שפּעטער האָב איך זיך צוביסלעך אָנגעפאַנגען צוגעוואוינען צום אַרום, און צו מיין עלנט, און צום אומעט. ביי טאָג איז נאָך געווען צו דערליידן, אָבער ווען עס איז אָנגעקומען דער אָוונט און דער הימל איז באַצירט געוואָרן מיט מיליאָנען שטערן און אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום, האָט אַ בענקשאַפט מיך אַרומגענומען און מרה־שחורהדיקע געדאַנקען זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון מיר.

און אַזוי זיצנדיק אַליין אין איין אָוונט, און וועלנדיק פאַרטרייבן דעם אומעט און וועלנדיק דערדריקן די טויטע שטילקייט פון אַרים, האָב איך אַרויסגענומען מיין רעוואָלווער און איך האָב אָנגעפאַנגען שיסן אין דער לופט. דאָס הילכן פון די שיסעריי פון מיין רעוואָלווער און די פונקען און רויך פון דער שיסעריי האָבן אין יענעם אָוונט געבראַכט צו מיר אַ באַזוכער — אַ דייטשער פּאָליציי באַאַמטער איז צו מיר אַראָפּגעקומען און האָט מיך

געגומען אויספרעגן וואָס פאַר אַ שיסעריי דאָס איז דאָ פאָרגעקור־
מען. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב באַמערקט גנבים
און איך האָב געשאָסן אין דער לופטן אום צו איבערשרעקן זיי
און צו פאַרטרייבן זיי.

— זיינט פאָרזיכטיק מיטן רעוואָלווער, יונגלינג, — האָט
דער באַאַמטער מיר פאַרזאָגט, אויסהערנדיק מיך מיט אַ שמייכל
אונטער זיינע צוויי פאַרקאַטשעטע וואָנצעס און איז מיט זיין באַ־
גלייטער דעם הונט פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש פון דער
נאַכט.

* *
*

ווען די בייטן אין פעלד זיינען באַדעקט געוואָרן מיט גרינע
אוגערקעס, האָט דער אַרענדאַר אָנגעשטעלט צוויי צענדליק פוי־
לישע פרויען צו גיין קלייבן די פאַרטיקע גרינסן פון פעלד. מיר
האָט מיין אַרענדאַר פאַרזאָרגט מיט טאָפּלטע אַרבעט: אַחוץ וואָס
איך האָב געדאַרפט אַכטונג געבן אַז מען זאָל די אָראָפּגענומענע
גרינסן ניט צעשלעפּן, האָב איך אויך געדאַרפט די אוגערקעס אי־
בערוואַשן און זיי פאַרפּאַקן אין זעק.

געאַרבעט האָב איך פלייסיק און נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט
פלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין מיין ביידל און די גאַנצע פּראָזאַאישע
וועלט פלעגט פאַרשווינדן פון פאַר מיינע אויגן...

שלאָפנדיק אין מיין ביידל האָב איך איין פרימאָרגן דער־
הערט אַז אימיצער קלאַפּט אין טיר. זייענדיק האַלב פאַרשלאָפן
איז מיר אין פלוג איינגעפאַלן אַז דאָס זיינען גנבים אָדער רויבער.
האָב איך אַרויסגעשטעקט מיין האַנט דורך דעם קליינעם פענצטערל
און אויסגעשאָסן צוויי מאָל אין דער לופטן.

דאָס זיינען אָבער ניט געווען קיין גנבים און ניט קיין רויבער,
נאָר צוויי באַלעגאָלעס, וואָס מיין באַלעבאָס האָט צו מיר צוגעשיקט.
דערהערנדיק די שיסעריי זיינען זיי זיך צעלאָפן אין טויט שרעק.
איך האָב זיי אָבער ניט געזען. און וואַרטנדיק אַ ווײַלע און ניט
הערנדיק מער קיין טומל, האָב איז זיך צוריק אַריינגעלייגט אין

בעט און געשלאָפן.

געשלאָפן בין איך ביז וואַנען מיין באַלעבאָס איז אַליין געקומען און האָט מיך אויפגעוועקט.

מיין רעוואָלווער איז פאַר מיר די גאַנצע צייט געווען אַלס אַ צייט פאַרטרייב און יעדעס מאָל, וואָס מיר איז געווען אומעטיק, פלעג איך אים אַרויסנעמען און פון אים געשאָסן. אַזוי אַרום האָב איך אויסגעשאָסן אַלע קוילן וואָס דער באַלעבאָס האָט מיר געגעבן. און איך האָב געדענקט, אַז אין רעוואָלווער זיינען שוין מער קיין קוילן ניטאָ, און מיר האָט זיך פאַרוואָלט צו פּראָווען אַ ביסל קאַטאָוועס. איינמאָל זיינען צו מיר פאַרפאָרן אַ קאָמפּאַניע שמוגלער, וועלכע זיינען צו מיר געקומען אָפּשמירן עטלעכע פּאָר שיך מיט בלאָטע כדי זיי זאָלן אויסזען אַלט און אַזוי אַרום אַז זיי זאָלן ניט דאַרפן צאָלן פאַר זיי קיין גרעניץ אָפּצאָל. זיצנדיק אַזוי מיט די דאָזיקע פאַרשווינען אין מיין געצעלט, האָב איך אַרויסגעצויגן מיין רעוואָלווער און אָנשטעלנדיק אים קעגן אַ פרוי וואָס איז געזעסן מיט די שמוגלערס, האָב איך אַ צי געטאָן דאָס צינגל. די פרוי האָט זיך זייער איבערגעשראָקן. און אום צו באַרואיקן זי, האָב איך אומגעקערט דעם רעוואָלווער און אים אָנגעשטעלט קעגן מיין שלייף און אַ צווייטן מאָל אַ צי געטאָן דעם צינגל. אין דער זעלבער צייט איז אין געצעלט אַריינגעקומען מיין באַלעבאָס און באַמערקענדיק ווי לייכטזיניק איך שפּיל זיך מיטן רעוואָלווער, האָט ער אים אַרויסגענומען פון מיין האַנט און אים באַטראַכט. און נאָכדעם האָט ער אָפּגעקערט דעם רעוואָלווער אָן אַ זייט און אַ צי געטאָן דעם צינגל. אַ שרעקלעכער קנאַל האָט זיך דערטראָגן. דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן.

זייענדיק שטאַרק אין כעס האָט דער באַלעבאָס מיר אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. איך האָב אָבער דעם פּאַטש אויפגענומען גוטמוטיק, וואָרים איך האָב געפילט, אַז איך האָב געקענט ענטוועדער דערשיסן די פרוי אָדער זיך אַליין. און דאָס האָט מיך אַזוי דענערווירט, אַז איך האָב שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן צו פאַרבלייבן אויף יענעם פעלד און בכלל צו פאַרבלייבן אין דער פרעמד. מיר

האָט שוין מער ניט געקימערט, וואָס אין דער היים דערוואַרט מיך א גרויסע שטראַף, אַז איך בין דאַרט ניט זיכער מיט מיין פרייהייט, און איך האָב באַשלאָסן צוריקצוקערן זיך אַהיים.

פינפטער קאַפּיטל

צוריק אַהיים

דער טאָג וואָס איך האָב פאַרלאָזן בייטען, דייטשלאַנד, איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער שיינער. די פעלדער זיינען געווען באַצירט מיט גרינע בליענדע פרוכט. די ביימער פון שאָסיי זיינען געווען באַהאַנגען מיט מיליאָנען גרינע בלעטלעך. ווילדע סטאַיעס פייגלען זיינען אין פעלד אַרומגעפליגן פון איין אָרט צום צווייטן. קלינגענדע וואַלד עכאָס האָבן זיך געהערט פון דער ווייטנס — דאָס האָבן די דייטשישע און פוילישע אַרבעטער, מענער און פרויען, געזונגען אין פעלד ביי דער אַרבעט.

שפּאַצירנדיק איבער אומבאַקאַנטע וועגן בין איך אין עטלעכע שטונדן אַרום אָנגעקומען אין דעם קליינעם דייטשישן גרעניץ־שטעטל, פינף וויאָרסט פון דער פוילישער שטאָט בענדין.

אַריבערצוגיין די גרעניץ אין דעם זעלבן טאָג איז געווען אוממעג־לעך, ווייל דער גרעניץ איז געווען שטאַרק באַוואַכט פון רוסישן מיליטער. ריזיקערט אַריבערצוגיין דעם גרעניץ האָב איך ערשט אויפן דריטן טאָג, און באַצאָלנדיק אַ רוסישן זעלנער אַ זילבערנעם רובל און אַלס צוגאָב נאָך אַ פּאָר העמדער, האָט ער מיר פאַר־שפּראָכן, אַז ער וועט זיך מאַכן ניט זעענדיק ווי איך קריך אַריבער דעם גרעניץ. דאָך האָב איך דעם גרעניץ געמוזט אַריבערקריכן קריכנדיק אויף אַלע פיר, כדי דער צווייטער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען נאָענט זאָל מיך ניט באַמערקן. פריי אָפּגעאָטעמט האָב איך ערשט דאַן, ווען איך בין שוין געווען אין דער שטאָט בענדין און איך האָב געוואוסט, אַז די געפאַר געשאָסן צו ווערן פון אַ רו־סישן סאָלדאַט אויפן גרעניץ איז אַריבער.

אין בענדין האָט איך געטראָפן זייער פיל רוסישע סאָלדאַטן. אַלע גאַסן זיינען פון זיי פּאַטרולירט געוואָרן. די שטאָט בענדין האָט זיך דאַן געפונען אונטער קריגס צושטאַנד. אין בענדין האָב איך זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט, נאָר אין דעם זעלבן טאָג בין איך אָפּגעפאָרן קיין ברעסט ליטאָווסק.

אויך אין ברעסט ליטאָווסק האָב איך געפונען מאַסן סאָלדאַטן, וועלכע האָבן פּאַטרולירט די באַן סטאַנציע. און אַ חוץ די פּאַטרולן זיינען סאָלדאַטן געווען דאָ אומעטום. אַלע אַזעלכע פּאַרטרויער־טע, מיט פאַרזאָרגטע פּנימער. פּאָר שטונדן לאַנג האָב איך באַ־טראַכט זייערע פּנימער, און ארומגעשפּאַצירט צווישן זייער טומל־דיקן המון. ווי נאָר דער זייגער האָט אויפן סטאַנציע געקלאַפּט נייען אין אָוונט, האָט זיך דערהערט אַ מיליטערישער סיגנאַל. דאָס האָט געמיינט, אַז די סאָלדאַטן דאַרפן אריינגיין אין די וואַגאָנען. די גרויסע מאַסע האָט ווי אויפגעציטערט. געשרייען פון יאָמער האָבן זיך דערהערט פון אַלע זייטן. אויף דער פּלאַטפאָרמע, לעבן די פראַכט וואַגאָנען, איז געשטאַנען אַ מיליטערישער אָרקעסטער. ער האָט גענומען שפּילן אַ קאַמארינסקע... — אום צו פאַרטומלען די יאָמער געשרייען און אום צו מאַכן אַביסל פריילעכער אויפן הארצן. אַ סך פון די סאָלדאַטן זיינען געווען שיכור און האָבן אוועקגעשליידערט זייערע שווערדן. די ניכטערע סאָלדאַטן האָבן אויף די שיכורע אויפגעפּאַסט. עטלעכע סאָלדאַטן האָבן זיך איינ־געשפּאַרט אַז זיי ווילן ניט גיין אין די וואַגאָנען. האָט מען זיי אהין מיט געוואַלד אריינגעשלעפּט. דער אָרקעסטער האָט גערעוועט און געשטורימט. די סאָלדאַטן האָט מען פאַרשפּאַרט אין די וואַ־גאָנעס ווי ווילדע חיות. ווען דער קאָנדוקטאָר האָט געגעבן דעם דריטן סיגנאַל, האָט זיך דער צ׳ג גערירט פון פּלאַץ. פיף־פּאַף, די רעדער האָבן צאָרנדיק געסקריפּעט... פאַרצווייפלטע קולות פון די אָפּרייזנדע סאָלדאַטן האָבן פאַרהילכט די לופט. „פראָשצאַיטע טאָוואַרישטשי *) — האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען. און דער צוג האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש... פון

*) פאַרבלייבט געזונט, חברים.

די ציווילע מענטשן, וואָס זיינען געקומען באַגלייטן די סאָלדאַטן, האָבן אַ סך יאָמערלעך געוויינט...

* *

*

בריסק האָב איך פאַרלאָזן אין דעם זעלבן טאָג און אַפּגעפאָרן גלייך קיין פינסק, צו זיך אַהיים.

אָנקומענדיק אויפן פינסקער וואָקזאַל און מורא האָבנדיק אַז איך קאָן נאָך אַרעסטירט ווערן, האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון וואָקזאַל און דורך הינטערגעסלעך אַוועקשפּאַצירט צו מיין פאָטערס הויז. עס איז געווען פאַרטאָג. די אויפגייענדיקע זון האָט צע־שאָטן איבערן הימל בלוי־רויטע פּאַסן און האָט באַפאַרבט די שטאָט אין אומגעוויינלעכע קאָלירן. מיין אָנקומען איז באַמערקט געוואָרן בלויז פון אונזער קליינעם שוואַרצן הינטל שאַרעק, וועל־כער איז זיך געלעגן אין זיין ביידל אויפן הויף פון מיין פאָטערס הויז. ער האָט גלייך דערשמעקט די אָנוועזנהייט פון אַ פרעמדן מענטשן און האָט זיך צעבולן. ווען איך האָב אָבער אויסגעשריען זיין נאָמען, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, און פאַרקאַטשענדיק זיין ווידל אונטער זיינע פיס, איז ער צוריק אריין אין זיין ביידל.

דעם הונטס בילן האָט אָבער אויפגעוועקט מיין פאָטער און ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון הויז אין הויף אריין. ער האָט מיך דערזען.

— גאָט, מיין גאָט, — האָט ער אויסגעשריען — ווי קומסטו איצט אַהער? — מען וועט דאָך דיך גלייך אַרעסטירן...

איך האָב אָבער גענומען מיין פאָטער בארואיקן, אַז איצט וועט שוין גאָרנישט זיין. און בכלל, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין איצט אַזוי ווי אַ געפונענער, וואָרים זייענדיק אין דייטש־לאַנד בין איך שיעור ניט דערשאָסן געוואָרן... און אויב שוין יאָ שטאַרבן, איז שוין בעסער אין דער אייגענער היים איידער אין דער פרעמד...

דערהערנדיק אַזעלכע רייד איז מיין פאָטער פאַרציטערט גע־וואָרן.

— וואָס רעדסטו, מיין קינד?... וואָס פאַר אַ רייד זיינען דאָס?

— האָב קיין מורא ניט, טאַטע, — האָב איך צו אים געזאָגט, — עס וועט מיר קיין בייז ניט געשען.

אין הויז, ווען איך בין אַהין אַריינגעקומען, איז געוואָרן אַ טומל. קיינער האָט מיך אין דער היים ניט דערוואַרט. זיי זיינען אַלע אויפגעשטאַנען פון שלאָף, מיך אַרומגעכאַפּט, מיך געהאַלזט, געקושט...

מיד בין איך געווען שרעקלעך, בין איך אַריינגעפאַלן אין בעט און איינגעשלאָפן. אָפּגעשלאָפן האָב איך ביז שפּעט אין טאָג אַריין. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, אַז איך בין שוין ניט מער אין דער פרעמד, נאָר צוריק אַהיים, האָב איך פריי אָפּגעאָטעמט. די היימישע אַטמאָספערע מיט די מוטערלעכע זיסע בליקן האָט מיין נשמה אָנגעפילט מיט פרייד. איך האָב זיך דערפילט מוטיג און איך בין גרייט געווען צו באַצאָלן פאַר די פּראָקלאַמאַציעס וואָס מען האָט אַמאָל געפונען אין מיין ברודערס קעשענע...

אָבער די נייעס פון מיין אָנקומען האָט נאָך די אָכראַנקע*) ניט דערגרייכט און מען האָט מיך געלאָזט צורו אויף אַ פּאָר טעג...

איך האָב זיך ניט באַהאַלטן און איך בין אַרומגעגאַנגען אי־בער די פּינסקער גאַסן פראַנק און פריי.

און איצט, זייענדיק אין דער היים, האָב איך דערפאַרן פון שרעקלעכע פּאַסירונגען אין דער היים: מיין פאָטערס אַ קוזינע, ביילטשע, אַ פאַרהייראַטע פרוי, וואָס איר מאַן איז געווען אין אַמעריקע, איז צעריסן געוואָרן פון אַ באָמבע. אַ צווייטע קוזינע מיינע, מיטן זעלבן נאָמען ביילטשע, ביילטשע פּלאָצקי, איז פון דערזעלבער באָמבע שרעקלעך פאַרוואונדעט געוואָרן. איך בין אוועק באַזוכן מיין פאַרוואונדעטע קוזינע. זי האָט זיך געפונען אין פּינסקער שפּיטאָל. ווען איך בין אַריין צו איר אין צימער, וואו זי איז געלעגן אויף אַן אייזערנעם בעטל. ס'איז געווען אַ שרעקלעך בילד. איר גאַנצער קערפּער איז געווען פאַרבאַנדאַ־זשירט. אויך איר קאָפּ. בלויז צוויי קיילעכדיקע לעכער זיינען

---

*) געהיים פּאָליציי

געוועזן אויסגעשניטן פאַר אירע אויגן צו זען און פאַר איר נאָז און מויל.

מיין קוזינע האָט מיך דערקענט און וועלנדיק מיך באַגריסן, האָט זי אַ ריר געטאָן איר קאָפּ. אירע ווייטאָגן זיינען אָבער קאָנ־טיק געוועזן שרעקלעך און זי איז געבליבן ליגן אין אָנמאַכט.

צווישן די דאָזיקע וועלכע זיינען אויך געקומען אין דער זעלבער צייט צו באַזוכן מיין קוזינע, איז געוועזן חבר אהרן יודל, וועמען איך האָב נאָך ניט געזען צוריקקומענדיק אהיים. ווען ער האָט מיר דערלאַנגט זיין האַנט אין באַגריסונג, זיינען אונזערע הענט איינגעקרעמפּט געוואָרן. מיר האָבן זיך איינגעקוקט איינער אין אַנדערן און איך האָב פּלוצים באַמערקט, אַז אויף זיין לינקן זייט ליגט אַ ליידיקער אַרבל: זיין לינקע האַנט האָט אים גע־פעלט...

אַ נאַכט פאַר פּסח איז חבר אהרן יודל מיט נאָך עטלעכע חברים אַוועק אין וואַלד אויסצופּרובירן די קראַפט פון אַ דינאַ־מיט באָמבע. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן עקספּערימענט איז געוועזן זייער אַ טרויעריקער. די באָמבע האָט עקספּלאָדירט. איי־נער פון די חברים, משה קאָלאָדני, איז צעריסן געוואָרן אויף שטי־קער און אהרן יודל האָט פאַרלוירן זיין לינקע האַנט.

דעם צעריסענעם קערפּער פון דעם יונגן קרבן האָט מען מקבר געוועזן שטילערהייט אויפן פינסקער אידישן בית עולם. צו זיין אייביקער רו האָבן אים געפירט די חברים רעוואָלוציאָנערן און אין קבר האָט מען אים אַריינגעלייגט מיט רעוואָלוציאָנערע לידער און מיט זאַלפּן פון רעוואָלווערן.

זעקסטער קאַפּיטל

רעוואָלוּציע!

סוף כל סוף האָט זיך די פּאָליציי דאָך דערוואוּסט, אַז איך בין צוּריק אַהיים אוּן אין אַ נאַכט האָבן זיי זיך אַריינגעריסן צוּ אוּנדז אין הויז אוּן מיך אַרעסטירט. דאָס איז געווען סוף סעפּטעמבער פוּן דעם יאָר 1905.

נאָך דעם וואָס מען האָט מיך אָפּגעהאַלטן צוויי טעג פאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס האָט מען מיך גענוּמען אויף אַ פאַרהער צוּם זשאַנדאַרמסקן ראַטמייסטער. ער האָט ביי מיר געפרעגט וואו איך האָב גענוּמען די פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע מען האָט ביי מיר געפוּנען. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך האָב זיי געפוּנען. האָט ער ביי מיר געפרעגט צי וויים איך אפשר ווער עס האָט געשאָסן די צוויי פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען לעצטנס דערשאָסן געוואָרן אין פּינסק דוּרך די רעוואָלוּציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך וויים ניט אוּן אַז אין דער צייט וואָס מען האָט זיי געשאָסן בין איך גאָר אין פּינסק ניט געווען. דער ראַטמייסטער האָט מיך עטלעכע מינוּט באַטראַכט אוּן — הפנים, אַז ער האָט באַשלאָסן אַז איך בין ניט קיין געפערלעכער רעוואָלוּציאָנער, וואָרים ער האָט מיך אינגאַנצן באַפרייט.

מיין שמחה איז געווען אויסערגעוויינלעך. איך האָב זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז איך בין טאַקע אויפן אַן אמת'ן פריי.

אוּן אין שטאָט האָט זיך שוין דאַן געטוּמלט. — די רעוואָלוּציע פוּן 1905!

אַן אינצידענט דערמאָן איך זיך: אַ שבת נאָכמיטאָג. אויף בריסקער גאַס איז פאָרגעקוּמען אַ שרעקלעכער אויפריים. עטלעכע פאַרבייגייער זיינען לייכט פאַרוואוּנדעט געוואָרן. דער היל־

ביקער קלאַפּ פֿונם אויפֿרייס איז געהערט געוואָרן איבער דער גאַנ־צער שטאָט און דער אַכטצען יאָריקער אידישער אַרבעטער מיי־לעך איז פֿון דער באָמבע געהרגעט געוואָרן.

די באָמבע איז געווען געצילט געגן דעם פּאָליציימייסטער, וועלכער האָט געזאָלט פֿאַרבייפֿאָרן דעם דאָזיקן פּלאַץ. זי האָט אָבער אויפֿגעריסן צו פֿרי. אָנשטאָט אים איז געפֿאַלן אַלס קרבן דער יונגער רעוואָלוציאָנער. דער פּאָליציי מייסטער איז אויפֿן פּלאַץ אָנגעקומען אין עטלעכע מינוטן אַרום. ער איז געווען באַוואַכט פֿון רייטענדע קאָזאַקן. אויפֿן פּלאַץ איז געלעגן דער יונגער קרבן און פֿון זיין צעריסענעם בויך האָט געשטראָמט בלוט.

אַרום דעם פּלאַץ, וואו עס איז געלעגן דער קרבן, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַן אָפּטיילונג פֿון דאָנער קאָזאַקן און די שטאָטישע פּאָליציי האָט דערווייל אָפּגעפּירט דעם טויטן קערפּער. די דאָנער קאָזאַקן האָבן זיך דערווייל צעיושעט און אָנגעהויבן באַפֿאַלן ווע־מען זיי האָבן נאָר געטראָפֿן. מיט זייערע גומענע נאַגייקעס האָבן זיי געשניטן אויף רעכטס און לינקס און קיינעם ניט געשאַנעוועט.

* *
*

ווען עס זיינען אָנגעקומען די רעוואָלוציאָנערע אָקטאָבער טעג און גאַנץ רוסלאַנד איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיטן העלישן פֿייער פֿון רעוואָלט, איז אונזער שטאָט פּינסק אויך ניט אָפּגעשטאַנען פֿונם כלל. און ווי שנעל עס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דער רעוואָלט, אַזוי שנעל איז אויך אָנגעקומען די צאַרישע קאָנטער רעוואָלוציע און דעם צאַרס קאָזאַקן און די שטאָטישע אַדמיניסטראַציע האָבן געאַרבעט האַנט אין האַנט צו באַקעמפֿן די רעוואָלוציע. זיי זיינען אָבער געווען הילפֿלאָז געגן דער מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער כוואַ־ליע.

אין דעם חודש נאָוועמבער האָבן אַלע פּינסקער רעוואָלוציאָ־נערע אָרגאַניזאַציעס אָרגאַניזירט אַ פֿאָלקס מיטינג אונטערן פֿרייען הימל. פֿריער וואָלט אַזאַ זאַך אומגלויבלעך געווען, וואָרים די פּאָליציי וואָלט זיכער דעם מיטינג צעטריבן, די פֿירער אַרעסטירט און זיי וואָלטן געשלאָגן און גערודפֿט ווען זיי וואָלטן נאָר גע־

פאַקט. אויך דאָס מאָל האָט מען זיך גערישט, אַז די פּאָליציי זאָל זיך אַריינמישן מיט אירע עקסצעסן, און דעריבער האָט מען אַרום דעם פאַרזאַמלונגס אָרט אַרומגעשטעלט אַ גוט באַוואָפנטע וואַך און טאָמער וועט די פּאָליציי אַ ריר טאָן זיך צו אָפּברעכן דעם מיטינג, זאָל מען זי ווי געהעריק באַגעגענען.

די פּאָליציי האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט און די פאַרזאַמלונג ניט געשטערט. די פאַרזאַמלונג איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן און די עטלעכע טויזנט אידישע און רוסישע אַרבעטער האָבן זיך פרידלעך פונאַנדערגעגאַנגען.

אין מאַי פון דעם קומענדיקן יאָר בין איך שוין געווען אַ מיטגליד פון די סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן. אונדזער פּאַרטיי האָט געקראָגן צו וויסן, אַז דער באַקאַנטער שוואַרץ־מאַהניק טאָפּעליעוו, וועלכער האָט דערמאָרדעט אין פינלאַנד דעם אידישן דומע־דעפּוטאַט גערצענשטיין, פאַרזאַמלט זיינע מחנות און גרייט צו אין דער שטיל אַ פּאָגראָם אויף אונדזער שטאָט. האָט דעריבער די פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן מאַקסימאַליסטן אָפּגעהאַלטן אַ געהיימע זיצונג אין אַ פּריוואַטן הויז און האָט באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסט שוץ. דער זעלבסט שוץ איז טאַקע גלייך אָרגאַניזירט געוואָרן און די פרייוויליקע קעמפער זיינען אויסגעטיילט געוואָרן אין אָפּטיילונגען פון צו צען מיטגלידער. צו איינער פון די דאָזיקע אָפּטיילונגען האָב איך אויך באַלאַנגט. צווישן די זעלבסט שוץ מיטגלידער זיינען אויך געווען אייניקע חברטעס, וועלכע זיינען מוטוויליק און פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין די קעמפענדע רייען און צו קעמפן אין אַן אָפענעם שלאַכט מיט די פינצטערע מחנות.

מיט איינע פון אונדזערע זעלבסט שוץ מחנות האָט אָבער געטראָפן אַ שרעקלעכער אומגליק. זייערע אַ באָמבע האָט עקספּלאָדירט. פון דעם שרעקלעכן קראַך איז די הילצערנע הויז, וואו דער אומגליק איז געשען, צעטרייסלט געוואָרן. ס'איז געווען פונקט אַנטקעגן אַ קאַזאַרמע. אַ באַנדע קאָזאַקן, וועלכע איז איינגעשטאַנען אין דער קאַזאַרמע, איז גלייך געקומען צולויפן אויפן פּלאַץ פון דעם אויפרייס און האָט אַרעסטירט צוויי חברים פון דעם

זעלבסט שוץ, משה פינקעלשטיין און אפרים וואָלינעץ. שווער פאַר־וואונדעטע און צעברעכטע האָט מען די צוויי חברים גלייך אָפּגע־פירט אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל. אַ חבר'טע, פון דער זעלבער אָפּטיילונג איז אָבער אַנטלאָפן געוואָרן און זי האָט אויסגעמיטן אַז מען זאָל זי אַרעסטירן.

אויף מאָרגן, נאָכדעם ווי איך האָב באַגלייט די חברטע רבקה ראַבינאָוויטש, בין איך געקומען אַהיים שפּעט אין דער נאַכט. געקומען בין איך צוזאַמען מיט אַ קריסטלעכן חבר. ניט וועלנדיק וועקן קיינעם אין דער היים, בין איך מיט אים אַוועק שלאָפן אין אונדזער הילצערנער שטאָל, וואָס איז געבליבן אַלס אַן אָנדענק פון דער בהמה אונדזערער, וואָס איז ניט לאַנג צוריק גע־פּגרט. די בהמה אונדזערע האָט זיך מיט עפּעס איבערגעפרעסן און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי זיך איבערגעקוליעט, פאַר־מאַכט אירע בהמהשע אויגן און האָט זיך אַוועקגעפּעקלט מיט אַ ניט געבוירענעם קאַלב אין איר בויך.

שלאָפנדיק אין מיין ניט באַצירטן צימער, וואָס איז געווען אויסגעבעט מיט גאָלדענע שטרוי, האָב איך דורכן שלאָף דערהערט דעם טומל פון אַ באַנדע אומגעבעטענע געסט. דורך די שפּאַרינעס פון די ווענט פון שטאָל האָב איך אַרויסגעקוקט און דערזען, אַז פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט מיין הויז. איך האָב זיי נאָכגעפּאַרשט ביז וואַנען זיי האָבן פאַרלאָזן דעם הויף און זיי זיינען אַריין אין הויז בודק חמץ זיין די לעבעדיקע. דענקענדיק אַז דער הויף איז שוין איינגאַנצן פריי פון ניקאָליי'ס מחבלים, בין איך אַרוים פון שטאָל. איך האָב זיך אָבער גלייך באַגעגנט מיט אַ געפערלעכן סורפּריז: צוויי פּאָליציאַנטן זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך אויף אַ דערבייאיקן הויף, און, דערזעענדיק מיך, האָבן זיי געמאַכט אַ פאַרזוך מיך צו אַרעסטירן. איך האָב זיך אָבער ניט געוואָלט לאָזן. שנעל בין איך אַריבערגעשפּרונגען אַ הילצערנעם פּאַרקן פון לאַנ־גע שפּיציקע ברעטער און ווי אַ וויכער בין איך געלאָפן פון די בלייענע קוילן, וואָס האָבן מיך נאָכגעיאָגט. מיין קריסטלעכער חבר איז דערווייל אין טומל אויך פאַרשוואונדן גע־וואָרן.

דער רעזולטאט פון דער דאזיקער רעוויזיע איז ווי פאלגט: עט־לעכע פאר ווייסע אונטערשטע וועש און א ווארימן ווינטערדיקן פעלץ האבן די פאליציי אוועקגענבעט. איך אבער מיט מיין חבר זיינען ארויס אומבאשעדיקט.

* *
*

דער פאגראם אין פינסק איז דורכגעפאלן און דאס איז א דאנק די מוטיקע האנדלונגען פון דעם ארגאניזירטן זעלבסט שוץ. דער ארגאניזאטאר פון דעם פאגראם דער דערמאנטער שווארץ מאה׳ניק טאפעליעוו איז אין א קורצער צייט ארום ארעסטירט גע־ווארן אויף דער באן סטאנציע פון אונדזער שטאט. ער איז גע־מען צופארן קיין פינסק פארקליידט אלס א קאזאצקער אפיציר און געבראכט מיט זיך א גרויסן קאסטן, וואו מען האט געפונען א סך געווער, וואס ער האט געבראכט פאר די שווארץ מאהניקעס אז זיי זאלן דורכפירן דעם פאגראם. פון פינסק האט מען דעם נאציאנאלן חברה מאן אפגעפירט קיין פעטערבורג, וואו מען האט אים געמשפט פארן מארד פון דעם אידישן דעפוטאט גערצענשטיין און — מען האט אים פרייגעשפראכן... זיינע צוויי ארויסהעלפער אבער זיינען אבער יא פארמשפט געווארן צו זעקס יאר קאטארגע. אבער אויך זיי זיינען אין א קורצער צייט ארום באגנאדיקט געווארן פון דעם צאר ניקאליי דעם צווייטן.

זיבעטער קאַפּיטל

אין קלעם

זייענדיק אַקטיוו אין דער באַוועגונג, האָב איך זיך צופיל געוואָרפן אין די אויגן פון דער פּאָליציי און ווי נאָר עס איז דורכ־געפירט געוואָרן אַ פּאָליטישער אַקט, אַזוי האָט די פּאָליציי מיך ניט פאַרבייגעלאָזט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב זיך אָנגעפאַנגען אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי הגם איך האָב, שפּאַצירנדיק איבערן שטאָט, עטלעכע מאָל באַגעגנט זיך מיט פּאָ־ליציאַנטן און זיי האָבן מיך ניט אַרעסטירט. דאָס האָט מיר צו־געגעבן מוט און איך האָב אויפדאָסניי אָנגעהויבן באַוועגן זיך פראַנק און פריי איבערן שטאָט.

אין סעפּטעמבער 28טן, 1908 האָט מיך באַגעגנט אַ ווייטער באַקאַנטער, וועמען איך האָב געקענט נאָך ווען איך בין געווען אַ אינגל, און ער האָט מיך פאַרבעטן צו פאַרברענגען מיט אים אַן אָוונט. איך בין מיט אים אַוועק אין דעם הויז פון ראַפּשצעקן דאָרט צו עסן. דער דאָזיקער בחור איז געווען אַ שפּיאָן און אונ־טערגעשיקט געוואָרן צו מיר פון דער פּאָליציי. זיין נאָמען איז געווען הערשל פּריזאַנט. די הויז איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאָליציי. צוויי פּאָליציאַנטן זיינען אַריין אין הויז און צו אונדז איז צוגעקומען דער עלצטער פּאָליציאַנט און אונדז געמאָלדן אַז מיר זיינען אַרעסטירט. די פּאָליציאַנטן האָבן גלייך אַרויסגע־צויגן זייערע רעוואָלווערן און אָנגעשטעלט זיי אויף מיר און אויך כלומרשט אויף אים. מיר האָבן זיך גענומען דירן אין וועג. ווי מיר זיינען אַרויס אין דרויסן האָב איך געמאַכט אַ געוואַגטן שריט. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז דער בייזער קערל האָט מיך פאַרפירט און ניט וויסנדיק אַז דער גאַנצער געגנט איז באַ־וואַכט פון פּאָליציי און שפּיאָנען און דענקענדיק אַז איך האָב דאָ צו טאָן בלויז מיט צוויי פּאָליציאַנטן און מיטן שפּיאָן, האָב איך



דעם צווייטען טאָג נאָכ'ן ארעסט, אין פינסקער שפּיטאָל, דעם 29טען סעפּטעמבער, 1908 יאָר.

געמאַכט אַ געפערלעכן שריט, אַ ריס געטאָן זיך פון די צוויי פּאָליציאַנטן און גענומען לויפן. אַ שיסעריי האָט זיך גענומען טראָגן פון אַלע זייטן. דעם שפּיאָן און צוויי בחורים, וואָס די זעלבע צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אויך אַרעסטירט, האָבן זיי איבערגעלאָזט און זיי האָבן גענומען יאָגן זיך נאָך מיר. דער טייוול פון טויט האָט מיך אָנגעפאַנגען פאַרפאָלגן. אַ ביטערע יאָגעניש און אַ שיסעריי פון אַלע זייטן האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך מיר. איך בין געלאָפן מיט איבערנאַטירלעכע כחות און קוילן האָבן געהאָגלט אַרום און אַרום מיר. לויפנדיק און שוין באַלד אָן אָטעם, האָב איך דערפילט, אַז איך בין שוין פריי פון מיינע צוויי פּאָליציאַנטן אָבער איידער איך האָב נאָך געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, בין איך איבערראַשט געוואָרן פון צוויי איבערגעטאָנענע שפּיאָנען, וועלכע זיינען געקומען אַנטקעגן מיר און זיי האָבן די שיסעריי באַנייט.

דער רעזולטאַט פון דעם פייערדיקן רעגן איז: איין קויל אין מיין לינקן זייט. איך האָב גלייך דערפילט ווי עס רינט וואַרים בלוט איבער מיין קערפּער. דאָך בין איך ווייטער געלאָפן. דער אָטעם האָט מיר פאַרכאַפּט און איך בין ווייטער געלאָפן. איך בין אַריינגעלאָפן אין אַ הויף און דאָרט געבליבן שטיין לעבן אַ הילצערנעם צוים. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָבן מיך אָנגעיאָגט די צוויי שפּיאָנען. איך בין שוין געווען אָן כחות. דאָס בלוט האָט דורכגעווייקט מיינע ווייסע דיגנאָלאָווע הויזן. די ערשטע צוויי פּאָליציאַנטן האָבן נאָכגעפאָלגט די שיסעריי און ווען זיי זיינען אונטערגעקומען און דערזען אַז מען פירט מיך אונטער די הענט, האָט דער פּאָליציאַנט דעקאָוויצקי, שטייענדיק בלויז עטלעכע פוס פון מיר אויסגעשאָסן אין מיר... מיינער אַ אינגערער ברודער ראובן האָט פון דער ווייט נאָכגעפאָלגט ווי מען פאַרפאָלגט מיך און דערזענדיק אַז מען האָט אין מיר אויסגעשאָסן, האָט ער געמאַכט אַ געשריי. מענטשן האָבן זיך אָנגעפאַנגען צונויפלויפן פון אַלע זייטן. די פּאָליציי האָט גלייך אָנגעפאַנגען שיסן אויף מיין ברודער. ער איז גלייך אַנידערגעפאַלן... די קוילן האָבן אים ניט געשאַדט, אָבער ער האָט געכאַפּט עטלעכע קלעפּ מיט די הענדלעך פון די רעוואָלווערן...

ווי עס שיינט האָט די פּאָליציי געמיינט, אַז זיי האָבן מיך דערמאָרדעט און אַז מיינע מינוטן זיינען שוין געציילטע. אָבער די מערדער זיינען ביטער אַנטוישט געוואָרן. מיין לינקע האַנט וואָס איז געווען אויסגעבויגן ווי אַ דאַלעד האָט מיך געראַטעוועט. די קויל איז געבליבן שטעקן אין ביין פון מיין האַנט. די ביין איז צעשמעטערט געוואָרן.

דער בלוטיקער מאַרש!... אַרומגערינגלט פון פּאָליציי און שפּיאָנען און אָנשפּאַרנדיק זיך אָן די הענט פון מיינע פאַרפאָלגער, האָב איך מאַכטלאָז קוים זיך געשלעפּט. מיינע קליידער האָבן געהאַלטן אין איין אַריינזאַפּן מיין בלוט. און מיך האָט מען געטריבן צו גיין פאָרויס. מיינע פיס האָבן אָנגעפאַנגען אָפּשטיין, מיין פעסט געבויטער קערפּער האָט זיך אָנגעפאַנגען וויגן.

אַ גרויסע מאַסע נייגעריקע מענטשן פון די זייטיקע געסלעך זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן און די מאַסע מענטשן זיינען נאָכגעגאַנגען ווי נאָך אַ לויה. דורך דעם געפילדער פון דער נאָכגייענדיקער מאַסע האָב איך פּלוצים ווי דורך אַ חלום דערהערט אַ פאַרצווייפלטן אויסגעשריי:

— מיין קינד!...

— מאַמע!... — האָב איך שמערצלעך אויסגעשריען.

מיין געשאָסענע לינקע האַנט האָט מיר שרעקלעך וויי געטאָן אַז איך האָב בשום אופן ניט געקאָנט זיך קאָנטראָלירן. טרערן זיינען ניט ווילנדיק גערונען פון מיינע אויגן. מיין מוטערס אויסגעשריי צוזאַמען מיט די שרעקלעכע וויטאָגן האָבן מיין האַרץ מער אָפּגעשוואַכט און איך האָב אָנגעפאַנגען זינקען... ניט זייענדיק אימשטאַנד פאָרטצוזעצן מיין מאַרשרוט, האָט די פּאָליציי איבערגענומען די פּריוואַטע קאַרעטע פון מיכל קאַטאַק, דער אייגענטימער פון אַ לאָקאַלער גאַבאַרניע, און נאָך דעם ווי מען האָט מיך אין איר אַריינגעזעצט אונטער דער באַגלייטונג פון פּאָליציי און שפּיאָנען, האָט דער קוטשער שנעל גענומען פאָרן. די דראָזשקע האָט זיך געוויגט אַרויף און אַראָפּ... אַ שטאַרקער שטראָם בלוט האָט אָן אויפהער גערונען פון מיין לינקן זייט און דורכגעשאָסענער לינקער האַנט, און הגם איך האָב פאַרלוירן אַ סך בלוט,

דאך האב איך מיין באוואוסטזיין ניט פארלוירן.

ווען מען האט מיך געבראכט אויפן הויף פון דעם פינסקער שפיטאל, האב איך באגעגנט א גרויסן נייגעריקן עולם וואס האט גע־וואַרט אויף מיין קומען. די געלבלעכע קאלירן מיט וועלכע די לבנה האט באצירט דעם שפיטאל אויף דעם גרינעם גראז, האט ווי א לעבעדיקע פאנאראמע אפגעשפילט דעם געגנטייל פון מיין פאר־צווייפלטער לאגע און איך האב געפילט ווי איך פאל אוועק און ווער איינגעשלאפן. אבער די פיינלעכע ווייטאגן האבן פארטריבן דעם אנקומענדיקן שלאף וואס האט אנגעפאנגען צו באקומען די איבער־בערהאנט איבער מיין וואנדערנדן גייסט. גיין האב איך שוין מער ניט געקאנט. האט מען מיך אריינגעלייגט אין א טראג בעטל. אין דעם זעלבן טראג בעטל אין וועלכן מען טראגט ארויס טויטע פון שפיטאל. מען האט מיך גלייך אריינגעפירט אין אפעראציע־צימער. דארט האבן מיך באגעגנט די גאנצע צארסקע שטאטישע אדמי־ניסטראציע מיט צוויי דאקטוירים און צוויי בארמהערציקע שוועס־טער. דער געהילף פריסטאוו, וועלכער האט אין מיר אריינגע־שאסן די ערשטע קויל, איז געשטאנען אין צימער אן איבערגע־טאנענער אין ציווילע קליידער. דער פאליציאנט דעקאוויצקי, וועל־כער האט מיר אריינגעשאסן אין האנט, איז געשטאנען ביי דער זייט און זיי האבן באטראכט וואס פאר א שטיקל ארבעט זיי האבן דא אפגעטאן... האט מען די מערדער גלייך ארויסגעשיקט פון אפעראציע צימער און מען האט מיר דערלאנגט די ערשטע מעדיצי־נישע הילף.

ערשט ווען מען האט מיך אריינגעלייגט אין בעט, האב איך דערפילט מיינע שרעקלעכע ווייטיקן... די צייט האט זיך געצויגן זייער לאנגווייליק... איך האב געהאלטן אין איין פרעגן ווי שפעט עס איז... עס האט זיך געדוכט אז די נאכט וועט זיך גאר קיינמאל ניט ענדיקן... האלוצינאציעס האבן מיך פארפאלגט... די סטעליע פון מיין צימער איז געווען א ריכטיקע קינא לײלעך... די בילדער האבן זיך שנעל געביטן... איך האב געוואוסט, אז איך זע האלוצי־נאציעס, דאך האב איך זיי ניט געקענט פארטרייבן... איך בין געלעגן בלויז עטלעכע שטונדן און געדוכט האט זיך מיר אז פאר־

ביי זיינען שוין יאָרן...

איך בין געווען שטאַרק באַוואַכט פון עטלעכע פּאָליציילייט. מען האָט צו מיר קיינעם ניט צוגעלאָזט. בלויז איינע אַן אומבאַקאַנטע מיידל, וועלכע האָט אין שפּיטאָל געוואַכט איבער איר קראַנקן ברודער, בלויז זי האָט מען צוגעלאָזט צוצוטראָגן מיר אַ ביסל וואַסער. איך בין געלעגן ווי אַ פּאַראַליזירטער. דער ווייסער באַנדאַזש פון מיין האַנט און לינקער זייט אין דורכגעווייקט געוואָרן פון בלוט.

אין אידישן שפּיטאָל בין איך געלעגן דריי טעג. אויפן פערטן טאָג האָט מען מיך אונטער דער שטאַרקער וואַך פון פּאָליציי אָפּגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל.

ווען מען האָט מיך אויף אַ טראָג ברעטל אַריינגעטראָגן אין שטאָטישן שפּיטאָל און אַריינגעלייגט אין בעט, האָב איך גלייך דערפילט אַז איך שטיק זיך מיט דעם שרעקלעכן גערוך, וואָס דאָרט האָט געהערשט. צענדליקע קראַנקע פּויערים מיט ברייטע צעקודלעטע בערד, לאַנגע האָר און פאַרשלאָפענע אויגן זיינען געזעסן און געלעגן אויף זייערע בעטן און גערויכערט מאַכאָרקע פון הילצערנע לולקעס און פאַרפּעסטעט די לופט. אַ קראַנקער וואַזיניקער פּויער, אַ בלינדער אויף איין אויג און מיט אַן אָפּגעשניטענער האַנט איז אַרומגעלאָפן איבערן צימער און געזונגען רעליגיעזע לידער. עס האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר מיין מוטער געוויינט און געבעטן זיך, אַז מען זאָל מיך אַריבערפירן אין אַן אַנדער צימער, אָבער אירע תחנונים האָבן ניט געהאָלפן. די שלעכטע לופט און די גראָבע באַנעמונג פון די באַדינער פון שפּיטאָל האָבן מיך נאָך מער דענערווירט. מיין צושטאַנד איז ערגער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. איך האָב אָנגעפאַנגען פיבערן. די וואונדן מיינע האָבן זיך אָנגעפאַנגען צוריק פונאַנדערעפענען. ווידער האָב איך אָנגעפאַנגען בלוטיקן... אויסערגעוויינטלעכע ווייטאָגן... מיין האַנט איז געשוואָלן געוואָרן. ליגנדיק די גאַנצע צייט אויפן רוקן און ניט קענענדיק איבערקערן זיך, האָט עס מיר זייער ווייט געטאָן. און דערצו איז צו מיר צוגעקומען דער אומדערטרעגלעכער געדאַנק, אַז מיינע שטונדן זיינען שוין געציילטע און אַז איך

וועל שוין מער ניט אויפשטיין פון מיין קראַנקן בעט.

האַלוצינאַציעס האָבן מיך פאַרפאָלגט. מיר האָט זיך פאָר־געשטעלט אַז איך בין אין אַ שטאָט, איך מאַרשיר אין צענדליקער טויזנטער אַרבעטער פאָלגן מיר נאָך. באַלד ווערן מיר באַפאַלן פון סאָלדאַטן און זשאַנדאַרמען. סאָלדאַטן רייסן זיך אַריין אין אונדזע־רע רייען. זיי האַקן אַרונטער קעפ. טויזנטער אַרונטערגעהאַקטע אַרבעטער קעפ. מענטשן לויפן אַרום אין ווילדן פחד. מען שרייט. איך לויף אויך אַרום איבער דער מאַסע און שריי. איך שפּרינג איבער טויזנטער הרוגים. און דאָ קומט מיר אַקעגן אַ משונהדיק בילד: אַ רעגימענט קאָזאַקן רייטן אויף געלע פערד מיט שוואַרצע קעפ. אין זייערע הענט האַלטן זיי גרינע שפּיזן און אויף די שפּיזן זיינען אָנגעשטעקט אַרבעטער קעפ, מיט גרויע בערד און באַפלעקט מיט בלוט... די קאָזאַקן היבן זיך דערנעענט צום צאַרסקן פּאַלאַץ. די טויערן האָבן זיך ברייט פונאַנדערגעעפנט און דער צאַר האָט זיך באַוויזן רייטנדיק אויף אַ שוואַרצן קעמל. די קאָזאַקן זיינען אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע פערד און מיט אַ ווילדן אויסגעשריי האָבן זיי פאַרהילכט די לופט. דעם צאַר האָבן אַרומגערינגלט אַ פאַרפלאָנטערטע קייט פון לייבן און לעאָפּאַרדן. די חיות האָבן געברעוועט און געשריען; שוים איז גערונען פון זיי־ערע בלוט דורשטנדיקע מיילער. אין דער רעכטער האַנט האָט דער צאַר געהאַלטן אַ גרויסע פלאַש אָנגעפילט מיט בלוט און האָט גע־האַלטן אין איין גיסן זיך איבערן קאָפּ. אָפּווישנדיק זיך די פאַר־בלוטיקטע וואָנצע, האָט דער צאַר באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז אַלע אָפּגעהאַקטע קעפּ שענקט ער אַוועק צו זיינע לייבן און לע־אָפּאַרדן. די קאָזאַקן האָבן גענומען שליידערן די קעפּ און עס איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקער באַרג. די ווילדע חיות האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן באַרג. דערנאָך האָבן זיי פאַרריסן זייערע קעפּ צום הימל און אָנגעהויבן ברומען. און — פּלוצים איז עטוואָס געשען, וואָס האָט אַלעמען דערשטוינט — דער הויכער באַרג האָט אָנגעהויבן באַוועגן זיך. דער צאַר האָט זיך דערשראָקן און אויס־געשריען: „ברענגט מיר דעם קאָפּ פון דעם לעצטן קראַמאָלניק!”
די קאָזאַקן האָבן זיך העפלעך פאַרנייגט און מיט אַן אויסגעשריי

האָבן זיי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די געלע פערד. איך האָב אָנ־געהויבן לויפן. די קאָזאַקן נאָך מיר. זיי שיסן אויף מיר, נאָר די קוילן טרעפן מיך ניט. מיינע פיס האָבן אָנגעפאַנגען פאַרלאָזן די ערד. איך שוועב אין דער לופטן. אַ קאָזאַק האָט זיך געלאָזט נאָך מיר. מיר פליען אַלע. אַ קאָזאַק האָט מיך אָנגעיאָגט און מיט דער בלייענער נאַגייקע האָט ער מיר אַ שמיץ געטאָן אין קאָפּ. איך האָב אָנגעהויבן פאַלן. אַראָפּגעפאַלן אין אַ פּוסטן אָפּגעברענ־טן וואַלד. די קאָזאַקן זוכן מיך אַרום. פּלוצים דערהער איך אַ באַסאָווע שטימע:

— דער צאַר פאָדערט דיין לעבן! דו האָסט בלויז געציילטע מינוטן צו לעבן. זאָג שנעל דיין לעצטע תפילה און בעט ביי גאָט מחילה פאַר די זינד וואָס דו ביזט באַגאַנגען קעגן צאַר באַטיושקאַ.

— ניין, — האָב איך פאַרצווייפלט אַ געשריי געטאָן — עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט. ווען אַ גאָט וואָלט געווען און וואָלט צוגעזען אונדזערע לײַדן, וואָלט ער אַראָפּגעשיקט אַ דונער און איר אַלע ווילדע חיות מיטן צאַר באַטיושקאַ צוזאַמען וואָלטן פאַרניכטעט געוואָרן. ניין, עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט.

די קאָזאַקן האָבן אין מיר אויסגעשאָסן... — — — — — — — —

* *

*

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פונם קאָשמאַר. איך האָב דער־פילט אַ שרעקלעכן ווייטאָג אין אַלע מיינע גלידער. דער קאָפּ האָט מיר געברענט. מיינע ליפּן זיינען געווען פאַרטריקנט און די הויט צעשפּאָלטן פון היץ. אויפן שטערן ביי זיך האָב איך דערפילט דעם וואָג פון אַ האַנט. איבער מיר איז געשטאַנען דער פעלדשער ניקאָ־לאַי. ער האָט געהייסן געבן מיר שלינגען שטיקלעך אייז.

ווען מען האָט מיך אויף מאָרגן אַריינגעטראָגן אין אָפּעראַציאָן צימער, האָט דער עלצטער דאָקטאָר, פאַנצקעוויטש, מיר דערקלערט אַז מען מוז מיר אָפּערירן מיין האַנט, און אויב איך וועל זיך ווערן און ניט לאָזן, וועל איך אין משך פון אַ פּאָר טעג פאַרברענט ווערן פון היץ...

ווי מיר איז געווען אויפן האַרצן פון אַזאַ בשורה איז יעדן פאַרשטענדלעך, אָבער איך האָב דעם דאָקטאָר געענטפערט:

— שניידט, רייסט, טוט וואָס איר ווילט, אָבער פאַרשלעפערט מיך, וואָרים די יסורים זיינען ממש ניט אויסצוהאַלטן.

דער דאָקטאָר האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געגעבן אַ צייכן צו זיינע אַרויסהעלפער. די צוויי באַדינער פון שפּיטאָל האָבן זיך גלייך אַוועקגעזעצט אויף מיינע ניט רירעוודיקע פיס; די פאָליציאַנטן, וועלכע האָבן טאָג און נאַכט באַוואַכט מיין צימער, האָבן מיך אָנגענומען פאַרן קאָפּ און מיט זייערע שווערע הענט האָבן זיי מיר פאַרמאַכט די אויגן...

איך שטעל מיר פאָר, אַז מיינע פאַרצווייפלטע קולות האָבן געהילכט איבערן גאַנצן שפּיטאָל, אָבער אין מיטן שרייען איז מיר פלוצים פינצטער געוואָרן אין די אויגן און — איך האָב פאַר־לוירן מיין באַוואוסטזיין.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך געפונען שוין אין בעט... אויפן קאָפּ איז מיר געלעגן אַ גומענער פּענכער מיט אייז. דער דאָקטאָר גאַלאַווצשאַן איז געשטאַנען לעבן מיין בעט און געהאַלטן מיין האַנט אין געקוקט אויפן זייגער און דערביי האָט דער פעלדשער, ניקאָליי, געגאָסן טראָפּנס אויף אַ שטיקל וואַטע, צוגעטראָגן צו מיין נאָז און מיר געהייסן שמעקן. איך האָב דערפילט ווי אַ שווערע וואָג וואָלט פון מיר אַראָפּגענומען גע־וואָרן מיין דורכגעשאָסענע לינקע האַנט איז דינער געוואָרן... די נאָדל־שטעכעניש האָט עטוואָס אויפגעהערט און איך האָב פריי־ער אָפּגעאָטעמט.

נאָך דער אָפּעראַציע האָב איך זיך צו ביסלעך אָנגעפאַנגען בעסערן. די פיר וואונדן פון מיין לינקער האַנט און לינקן זייט האָבן זיך אָנגעהויבן היילן. די גומענע טרייבלעך, וועלכע האָבן געשטעקט אין מיין דורכגעשאָסענער האַנט האָט דער דאָקטאָר צו יעדן איבערבונד געביטן אין יעדן מאָל אַריינגעשטעלט טרייבלעך פון אַ קלענערער מאָס.

אין אַזעלכע געהאַקטע וואונדן בין איך געלעגן דריי מאָנאַטן נאָכאַנאַנד און ערשט אויפן פערטן מאָנאַט האָב איך פּרובירט

אַראָפּגיין פון מיין קראַנקן בעט.

ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַראָפּ פון בעט האָט מיר פאַרשווינדלט דער קאָפּ און איך בין צוריק אַנידערגעפאַלן אין בעט, אָבער אין צוויי וואָכן אַרום בין איך שוין אַ סך קרעפטיקער געוואָרן, אָבער וויסנדיק, אַז איך בין אונטער אַרעסט און אַז באַפרייען וועל איך זיך ניט, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפן פון שפּיטאָל.

מיינע פריינט, ווען זיי האָבן דערפאַרן פון מיין באַשלוס, האָבן זיי מיך דערפון אָפּגערעדט און מיך ניט געלאָזט דורכפירן מיין פּלאַן און ריזיקירן אַ צווייטן מאָל מיט מיין לעבן.

* *

*

קיין דירעקטע באַווייזן קעגן מיר אַז איך באַלאַנג צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן מאַקסימאַליסטן האָט די ראָמאַנאָוו רעגירונג ניט געהאַט און דעריבער האָט די פּינסקער אַדמיניסטראַציע מיך פאַרהאַלטן אונטער דעם סטאַטוס 21 און אַ צוגאָב צום קאָדעקס נומער 33 — ד. ה. אַלס פאַרדעכטיקטן אַז איך בין אַ פּאָליטישער קעגנער פון דער צאַרסקער דינאַסטיע און מיין באַשולדיקונג איז איבערגעגעבן געוואָרן צוערשט צום מינסקער גענעראַל גובערנאַטאָר און דערנאָך צום אינערן מיניסטעריום. שטיצענדיק זיך אויף באַווייזע פון שפּיאָנען האָט די פּינסקער אַדמיניסטראַציע מיך פאַרקלאָגט אַז איך באַלאַנג צו אַ רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך געשטעלט אַלס צוועק דורך טעראָריסטישע אַקטן צו אונטערברעכן די הערשנדיקע צאַריסטישע אָרדנונג, און אונטער דער דאָזיקער באַשולדיקונג האָט דער פּינסקער זשאַנדאַרמסקער ראַטמייסטער מיר געמאָלדן, ווען מען מיך איינשפּאַרן אין דער לאָקאַלער טורמע אַזוי שנעל ווי איך וועל געזונט ווערן.

האָט מיר געמאָלדן אַז איך קען שוין פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. דאָס איז געווען דעם זיבעטן פעברואַר 1909. די פּאָליציי וואַך אַרום מיר איז דאַן פאַרשטאַרקט געוואָרן. אין מיין קראַנקן צימער איז געוואָרן אַ גערודער. איייניקע קראַנקע פּויערים פון מיין צימער,

דערזענדיק די פּאָליציי, זיינען געזעסן אויף זייערע קראַנקע בעטלעך מיט איבערגעשראָקענע אויגן און באַדויערט מיין שיקזאַל. דער גייסטיק קראַנקער פּעדאָר מיטן בלינדן אויג און מיט זיין האַלב אָפּגעזעגטער האַנט איז געזעסן אויף זיין אייזערנעם בעטל און האָט געשמייכלט... איך האָב זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין.

ווען איך האָב אויף זיך אַרויפגעצויגן מיינע קליידער זיינען זיי געהאַנגען אויף מיר ווי זיי וואָלטן געווען אַראָפּגענומען פון אַ סך דיקערן מענטשן. די רויטע בלוט פּאַסן אויף מיינע גרויע דיגנאַלאָווע הויזן האָב איך גלייך באַמערקט . . . מיין דיגנאַלאָווע שוואַרצע טוזשורקע איז אין עטלעכע ערטער געווען דורכגעלעכערט דורך די קוילן . . . מיט אַ קלאַפּענדיקן האַרץ האָב איך גענומען אָפּשייד פון מיין מוטער און פון מיינע איבעריקע פריינט, וועלכע זיינען געקומען מיך באַגלייטן ווען איך האָב גענומען פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל.

דאָס איז געווען אַ שבתדיקער טאָג. אין מיין קאָמפּאַניע האָט זיך אויך געפונען אַן אַרעסטירטער מיטן נאָמען גרישאַ דראָראָקופּיעץ, אַ יאַנאָוועד. בעת ער איז אַרעסטירט געוואָרן, איז ער דורכגעשאָסן געוואָרן אין פּוס און איצט איז ער געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אָן אַ הילצערנער קוליע.

זייענדיק איצט אונטערן פרייען הימל, אַרומגערינגלט מיט אַן אייזערנער קייט פון בלישצענדיקע שווערדן און רעוואָלווערן, האָב איך מיט אַ פעסטן ווילן מאַרשירט פאָרוועדטס דורך די קאַרלינער גאַסן. די גאַסן מיט דעם גאַנצן אומגעגענט האָבן איצט אין מיינע אויגן באַקומען אַן אַנדער אויסזען... די גאַנצע שטאָט מיט די מענטשן, וואָס האָבן דורכגעשניטן די גאַסן, האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי בילדער פון דער פאַנטאַזיע. איך האָב זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז איך טרעט איצט מיט מיינע אייגענע פּיס...

ווען דער עלצטער פון דער וואַך האָט אונדז פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן דינגען אַ איזוואָשטשיק און צופאָרן צו דער לאָקאַלער טורמע, האָב איך זיך פון דער „טובה" אָפּגעזאָגט. דער צווייטער אַרעסטירטער, גרישאַ דראָגאָקופּיעץ האָט דעם פאָרשלאַג יאָ אָנ־

גענומען, וואָרים אים איז שווער געווען פאַרטצווזעצן דעם מאַרש אויף זיין דורכגעשאָסענער פוס. די וואך האָט זיך גלייך צעטיילט, און אונטער דער באַגלייטונג פון עטלעכע פּאָליציאַנטן האָב איך פאָרטגעזעצט מיין מאַרשרוט.

פאַרשיידענע נייגעריקע מענטשן זיינען פאַרלאָפן דעם וועג פון מיינע באַגלייטער און זיך מיט מיר געגריסט און גלייך ווי שאָטנס זיינען זיי באַלד פאַרשוואונדן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און פון דער ווייטן האָב איך דערזען דעם פינסקער הילצערנעם צוים פון דער תפיסה. ביי צוויי ווינקלען פון דער טורמע זיינען געשטאַנען צוויי גרופּעס מענטשן און האָבן פון דערווייטן מיך פריינטלעך באַגריסט.

ווען די וואך איז מיט מיר צוגעקומען נאָענט צום הילצערנעם טויער פון דעם גרויזאַמען לעבעדיקן קבר, האָט איינער פון מיינע באַגלייטער א צי געטאָן דאָס הענטל פון דעם גלאָק. דער וואַכמאַן וואָס איז געשטאַנען ביי דער צווייטער זייט טיר האָט דורך א קליין פענצטערל ארויסגעקוקט צו אונדז, און איבערצייגנדיק זיך אַז מען האָט דאָ געבראַכט א נייעם איינוואוינער, האָט ער די טיר שנעל א עפן געטאָן און גלייך ווי מיר זיינען אריין, האָט ער זי שנעל צו־ריק פאַרריגלט. און — א נייער קאַפּיטל, דער צווייטער אין צאָל, פון תפיסה לעבן האָט זיך פאַר מיר אָנגעפאַנגען.

אַכטער קאַפּיטל

הינטער גראַטעס

איבערגענומען פון דער פּאָליציייאישער וואך האָט מיך דער עלטסטער איפּזועער, ליבעשעוויטש און מיך פאַרשריבן אין זיינע ביכער. איבערגעגעבן האָט ער מיך צו א טורמע אויפזועער וועל־כער האָט מיך אָפּגעפירט אין א צימער, וואו עס זיינען געזעסן איינגעשפּאַרט א געמישטער עלעמענט פון פאַרשיידענע ארעסטיר־טע. דורכגייענדיק דעם מאַרעשכווירעדיקן לאַנגן קאָרידאָר, האָב

איך דערשפירט אַ שרעקלעכן גערוך. די הויכע הילצערנע ווענט און די סטעליע זיינען געווען באַדעקט מיט סאַזשע און פאַררוי־בערט און שפינוועבס איז פון זיי געדיכט אַראָפּגעהאַנגען און גע־וויגט זיך אין דער לופט ווי לאַנגע זאַנגען. אין אייניקע פּלעצער זיינען די ווענט געווען באַדעקט מיט אַ גרינעם האָריקן שימל. די פּאָדלאָגע פון לאַנגן דורכגאַנג צימער איז געווען באַצירט מיט שוואַרצע פאַרטריקנטע בלאָטע. אַ שרעקלעכער גערוך האָט אָפּ־געשלאָגן פינם אָנטריט צימער, וואָס האָט זיך אויך געפונען אין דעם זעלבן קאָרידאָר. מיר האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם...

און אַ שרעקלעכן בילד האָב איך אויך דערזען ווען איך בין אַריינגעפירט געוואָרן אין מיין קאַמער. דרייצן אַרעסטאַנטן זיינען דאָרט געווען, צווישן וועלכע איין פּאָליטישער, פּאַוועל טירעשקאָ, איז געזעסן געשמידט אין אייזערנע קייטן... דער צימער איז געווען זייער אַן ענגער. ניט מער ווי דריי אַרשין די ברייט און פינף אַרשין די לענג. מער פון צוויי מענטשן האָבן זיך ניט גע־טאָרט אויפהאַלטן אין דעם צימער, אָבער די רוסישע און לאָקאַלע שטאָטישע ניקאָלאַיס באַאַמטע האָבן זיך מיט קיין זאַך ניט גע־רעכנט... פון די דרייצן פאַרשפּאַרטע מענטשן זיינען אַ העלפט גע־לעגן קראַנק. אונטער דער קליינער הילצערנער נאַרע זיינען גע־לעגן דריי קראַנקע אַרעסטירטע מיט אינערלעכע טיפוס קראַנק־הייט. ביי די ביידע ווענט פונם קאַמער זיינען אויף דער ערד גע־לעגן נאָך דריי קראַנקע — אויך אויף טיפוס. די איבעריקע אַרעס־טירטע זיינען געזעסן אויף דער נאַרע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און מיט איסגעבלייכטע פּנימער.

דריי אַרעסטירטע זיינען אַרומגעקראָכן איבערן צימער און מיט נערוועזע בליקן האָבן זיי מאַרשירט הין און צוריק. אַ היבשע פעסל באַדעקט מיט אַ הילצערנעם צודעק איז געשטאַנען אין אַ ווינקל לעבן טיר. צוויי מאָל אַ טאָג פלעגט מען צוויי אַרעסטירטע אַרויסלאָזן פון קאַמער און זיי פלעגן אויסליידיקן די פעסל און זיי פלעגן אויך אַריינטראָגן אַ דייזשקע וואַסער פאַר אַ גאַנצן מעס־לעס...

די פאַרשטיקטע לופט איז געווען שרעקלעך און שווערהאַפט.

דער שווערער אָטעמען און קרעכצן פון די קראַנקע האָט מיר שרעקלעך ווי געטאָן. מיין אויסגעקרענקטער קערפּער האָט דאָס ניט געקענט פאַרטראָגן און איך בין שרעקלעך נערוויאיש געוואָרן. ניט אָנפרעגנדיק זיך ביי קיינעם האָב איך דעם וואַכמאַן פון האָל, וואָס האָט אַרומשפּאַצירט הין און צוריק, אויפגעפאָדערט, אַז מען זאָל מיך שנעל אַריבערפירן אין צימער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. פון דעם פינצטערן קבר האָט מען מיך נייגעריק באַטראַכט און מיט האַלב פאַרצווייפלטע מעלאַנכאָלישע פּנימער האָבן זיי ווילד געלאַכט צו זיך אַליין.

מיין פּראָטעסט איז פאַר אַ האַלבער שטונדע איגנאָרירט געוואָרן, אָבער ווען די חברים פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג האָבן זיך דערוואוסט פון מיין פאַרצווייפלטער לאַגע, האָט דער עלצטער פון פּאָליטישן קאַמער, קאַמעראַד גאָגאָל, גלייך אויפגעפאָדערט דעם עלצטן פון טורמע אַז מען זאָל מיך איבערזעצן אין פּאָליטישן צימער. זיין פאָדערונג איז אָבער אָנטזאָגט געוואָרן, וואָרים ער ווייסט ניט, האָט ער געזאָגט, אין וואָס איך ווער באַשולדיקט. ער האָט אָבער פאַרשפּראָכן, אַז אַזוי שנעל ווי ער וועט קריגן די נויטיקע אינפאָרמאַציע וועגן מיר, וועט ער מיך גלייך אַריבערזעצן אין פּאָליטישן קאַמער. איין זאַך האָט חבר גאָגאָל דאָך אויסגעווירקט דערווייל, און דאָס איז וואָס מען האָט מיר דערלויבט צוזאַמען מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַרומשפּאַצירן איבערן הויף דעם זעלבן טאָג, אין משך פון דריי פערטל שעה.

מיין באַגעגעניש אין טורמע אויפן הויף מיט די חברים פון פּאָליטישן קאַמער איז געווען אַ דראַמאַטישע גרויסע פריינטשאַפט

עס האָט לאַנג ניט גענומען און דער דאָקטאָר פונם שפּיטאָל און הארצלעכע ברידערלעכע ליבע. די פרייד וואָס איך האָב אין יענע אומפאַרגעסלעכע טרויעריקע מינוטן איבערגעלעבט איז אוממעגלעך איצט צו באַשרייבן. פאַלנדיק אויף די העלדזער האָב איך מיט אייניקע פערזענלעך באַקאַנטע חברים זיך ברידערלעך צוקושט. און אָט אַזוי שפּאַצירנדיק און באַקענענדיק זיך מיט נייע צענדליקער אַרעסטירטע חברים, האָב איך דערהערט דעם קלונג פון אַ גלאָק און אונדזער פאַרווייַלונג שפּאַציר איז איבערגעריסן געוואָרן.

אַריינקומענדיק צוריק אין מיין ענגן קאַמער, האָבן די אַרעס־
טירטע אָפּגעטיילט אַ פּלאַץ פאַר מיר אויף דער קליינער שמאָלער
הילצערנער נאָרע. דער איינציקער פענצטער פון צימער איז גע־
ווען אַרומגעשמידט מיט אייזערנע גראַטעס; די שויבן זיינען געווען
באַדעקט מיט אַ געדיכטן שטויב. דורך דער אָפענער שויב, וואָס
פלעגט זיך צומאַכן מיט אַ קליינעם קייטל, האָט געזעצט אַ געדיכ־
טע פאַרע, ווי אַ רויך, געשטראָמט פון דעם ענגן קבר אין הייט
פון דער אייביקער פינצטערניש. די גאַנצע טורמע האָט ביטער
געקרעכצט פון ווייטיק: „אוי, ראַטעוועט, מען ברענט מיך!” דאָס
זיינען געווען די קולות פון אַ קראַנקן פון היץ. אין דער זעלבער
צייט דערטראָגט זיך אַ צווייטע שטימע פון אונטער דער נאָרע:
„געוואַלד! פּאָזשאַר! עס ברענט!...” מיט אַ שרעקלעכן אימפּעט
קריכט אַרויס פון אונטער דער נאָרע אַ האַלב נאַקעטער מענטש
און מיט פאַרגלאָצטע אויגן לויפט ער גלייך צו דער טיר... „גע־
וואַלד, עס ברענט!...” שרייט דער קראַנקער און מיט זיינע האַלב
פאַרגליווערטע צונויפגעדריקטע פויסטן קלאַפּט ער אין טיר... ווי־
נע באַנומענע קולות פאַרהילכן דעם צימער. מאַכטלאָז פאַנגט זיך
אָבער באַלד אָן זיין קערפּער צו בויגן, די פיס ווערן אים אונטער־
געבראָכן... צוויי אַרעסטאַנטן חברים האַלטן אים אונטער אונטער
די אָרעמס... דער וואַכמאַן האָט גלייך געפּנט די טיר און ער האָט
אַרויסגעשלעפּט . . . שוין דעם קערפּער פון דעם פאַרברענטן
מענטשן . . . דער קאַלטער טויט . . . נאָך אַ קרבן האָט צוגענומען
דער העלישער פייער, באַפרייט דעם קראַנקן פון זיינע פיזישע
שמערצן . . . נאָך אַ מענטש איז דערשטיקט געוואָרן אינטער דער
נאָרע, אָן לופט, אָן מעדיצינישע באַהאַנדלונג און איצט — האָב
איך פאַרנומען דעם טויטנס פּלאַץ . . . אין דעם זעלבן פאַרגיפ־
טעטן צימער! . . .

* * *

מיין דורכגעשאָסענע לינקע האַנט איז נאָך געווען אַרומגע־
בונדן מיט אַ גרויסן און ווייסן באַנדאַזש. די וואונד איז נאָך
געווען רוי און ניט אינגאַנצן פאַרהיילט. זיצנדיק אויף דער נאָ־

רע אין אַ ווינקל האָט מיר פּלוצים אָנגעפּאַנגען זשומען אין קאָפּ און מײַנע גלידער האָט גענומען שנײַדן אַ ביטערע קעלט. איך האָב אָנגעהויבן קלאַפּן צאָן אָן צאָן און אין די אויגן איז מיר געוואָרן טונקל. דער גאַנצער קאַמער צוזאַמען מיט די אַרעס־טירטע האָבן זיך ווי אַ קנויל גענומען דרייען פאַר מײַנע אויגן. בלויע פּייערלעך, גרינע שטערנדלעך . . . פאַררויכערטע שאָטנס האָבן געשוועבט אין דער לופטן און אַ אומבאַקאַנטע שטימע שרייט צו מיר: „מען ווערט דאָ פאַרברענט! . . . מען פאַרמוטשעט דאָ צום טויט" . . . אין קאָפּ בלאָנדזשען אַרום מעלאַנכאָלישע געדאַנקען: וואָרום צעשיסט מען אונדז ניט אַלעמען מיט אַמאָל און אָן ענדע זאָל נעמען צו דעם פּינצטערן אומנאַרמאַלן לעבן! . . . וואָרום פּלאָגט מען אונדז? האָב איך גענומען ריידן צו זיך אַליין . . . און זודיקע טרערן האָבן זיך גענומען קייקלען פון מײַנע אויגן און באַנעצט מײַן פּנים . . .

לאַנגזאַם ווערט די קעלט פאַרשוואונדן. מײַנע ציין האָבן אויפגעהערט זיך מעכאַניש באַוועגן. אַ וואַרימער שווייס האָט מײַן קערפּער באַדעקט. נאָך די טרערן איז מיר אין די אויגן געוואָרן אַביסל ליכטיקער. אויפן האַרצן איז מיר גרינגער געוואָרן.

זיצנדיק אַזוי אויף דער נאַרע פאַרזונקען אין מײַנע קרענק־לעכע געדאַנקען האָב איך דערהערט אַ געשריי פון דעם לאַנגן זאַל דורכגאַנג. דערהערנדיק ווי דורכן חלום אַז מען רופט מיך, בין איך אַראָפּגעקראָכן פון דער נאַרע און צוגייענדיק צו דער טיר פון קאַמער האָב איך דורך דער קליינער שויב באַמערקט אַ בלאַסן מילדן פּנים פון דער גוט באַקאַנטער חברטע שרה ברײַנדל בעגין. דורכן קליינעם פּענצטערל האָט זי מיר איבערגעגעבן אַ פּעקל שפּייז. נאָך אַ קורצן געשפּרעך איז חברטע שרה באַגייסטערט גע־וואָרן און אומדערוואַרטעד האָט זיך אַ רעוואָלוציאָנערע ליד אַרויס־געריסן פון איר איינזאַמען האַרץ:

אין שטורם און קאַמף
האָבן מיר אונדזער יוגנט פאַרלוירן;
פון ליבע און גליק
האָבן מיר נימאָלס געוואוסט...

אירע שטילע טרוימערישע טענער האָבן זיך ווי אַן עלעקטרי־
שער בליץ צעפלויגן איבער דעם לאַנגן מרה־שחורהדיקן קאָרידאָר.
סידאָראָוו דער נאַדזיראַטעל, וועלכער האָט צוערשט דערלויבט
חברטע שרהן צוצוגיין צום טיר פון מיין קאַמער, איז אין דעם
זעלבן מאָמענט געשטאַנען אין אַ צווייטן זאַל און זיך געמאַכט ניט
זעענדיק. דערהערנדיק חברטע סאָניאַס שטימע איז דער באַוואָפנ־
טער וואַכמאַן פאַרציטערט געוואָרן. אַ דערשראָקענער איז ער צו־
געלאָפן און מיט אַ באַפעלנדער שטימע האָט ער גענימען שרייען
צו איר אַז זי זאָל אַוועקגיין. נאָר חברטע סאָניאַ האָט זיך גלייך
ניט אַ ריר געטאָן פון אָרט. איר זינגען איז איבערגעהאַקט גע־
וואָרן. כדי ניט צו מאַכן קיין גערודער, האָט זי פאַרלאָזן דעם
פּלאַץ און איז אַוועק אין איר צימער.

חברטע סאָניאַס זיסע שטימע און מילדער בליק האָט מיינע
צעטרייסלטע נערוון עטוואָס באַרואיקט. אַוועקזעצנדיק זיך צוריק
אויף דער נאַרע, האָב איך איך גענומען אַלץ גלייכגילטיק באַ־
טראַכטן: וואָס טוט זיך דאָ אַרום מיר?...

פון דער שרעקלעכער ענגשאַפט און פון די פאַרשטונקענע
אומנאַרהאַפטיקע שפייז האָט זיך די טיפוס עפּידעמיע פאַרשפּרייט
צווישן די קרימינעלע פאַרברעכער. אַן אומדערוואַרטעטן טומל
האָב איך זיצנדיק אויף דער נאַרע דערהערט. ווען עס איז שטיל
געוואָרן, בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטערל. אַ נייע טראַגישע
בילד איז דערשינען פאַר מיינע אויגן: אַ הילצערנע טראַג־בעטל,
באַצויגן מיט לייוונט, איז געשטאַנען אַנטקעגן מיין קאַמער נומער
צוויי. אויף דעם בעטל איז געלעגן אַ טויטער מענטש. אַ שוואַר־
צע ברייטלעכע באָרד האָט באַדעקט דעם טויטנס אויסגעדאַרטן
בלאַסן פּנים.

דער מת מיט דער שוואַרצער באָרד האָט איצט פאַרנומען
אַ שיינעם אָרט אין מיינע געדאַנקען. איך האָב פאַר קיין פאַל יענע
נאַכט ניט געקענט איינשלאָפן. זייענדיק וואַך, האָבן די וואַנצן
מיין לייב דאָך צעביסן. דער רויך וואָס האָט געשטראָמט פון
קליינעם לעמפּעלע האָט אָנגעפילט דעם צימער מיט אַ נערוך פון
קעראָסין. ערשט אין דער פרי בין איך איינגעשלאָפן.

אָבער מיין שלאָף האָט ניט לאַנג געדויערט. אויפּעפענענדיק די אויגן האָב איך אין קאַמער דערזען דעם עלצטן אויפזעער פון טורמע צוזאַמען מיטן חבר גאַגעל פון פּאָליטישן קאַמער.

און דער עלצטער באַאַמטער האָט מיר געמאָלדן אַז ער האָט דערהאַלטן מיינע פּאַפּירן און היות ווי ער ווייס שוין אַז איך בין אַ פּאָליטישער, דערלויבט ער מיר אַריבערצוקלייבן זיך אַ וואו איך באַלאַנג — אין פּאָליטישן קאַמער.

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין פּאָליטישן קאַמער.

דער פּאָליטישער קאַמער איז געווען אַ סך באַקוועמער. אויף דער נאַרע איז געווען גענוג פּלאַץ און קיינער פון די איבער דרייסיק אַרעסטירטע האָט ניט געדאַרפט שלאָפן אויף דער ערד. אַ שטאַר־קער גערוך פון קאַרבאָליק עסיד האָט זיך געשפּירט אומעטום. די טיפוס עפּידעמיע, וואָס האָט געבושעוועט אין טורמע האָט אַנגעוואָרפן אַ טויט שרעק אויף אַלעמען. אַפילו אויף די טורמע באַאַמטע. אייניקע פון זיי האָבן זאָגאַר רעזיגנירט. אַ טייל פון זיי זיינען קראַנק געוואָרן. דער עלצטער באַאַמטער פון טורמע ליבעשעוויץ, וועלכער האָט שוין אַכצען יאָר פאַרנומען זיין אַמט, איז געווען פון די קראַנק געוואָרענע און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן אין דעם שטאָטישן קאַרלינעם שפּיטאָל.

אַ שטאָטישער שוואַרץ־מאַהניק האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און האָט אָנגענומען דעם אַמט אַלס עלצטער אויפ־זעער, אָבער דער שוואַרצער כוליגאַן האָט לאַנג ניט „געקעניקט" — אָפּזייענדיק אַ וואָך אויף זיין אַמט איז ער אויך קראַנק גע־וואָרן און איז אין געברענטע צרות געשטאָרבן.

אייניקע סאָלדאַטן, וועלכע זיינען געקומען אין באַרירונג מיט די אַרעסטירטע, זיינען קראַנק געוואָרן און שנעל אַוועקגע־שטאָרבן. דער מיליטערישער נאַטשאַלניק פון טורמע איז אויך קראַנק געוואָרן און זיין פּלאַץ איז צייטווייליק פאַרנומען געוואָרן פון דעם פּינסקער נעהילף פּריסטאַוו קראַווטשענקאָ.

די שרעק פאַר די אייגענע מענטשן איז געוואָרן זייער גרויס. די פינסקער שטאָטישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַרומגעזען אַז זיי האָבן אַ גרויסן פאַרברעכן באַגאַנגען מיט דעם וואָס זיי האָבן אַלע אַפּטיילונגען פון טורמע געהאַלטן די טירן פאַרשפּאַרט און קיינעם פון די אַרעסטירטע ניט געלאָזן אַרויסצוגיין אויף דעם הויף כדי זיך דורכלופטערן פאַר אַ האַלבע שטונדע. און מיט דעם אַליין האָבן זיי געהאָלפן פונאַנדערשפּרייטן די שרעקלעכע מגפה, וואָס האָט געריבט קרבנות פון לינקס און רעכטס.

דער ציטוווייליקער נאַטשאַלניק קראַוושטשענקאָ ווי נאָר ער האָט איבערגענומען די ממשלה איבער דער טורמע, האָט ער גלייך באַפעלן די אויפזעער אַז זיי זאָלן פונאַנדערעפענען די טירן פון אַלע אָפּטיילונגען. אַ טייל פון די קרימינעלע פאַרברעכער וועלכע זיינען געווען פאַרורטיילט צו זיצן 3 אָדער 6 מאָנאַטן פאַר גנב־ענען אַ בינטל היי אָדער אַ חזירל . . . — זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל. אין טורמע איז געוואָרן געראַמער.

די ליבעראַלע רעפאָרמס פון דעם נייעם ציטוווייליקן נאַ־טשאַלניק האָט שוין אָבער ווייניק געקענט העלפן די פאַרשפּאַרטע איינוואוינער. דער פּאָליטישער קאַמער, וואָס האָט שטרענג אָפּ־געהיט פאַרשיידענע היגיענישע געזעצן און ציטוווייליק פאַרהיט דעם געזונט פון אונדזערע חברים, האָט פאַרלאָרן דעם קאַמף מיט דעם וואָס אַלע צימערן זיינען געעפנט געוואָרן וואו הונדערטער קראַנקע זיינען געלעגן צעשפּרייט איבער דער ערד און איינגעוויקלט אין פאַרשיידענע לייוונטענע שמאַטעס, באַשמוצט און פאַרגיפטעט פון די טויטלעכע באַצילן. די טיפוס עפּידעמיע האָט זיך גלייך אַריינגעכאַפּט אין אַ״נדזער קאַמער און אונדזער יונגער חבר אַדאָלף איז גלייך געפאַלן אַ קרבן פון דער שרעקלעכער קרענק.

אָט דער פאַרשטאָרבער חבר, וועלכער איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פינסקער רעאַל־שולע פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען, איז געווען הויך געבויט, אַ טיפּישער אינטעליגענט, אַ מענטש מיט אַ ברייטער האַרץ און אַ גוטער נשמה.

דער פּריצייטיקער טויט פון אונדזער יונגן חבר האָט געמאַכט א שווערן איינדרוק אויף אונדז אַלעמען. קיינער איז ניט געווען באַזיכערט מיטן לעבן. טאָג־טעגלעך פלעגט מען ארויסטראָגן טויטע קערפּערס פון אונטער די נאַרעס...

אָפּלעבנדיק צוויי וואָכן אין מיין נייער היים, האָב איך פּלוצים דערפילט א ברעכעניש אין די פיס און אין פּלייצע... נאָך דעם ווי דער דאָקטאָר האָט מיך אונטערזוכט, האָט ער מיר באַפעלן זיך אָנצוטאָן און, נעמענדיק מיך אונטער די אָרעמס, האָט ער מיך אריינגעפירט אין דער אָפּטיילונג וואו די באַוואָפנטע נאַדזי־ראַטעלעס האָבן זיך אויפגעהאַלטן, און ער האָט מיר געשטעלט באַנקעס.

מורא האָבנדיק פאַר דער קרענק האָט זיך איין נאַדזיראַטעל פונאַנדערגעשריען הלמאי דער דאָקטאָר האָט מיך אוועקגעלייגט אויף זיין בעט... דער דאָקטאָר האָט זיך אָבער געמאַכט ניט הערנדיק און מען האָט מיך גלייך צוריקגעבראַכט אין מיין קאַמער.

די באַנקעס האָבן מיר ווייניק וואָס געהאָלפן. מיין אַלגע־מיינער געזונט צ״שטאַנד איז ערגער געוואָרן. נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר האָט מיך צום צווייטן מאָל אונטערזוכט, האָט ער מיר דערקלערט אַז איך בין קראַנק אויף אַן אויסגעשאָטענעם אויסער־לעכן שוואַרצן טיפוס, און אַלס א געפערלעכן קראַנקן, האָט ער באַפעלן דער טורעמנער אַדמיניסטראַציע, אַז מען זאָל מיך אריבער־טראָגן אין קאַמער נומער צוויי, וואו מען האָט מיך צום ערשטן מאָל פאַרשפּאַרט.

אין קאַמער נומער צוויי זיינען שוין אַלע אַרעסטירטע גע־לעגן קראַנק אויף אויסערלעכע און אינערלעכע טיפ׳יסן, אָן קיינשום מעדיציינישע אויפּפּאַסונג. באַגרייפנדיק די געפאַר וואָס מיר שטייט איצט פאַר אריינגעוואָרפן צו ווערן אין אַזאַ שמוציקן און טויטלעכן צימער, — האָב איך זיך שנעל ווי דער ווינט אויפגע־כאַפּט פון מיין געלעגער און זיך שנעל אָנגעטאָן. ווען די צוויי נאַדזיראַטעלעס מיט א הילצערנער טראָג־ברעט זיינען אריינגע־קומען אין פּאָליטישן קאַמער, בין איך שוין געשטאַנען אויף

אַ נאַרע פעסט אַנטשלאָסן צו באַווייזן אַ ווידערשטאַנד און ניט צו גיין מיט זיי. די נאַדזיראַטעלעס האָבן געהאַלטן די שטומע הילצערנע טראָג ברעט אין די הענט און האָבן דערוואַרט, אַז איך זאָל זיך גיין לייגן אין איר. איך אָבער, שטייענדיק אויף דער נאַרע, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט אין אַ ווינקל, האָב איך מיט פאַרפּלאָנטע אויגן געוואָרפן פאַרצווייפלטע בליקן אויף די נאַדזיראַטעלעס...

די חברים פון פּאָליטישן קאַמער האָבן אין דער זעלבער צייט ניט געקענט באַשליסן וואָס פאַר אַ שטעלונג צו נעמען. ווי פּאַראַליזירטע פיגורן זיינען זיי געשטאַנען און געקוקט אויף מיר...

דער טויטער שטילשטאַנד האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. די נאַדזיראַטעלעס האָבן פּרובירט נעמען מיך מיט געוואַלד. און ווען איך האָב צו די נאַדזיראַטעלעס אויסגעשריען, אַז איך בין ניט קראַנק און איך נויטיק זיך ניט אין טיִיטן־קאַמער, האָבן עטלעכע חברים פון פּאָליטישן קאַמער זיך איינגעשטעלט פאַר מיר.

ווען די נאַדזיראַטעלעס האָבן דעם פּאָליטישן צימער פאַרלאָזן, בין איך גלייך מאַכטלאָז געפאַלן אויף דער נאַרע. אַ שרעקלעכע קעלט האָב איך גלייך דערפילט אין אַלע מיינע גלידער . . . מיין גאַנצער קערפּער האָט זיך געטרייסלט פון קעלט... עס האָט לאַנג ניט גענומען און די קעלט איז פאַרשוואונדן און אַ הייסע ברענעניש האָט אָנגעצונדן מיין לייב. אין מויל איז טרוקן געוואָרן. די הויט פון די ליפּן איז צעשפּאָלטן געוואָרן פון דער שרעקלעכער היץ.

די חברים פון פּאָליטישן קאַמער האָבן אויפגעפּאָדערט די אַדמיניסטראַציע אַז מען זאָל מיך אַריבערפירן אין דעם שטאָטישן שפּיטאָל. דער טויט פֿין די צוויי עלצטע נאַדזיראַטעלעס האָט אויף דעם צייטווייליקן נאַטשאַלניק קראַוטשענקאָ געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק און ער האָט צוגעזאָגט די חברים פון פּאָליטישן קאַמער, אַז ער וועט זייער ביטע באַוויליקן.

אויף מאָרגן — דאָס איז געווען אַ שבתדיקער טאָג — עלף אַזייגער אינדערפרי האָט מיר מיין פאַמיליע צוגעשיקט אַ וואַרימן

פוטער. די חברים פון פּאָליטישן קאַמער האָבן מיך איינגעטרייט אין מיין פּאַטערס ווארימן פעלץ און נעמענדיק מיך אונטער די אָרעמס האָבן זיי מיך באַגלייט ביזן טויער.

ניינטער קאַפּיטל

צוריק אין שפּיטאָל

נאָך אַ קורצער און שנעלער רייזע, באַגלייט פון עטלעכע פּאָליציאַנטן און מיין איינגערן ברודער, איז דער שליטן, וואָס האָט זיך אַזוי האסטיק געגליטשט און געטרייסלט, געבליבן שטיין. ווען איך האָב אָפּגעשפּילעט דעם פעלץ און ארויסגעקוקט אויף דער פריי איז די גאַנצע גאַס ארום קאַרלינעם שפּיטאָל געווען פאַרפלייצט מיט רייטנדע קאָזאַקן און סטראַזשניקעס. די פינסקער שטאָטישע אָכראַנקע האָט צוגעגרייט אַ געהויבענע מיליטערישע לויה פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם עלטסטן נאַדזיראַטעל לעבשאַ־וויטש, וועלכער האָט אכטצען יאָר נאָכאַנאַנד געפּייניקט מענטש־לעכע נשמות אין דער פינסקער טורמע...

אין שפּיטאָל צימער, וואו מען האָט מיך אריינגעלייגט איז אין דעם צווייטן בעט געלעגן דער קראַנקער חבר סאָלאָטקין. ווען ער האָט מיך באַמערקט און נייגעריק באַטראַכט, האָט זיך פּלוצלונג אַ שטימע ארויסגעריסן פון זיין ברוסט:

— אַך, חבר, — האָט ער אַ געשריי געטאָן — מיר שטאַרבן דאָ איינציקווייז...

און אָט רעדט ער שוין צו זיך אליין: — אַ וואו איז זיין פרוי און קינדער...

— אַך, חבר! — גיט ער אַ געשריי און פאַנגט אָן זינגען — וואָס האָבן מיר, ברידער, צו פאַרלירן?... — און פאַרענדיקט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן און מאָדנעם ברומען אונטערן נאָז: — אום... אום... — און אָט דרייט דער קראַנקער חבר זיך אויס, קריכט אראָפּ פון דער אייזערנער בעטל און צעוואַרפט די זאַכן

פון זיין בעט און ברומט ווילד אונטערן נאָז... און זינגט אונטער... און טוט פּלוצים אַ פאַל...

דער באַדינער פון קראַנקן צימער האָט דעם קראַנקן חבר אויפגעהויבן און אים צוריק אַריינגעלייגט אין בעט.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז אַריינגעקומען אין אונדזער צי־מער אַ פּוילישער קסיאָנדז. דער גלח איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, אויף זיין קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ זיידענעם מיץ באַנייט מיט גאָלדענע פּאַסן. דער גלח האָט אָנגעצונדן עטלעכע וואַקסענע ליכט און אין דער שטיל געשעפּטשעט, מאַכנדיק מיט די הענט פאַרשיידענע באַוועגונגען. דערנאָך איז ער געפאַלן אויף די קני לעבן דעם קראַנקנס בעט, די הענט צוזאַמענגעלייגט האָט ער אויפגעהויבן אין דער הויך. זיינע ליפּן האָבן זיך שנעל באַ־וועגט.

דער קראַנקער חבר איז באַוואוסטלאָז געלעגן אויף דעם בעט און האָט קיין אַנונג ניט געהאַט וואָס פאַר אַ הינטישע שטיק דער גלח האָט אָפּגעטאָן. נאָכדעם ווי דער גלח האָט פאַרלאָזן דעם צימער איז חבר סאַלאַטקינס פרוי אַריינגעקומען און זי האָט אָפּ־געמאָסטן די היץ, און מיט פאַרווײנטע אויגן איז זי צוגעקומען אויך צו מיין בעט און האָט גענומען אויך מיין טעמפּעראַטור. מיין היץ האָט דערגרייכט איבער פערציק גראַד רעאומער. די דאָק־טוירים אין שפּיטאָל האָבן ניט געקענט אויף מיינע פראַגן ענטפערן, וואָס וועט זיין דער סוף פון מיר... צווישן צוויי וועלטן האָט דאַן געשוועבט מיין גייסט... צייטנווייז פלעגט זיך מיר אויסדוכטן אַז דער קאַלטער טויט וועט מיך איינשלינגען... און גראַדע ווען די טרויעריקע געדאַנקען וועגן טויט פלעגן מיך באַהערשן, האָט אַ מעכטיקער פאַרלאַנג זיך אַנטוויקלט אין מיר און איך האָב צו זיך אַליין גערעדט: — איך וויל ניט שטאַרבן איינזאַם אין די פינ־צטערע קאַזעמאַטן... לעבן וויל איך! — האָב איך געברומט — גיט מיר מיין פרייהייט!... — האָב איך געשריען... און דער גר־מענער פענצטער מיט אייז פלעגט גלייך צעשמאָלצן ווערן אויף מיין ברענענדיקן שטערן.

און אַט אַזוי ליגנדיק אין געהאַקטע צרות האָט מען אַריינגע־בראַכט פון פינסקער טורמע דעם פּוילישן קראַנקן חבר יורעוויטש, וועלכער איז זעקס און צוואַנציק יאָר אַלט געווען, פּיזיש פעסט געבויט, בלאָנדע האָר מיט אַ פּאָר גרויע, פריילעכע אויגן... ווען מיר זיינען צוזאַמען געזעסן אין פּאָליטישן קאַמער, האָט דער חבר יורעוויטש אימער געטריבן שפּאַס. ער האָט זיך געוויצלט, אַז די קרענק וועט אים ניט נעמען... און ווען אַלע חברים פון פּאָלי־טישן קאַמער זיינען שוין געלעגן אויסגעצויגן אויף די נאַרעס, האָט דער חבר יורעוויטש נאָך אַלץ אַרומגעקראָכן און זיך ניט אונטערגעגעבן...

ענדלעך האָט די שרעקלעכע טיפוס עפּידעמיע אים אויך ניט אויסגעמידן. ווען מען האָט דעם חבר אַוועקגעלייגט אין מיין צימער אויף אַן אייזערנעם בעט, האָט ער מיך גלייך דער־קאָנט און האָט מיר זאָגאַר איבערגעגעבן אַ גערוס פון פּאָליטישן קאַמער.

די ערשטע צוויי מעת לעת האָט דער קראַנקער חבר יורעוויטש זיך פאַרהאַלטן רואיק. אויף דעם דריטן מעת לעת האָט זיך זיין געזונט צושטאַנד געענדערט. אַראָפּקריכנדיק פון בעט און צו־קומענדיק צו מיין בעט, האָט ער פּלוצים אַ נעם געטאָן אַ באַסאַנ־טשיק מיט זעלצער וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הילצער־נעם טיש לעבן מיין בעט, און צודריקנדיק די פלעשל מיט סעלצער צו זיין נאַקעטער ברוסט, האָט דער קראַנקער חבר אויך אין דער זעלבער צייט צעשליידערט דעם געלעגער פון זיין בעט און האָט אָנגעפאַנגען אַרומקריכן איבער דער פּאַלאַטע, האַלטנדיק דעם פלעשל סעלצער אין די הענט. פּלוצלונג רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון זיין ברוסט און דער חבר פאַנגט אָן זינגען:

„מי זשערטוואָיו פּאַלי וו באָרבע ראָקאָוואָי"... *)

אין אַט ווערט ער אויף אַ מאָמענט אַנטשוויגן און גלייך רייסט זיך ווידער אַ שטימע אַרויס פון זיין ברוסט און מיט אַ שרעק־

---

*) מיר זיינען געפאַלן פּאָר אַ קרבן אין דעם שרעקלעכן קאַמף

לעכן געשריי שטורעמט דער קראנקער חבר: — ברידער מיר ווערן פארניכטעט!... מען דערמאָרדעט אונדז!... — אזוי קלינגט זיין שטימע איבערן צימער. און אָט ווערט זיין פנים פארענדערט און מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ וואנדערט ער ארום צווישן די בעטלעך פון די קראנקע פאציענטן, און גיט באלד א פאל און שלאָפט איין אין הינער פלעט...

צוויי טעג שפעטער האָט דער בייזער טויט זיין יונגן לעבן אוועקגערויבט...

* * *

ווען מיין געזונט האָט זיך פארבעסערט, האָט מען מיך ארי־בערגעפירט אין דער אלגעמיינער פאלאטע וואו טיפוס קראנקע, פרויען און מענער, פּאָליטישע און קרימינעלע פארברעכער צוזא־מען מיט קאַזיאָנע באאמטע— פּאָליציאנטן און אויפזעער, און ציווילע פאציענטן זיינען געווען צוזאמענגעמישט. אויף דער צווייטער בעט פון מיר איז געלעגן דער נאדזיראטעל וועלכער האָט פּראָטעסטירט ווארום דער פעלדשער ניקאָליי האָט מיך אין טורמע אוועקגעלייגט אויף זיין בעט און מיר געשטעלט באנקעס... זיין גאנצער ברייטער בלאסער פנים איז געווען באוואקסן מיט א בלאָנ־דער בערדל. ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער אָנגעפאנגען שמייכלען און זיך אָפּגערופן:

— אבי איך האָב געמיינט אז דו ביזט שוין לאנג געשטאָרבן. נו, וויבאלד דו לעבסט ביזטו א גליקלעכער... פוי, אזויפיל מענטשן זיינען דאָ צעשטאָרבן... צוויי שיסלען בלוט איז פון מיר אויסגע־רונען... איך אליין בין שיר ניט געשטאָרבן — האָט ער זיך בא־קלאָגט. — אז איך וועל געזונט ווערן וועל איך אוועקפאָרן צו מיר אין דאָרף אריין און צוזאמען מיט מיין פרוי און קינדער וועל איך אַרבעטן אויפן פעלד. דינען גיין צוריק אין טורמע וועל איך שוין ניט... פוי, מען שטארבט דאָ גאָר...

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אין דער אלגעמיינער אָפּטיילונג אריינגעבראכט א קראנקן סאָלדאט, פיאָדאָר. דעם ערשטן טאָג איז ער געלעגן אויף זיין בעט רואיק אָבער אויף מאָרגן האָט ער

אַנגעפּאַנגען אַרומבראָדיען איבער דער פּאַלאַטקע אַרום די פענצטער און קריכנדיק אַזוי האָט ער דערטאַפּט אַ ליידיקע פלעשל און ער האָט אַנגעפּאַנגען שרייען אַז מען זאָל אים געבן שנאַפּס — „וואָד־קאַ”. און באַלד האָט ער אַנגעפּאַנגען זיך אַליין מושטירן ווי ביי מיליטערישע איבונגען: „פּערווי”, „ווטאָראָי”, און איז אין אָנמאַכט געפאַלן אויף דער ערד. זיינע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „מאַמע מיינע, קום און ראַטעווע מיך!...”

אויפן דריטן טאָג איז דער אָרימער אומגליקלעכער צוויי און צוואַנציק יאָריקער סאָלדאַט געשטאָרבן אין דער פרעמד, ווייט אוועק פון זיין היים און פריינט.

די ברידער כּוזשיכאָווסקי וועלכע זיינען דורך אַ פּראָוואָקאַציע אַרעסטירט געוואָרן אויף דעם פינסקער וואָקזאַל מיט באָמבעס אין די הענט אין דעם יאָר 1908 זיינען איצט אויך געלעגן קראַנק אין קאַרלינעם שפּיטאָל אויף טיפוס. אין אַ מאָמענט פון שרעק־לעכער אויפרעגונג איז דער אינגערער ברודער אַרויסגעלאָפן פון צימער אין קאָרידאָר אריין און צעריסן די אונטערוועש אויף זיך. נאַקעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, איז ער אַרומגעלאָפן איבערן לאַנגן קאָרידאָר און צעבראָכן די שויבן פון די פענצטער. ביז די באַדינער האָבן אים מיט גרויס שוועריקייט מיט געוואַלד צוריק אריינגעבראַכט אין צימער.

די זעלבע צוויי ברידער, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעהויבן בעסערן, זיינען אַנטלאָפן געוואָרן פון שפּיטאָל. מיט דער הילף פון אַן אריינגעשמוגלטער שטריק האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזט אין דרויסן פונם צווייטן שטאָק פונם שפּיטאָל און זיינען פאַר־שוואונדן געוואָרן. אַזוי אַרום האָבן זיי זיך געראַטעוועט פון לאַנגע יאָרן קאַטאָרגע און סיביר...

צענטער קאַפּיטל

צוריק אין טורמע

אַפּליגנדיק זעקס וואָכן אין שפּיטאָל איז אויף מיר דער דאָקטאָר מיינער, דר. פאַנצקעוויטש, אין כעס געוואָרן און האָט מיך פאַר דער צייט אויסגעשריבן פון שפּיטאָל. אין כעס אויף מיר איז ער געוואָרן דערפאַר וואָס איך האָב אַ האַלב געבאַקענע בולקע אַ שמיץ געטאָן אויף דער ערד. און פאַר אָט דער זינד האָט מען מיך אויפן צווייטן טאָג אַ שוואַכן אָפּגעפירט צוריק אין טורמע.

פאַר דער צייט וואָס איך האָב זיך געפונען אין שפּיטאָל איז די גאַנצע פינסקער אַלטע טורמע איבערגעמאַכט געוואָרן. די פאַרשימלטע הילצערנע ווענט האָט מען אָפּגעקאַלכט. פון פּאָליטישן קאַמער האָט די אַדמיניסטראַציע געמאַכט אַ שפּיטאָל. אַ טייל קראַנקע קרימינעלע פאַרברעכער פון עטלעכע קליינע קאַמערלעך האָט מען אריבערגעפירט אין דעם געוועזענעם פּאָליטישן קאַמער. די פּאָליטישע קרעפּאַסטניקעס און אַ גרופּע פויערים בונטאַרן האָט די אַדמיניסטראַציע אריבערגעפירט אין דער נייער טורמע, וואָס די שטאָט האָט אָפּגעקויפט ביי דעם אידישן פעלפאַבריקאַנט זיין גראַבאַרני. דער געשטאַנק פון קאַטקעס גראַבאַרניע האָט זיך געלאָזט הערן אויף דער צענטער גאַס. קיין גרויסן פאַרגעניגן האָבן די פּאָליטישע פון דער נייער טורמע ניט געקענט האָבן, וואָרים דער גאַנצער הויף פון דאָרט איז געווען פול מיט גריבער אין וועלכע מען פלעגט ווייקן די פעל. אומעטום זיינען געלעגן בערג מיט קאָרע, וואַפּנע און האָר וואָס מען האָט אראָפּגעסקראָבעט פון די פעל — דאָס אַלץ איז געווען צעשפּרייט אומעטום איבערן הויף. די לופט פון דער נייער טורמע איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ טוכלען געריך פון נבלה.

ניט קוקנדיק אויף די אַלע שווערע לעבנס באַדינגונגען,

דאָך האָבן די פּאָליטישע זיך געפילט אַ סך באַקוועמער אין דער נייער טורמע ווי אין דער אַלטער. אויף אונדזערע פּראָטעסטן און ביטעס אַז מען זאָל די איבעריקע פּאָליטישע אַרעסטירטע אַריבערפירן אין דער נייער טורמע, האָט דאָס גאָרנישט געהאָלפן. אונדזער פאַרלאַנג איז איגנאָרירט געוואָרן און מיר זיינען פאַרבליבן זיצן אין דער אַלטער טורמע.

דערווייל האָט זיך אין טורמע געטומלט. די קרימינעלע פאַרברעכער, וועלכע זיינען געבליבן לעבן נאָך דער שרעקלעכער טיפוס עפּידעמיע האָבן איצט געאַרבעט פלייסיק. אויפן באַפעל פון דעם נאַטשאַלניק קראַוווטשענקאָ האָבן אַ טייל פון זיי געסקראָבעט די פּאָדלאָגע, געקאַלכט די ווענט. דער צעפּוילטער און פאַרשימלטער אויסזען פון די צוויי אינערלעכע דורכגאַנגס ווען איז דעקאָרירט געוואָרן מיט אַ גרויער וואָלקנדיקער פינצטערקייט. אַ בייזע כמאַרע האָט געשוועבט אין דער לופטן און פינצטער איז געווען אומעטום. די לאַנגע מאָנאָטאָנע שלאָפלאָזע נעכט האָבן מיך ניט געלאָזט רוען. מיר האָט זיך אויסגעדוכט אַז איך זיץ שוין דאָ פאַרשפּאַרט פאַר יאָרן לאַנג. אַ מעלאַנכאָלישער טרויער נאָך די געפאַלענע חברים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פּאָליטישע אַרעסטירטע.

די קרימינעלע אַרעסטירטע האָבן פאַר זיך איין וועג געזען — צו אָרגאַניזירן זיך צווישן זיך און דורך אַ פּראָקטישן מעטאָד זיך דורכברעכן אַ וועג — פון אונטער דער ערד און אַזוי אַרום צו געווינען צוריק די פאַרלוירענע פרייהייט. דורכצופירן אַזאַ שטיק אַרבעט איז ניט געווען אַזוי לייכט. די צוועלף טונעלן, וואָס די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אַנטדעקט, האָט געשאַפן אַן אָנגעצויגענע באַציאונג צווישן די באַדינער פון טורמע און די אַרעסטירטע. כדי צו מאַכן זיכער אַז די אַרעסטירטע זאָלן מער ניט גראָבן קיין טונעלן, האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע אַרונטערגעלייגט אונטער דער פּאָדלאָגע דעמבענע גראָבע קלעצער.

צוויי־דריי מאָל אַ טאָג זיינען די קאַמערן איבערזוכט געוואָרן.

מיט אייזערנע האַמערס פּלעגן די אויפזעער ביי יעדער אונטערזו־כונג קלאַפּן אין די ווענט און איבער די אייזערנע גראַטעס. אונטער אַזעלכע אומשטענדן איז זייער שווער געווען עטוואָס אויפצוטאָן.

דאָך האָט דער קאַמער נומער איינס אויסגעאַרבעט אַ גוטן פּלאַן. אין זייער קאַמער האָט זיך געפונען אן אויסגעמויערטער אויוון פון ציגל. האָבן די אַרעסטירטע אַהינטערגענומען די טיר פון אויוון און אין דער שנעל האָבן זיי אָנגעפאַנגען זיך ברעכן אַ וועג. די אַרבעט איז געווען זייער אַ קינסטלעכע און אַ געשייטע. דעם זאַמד, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן,, האָבן די אַרעסטירטע אַרויסגעטראָגן אומבאַמערקטערהייט און אַריינגעשאָטן אין דעם סאַניטאַרן צימער... נאָך עטלעכע וואָכן שווערער אַרבעט איז דער טונעל פּאַרטיק געוואָרן. די אונטערגראָבונג האָט זיך געצויגן פון דעם אויוון פון דעם צימער נומער איינס פון אונטער דער ערד ביז אין צווייטן צימער נומער צוויי. די דעמבענע קלעצער האָט מען איבערגעשניטן. דער שטיינערנער פונדאַמענט איז דורכגע־בראָכן געוואָרן דורך און דורך. און דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן גע־וואָרן כמעט אין די אויגן פון די אויפזעער. ווען דער טונעל איז פּאַרטיק געוואָרן האָבן צוועלף אַרעסטירטע, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען דער פּאָליטישער פּאַוועל טיוראַשקאַ, — האָבן זיי זיך איבערגעטאָן אין ציווילע קליידער און איינציקווייז האָבן זיי זיך אַרונטערגעלאָזט אין דער פינצטערער לאָך, און קריכנדיק אויף אַלע פיר, האָבן זיי דערגרייכט די פרייע וועלט.

אויף דעם הויף פון טורמע האָט זיך אין דעם זעלבן מאָמענט געטומלט. שפּאַצירנדע פּויערים מיט זייערע גרויע סוויטקעס האָבן ווי וואַנדערנע שאָטנס אַרומגעקראָכן איבערן הויף. די אויסגע־דאַרטע בלאַסע פּנימער פון די פּויערים האָבן אונטער דעם זונען־שיין זיך אָפּגעשפּיגעלט דער שרעקליכער הונגער און טויט מיט וואָס די אַלטע טורמע איז רייך געוואָרן.

שטיל און רואיק מיט פאַרזונקענע געדאַנקען האָבן זיי אַרומ־געבלאָנדזשעט איבער דעם הויף... הין און צוריק... אויף דער פריי אויפן אַנדערן זייט פּאַרקן איז געשטאַנען אַנדרושקאַס מוטער און

געקלאָגט אויף איר זונס שיקזאַל. איר שטילן האַרצרייסנדן כליפּען האָבן מיר געהערט אין הויף... איר זון אַנדרושאַ, וואָס איז געווען פאַרורטיילט אויף פינף יאָר פאַר אונטערצינדן ביי אַ פּריץ אַ שטייג מיט היי, איז געשטאָנען לעבן פּאַרקאַן און האָט זיין מוטער געטרייסט. „באַרואיק זיך, מאַמענקע", האָט אַנדרושקע זיך געבעטן ביי איר, „די שוואַרצע קרענק האָב איך שוין אַריבערגעלעבט, נישקשה איך וועל אַלץ איבערלעבן. דאַגה זיך ניט, מאַמענקע!" און זודיקע טרערן האָבן זיך געקייקלט פון זיינע אויגן. „מאַמענקע, געריס אַנטושאַן", האָט זיך אַ שטימע אַרויסגעריסן פון זיין ברוסט. זאָג איר אַז איך . . . " — און אַט ווערט איבערגעהאַקט זייער געשפּרעך: דער פּאַטרול פון דעם צווייטן זייט פּאַרקאַן האָט די אַלטע פויערטע פּלוצים אַוועקגעטריבן. אויף דעם הויף איז געוואָרן אַ גערודער. די באַאַמטע האָבן זיך אַרומגעזען אַז די שטרענגסטע פאַרברעכער זיינען פּלוצים נעלם געוואָרן...

מיט רעוואָלווערן אין די הענט האָבן די נאַדזיראַטעלעס גענומען יאָגן אַלע שפּאַצירנדע אַרעסטירטע צוריק אין זייערע צימערן. איינער פון די אַנטלויפנדע האָט ניט באַוויזן אַרויסצוקריכן אין צייט פון דעם אויסגעגראָבענעם טונעל און איז געבליבן זיצן אונטער דער טורמע. אויף דעם באַפעל פון דעם נאַטשאַלניק קראַווטשענקאָ אַז ער זאָל פון דאָרט אַרויסקריכן האָט דער אונטערערדישער געפאַנגענער זיך אַנטזאָגט דאָס צו טאָן אויס מורא פאַר די קלעפּ וואָס האָבן אים דערוואַרט. ענדלעך האָט ער איינגעשטימט פון דאָרט אַרויסצוקריכן און האָט אויסגענומען אַ באַדינג, אַז מען זאָל אים ניט שלאָגן. די באַאַמטע פון דער טורמע האָבן אים פאַרשפּראָכן אַז זיי וועלן אים לאָזן צורו. זייער פאַרזיכערונג האָבן זיי אָבער גלייך געבראָכן און ווי דער אונטערערדישער קרבן איז אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט.

צוויי שטונדן שפּעטער ווי דער טונעל איז אויפגעדעקט געוואָרן, האָט די פּאָליציי אין איניקע טיילן פון שטאָט אַרעסטירט איניקע פון די אַנטלאָפענע אַרעסטאַנטן. די איבעריקע זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן. ווען מען האָט די געכאַפּטע אַרעסטאַנטן

צוריקגעבראַכט אין טורמע, האָבן מיר דערהערט פאַרצווייפלטע אויסגעשרייען אין דעם קאָרידאָר. די ברוטאַלע סטראַזשניקעס, צוזאַמען מיט די נאַדזיראַטעלעס האָבן מיט די ביקסן אין זייערע הענט צעשפּאָלטן די קעפּ פון די צוריק ארעסטירטע. די שרעקלעכע באַנומענע קולות פון די געפּייניקטע קרבנות האָבן ווי אַן עלעקטרישער שטראָם זיך דורכגעטראָגן איבער דער גאַנצער פינצטערער געביידע. אַלע אַרעסטירטע האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו די טירן פון די קאַמערן. בענקלאַך, לעפלעך, טעלער האָבן גענומען פליען אין טיר. א ווילדער ברומען און הירזשען פון הונדערטער מיילער האָט פאַרהילכט די לופט. די קלאַפּריי און ברומען האָט אָנגעהאַלטן איבער צען מינוט. אונדזער קאַמער איז אויך ניט אָפּגעשטאַנען פון דעם אַלגעמיינעם פּראָטעסט. די באַאַמטע האָבן זיך אויף א מאָמענט פאַרלוירן און אויפגעהערט צו פּייניקן די געכאַפּטע קרבנות. מיט א צאָרנדיקן אימפּעט האָט דער נאַטשאַלניק קראַוטשענקאָ, אָן דער שפּיץ פון אַ פּופצען באַוואָפנטע סאָלדאַטן און סטראַזשניקעס, זיך אַריינגעריסן אין אונדזער קאַמער.

אום צו פאַרמיידן אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס מיט די ברוטאַלע באַאַמטע, האָט אונדזער חבר נאָטע עלשטיין, א גימנאַזיסט, וועלכער איז געווען פּאַראַליזירט אויף דער לינקער האַנט און אויך נאָכגעשלעפּט די לינקע פוס, זיך אָפּגערופן צום נאַטשאַלניק ווען יענער האָט געקלאַפּט אין טיר. א הויכער יונגער סטראַזשניק האָט אים גלייך דערלאַנגט א זעץ אין קאָפּ. מיר זיינען אַלע געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערטע סטאַטועס. אויפגערעגט פון צאָרן און שפּירנדיק דעם אייזערנעם קנויט פון דער ברוטאַלער האַנט, האָבן מיר ווי צעטומלטע גענומען אַרומקריכן איבערן קאַמער. דעם חבר עלשטיין האָבן די הענקערס אַוועקגעשלעפּט אין קאַרצער. א שטונדע נאָכדעם ווי מען האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון קאַמער, האָט דער נאַטשאַלניק קראַוטשענקאָ זיך אַרומגעזען אַז ער האָט דאָ אָפּגעטאָן א שענדלעכע שטיקל אַרבעט, און וויסנדיק פון דער פאַרגאַנגענהייט, אַז די פּינסקער רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס צאָלן גוטן פּראָצענט פאַר אַזעלכע מערדערלעכע אָנפאַלן, איז דער נאַטשאַלניק קראַוטשענקאָ געקומען צולויפן אין

אונדזער קאַמער און האָט זיך גענומען אַנטשולדיקן. ער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז ער וועט גלייך באַפרייען חבר נאָטען פון דעם פינצטערן קאַמער.

ווען דער נאַטשאַלניק קראַווטשענקאָ האָט אים אַריינגעפירט צוריק אין קאַמער. האָט דער חבר זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אַ צעבראָכענער איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער נאַרע. צוויי וואָכן צייט איז ער געלעגן קראַנק נאָך דער דאָזיקער ברוטאַלער אַטאַקע.

עלפטער קאַפּיטל

פאַרשיקט אין סיביר

אין פעברואַר, 1909, האָט מען אונדזער גרופּע איינציקווייז אַריינגערופן אין דער טורעמנער קאַנצעלאַריע און דער עלטסטער שרייבער פון דער קאַנצעלאַריע האָט הויך פאַר אונדז פאָרגעלייענט אַ צושריפט פון דעם מינסקער גענעראַל גובערנאַטאָר, אַז איך און נאָך איייניקע חברים ווערן באַשולדיקט אין דעם אַז מיר געהערן צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן מאַקסימאַליסטן, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו פאַרניכטן דורך פאַרשיידענע געוואַלד מיטלען און דורך פּראָפּאַגאַנדע די עקזיסטירנדע זעלבסט־הערשנדע מאָנאַרכיע פון ליטע, פּוילן, פינלאַנד און רוסלאַנד... ווערן מיר דעריבער לויט דעם אורטייל פון מיניסטער פאַר אינער־לעכער שוץ . . . אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט קיין סיביר — אויף פיר יאָר אין יעניסייסקער גובערניע..

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון די פאָלגענדע אַרעסטירטע: די ברידער קוזשיכאָווסקי, סאָלאָמאָן שרייבמאַן, יאָזעף ראַקאָוו, סעמיאָן מאַזערטשוק, פּאַוועל טיערעשקאָ, סאָניע בעגין, פריידע אַלטמאַן.

די חברטעס סאָניע בעגין און פריידע אַלטמאַן זיינען פאַר־שיקט געוואָרן אויף צוויי יאָר אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע.

מיר האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. צוליב דער

שרעקלעכער טיפוס עפּידעמיע וואָס האָט דאַן געבושעוועט איבער גאַנץ רוסלאַנד און איבער אַלע צענטראַלע טורמעס, איז דער עטאַפּ, וואָס איז געגאַנגען רעגולער קיין סיביר, פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ מאָנאַט. דער פינסקער קריגס נאַטשאַלניק האָט זיך אַנטזאָגט צו שיקן זיינע סאָלדאַטן צו איבערפירן אונדזער גרופּע. אַט אַזוי אַ זיינען מיר פאַרהאַלטן געוואָרן אויף אַ מאָנאַט.

אין אַפּריל 1909 האָט דער דאָקטאָר גאַלאַוואָטשאַן מיך אונ־טערזוכט און אויסגעפינענדיק אַז מיין געזונט האָט זיך פיל פאַרבעסערט, האָט ער אָנגעשריבן אַ דערלויבניש, אַז מען קען מיך אָפּשיקן מיטן עטאַפּ. מיין חבר סאָלאָמאָן שרייבמאַן האָט דער דאָקטאָר פאַרבראַקירט צוליב זיין שוואַכן געזונט. ניט וועלנדיק זיך אָפּטיילן פון מיר, האָט דער דאָקטאָר לויט חבר שרייבמאַנס ביטע איינגעשטימט אָפּצושיקן אונדז צוזאַמען. דער דאָקטאָר האָט צו אונדז אַרויסגעצייגט היבשע סימפּאַטיע און האַלטנדיק זיינע פּויסטן צוזאַמענגעדריקט, האָט ער זיך אָפּגערופן: „אַך, אַזעלכע יונגע קינדער פאַרשיקט מען דאָס קיין סיביר!” דער נאַטשאַלניק קראַוועטשענקאָ האָט גאָרנישט געענטפערט. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָט ער פאַרדרייט זיין סאַרקאַסטישן גרימ־צאָרנדיקן געזיכט אָן אַ זייט און געקוקט אין דער וועלט אַריין.

אויף דעם דאָקטאָרס אַ פראַגע האָט דער נאַטשאַלניק מיט אַ שמייכל געענטפערט: „וואָס קען איך העלפן”...

אויף אונדזער ביטע בעפאָר איך און חבר סאָלאָמאָן האָבן פאַרלאָזן פינסקער טורמע, האָט דער נאַטשאַלניק קראַוועטשענקאָ אונדז דערלויבט זיך צו געזעגענען מיט צוויי חברים, וואָס זיינען געזעסן אין פּרויען קאַמער: חברטע סאָניע בעגין, וועלכע האָט דערוואַרט אָפּגעשיקט צו ווערן אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע און חברטע מינקע, וואָס איז שוין געזעסן צוויי און האַלב יאָר פאַר־שפּאַרט.

ווען מען האָט די צוויי חברטעס אַרויסגעלאָזן פון זייער פאַרשטיקטן קאַמער אין קאָרידאָר אַריין, איז פאָרגעקומען צווישן אונדז אַן אימפּאָזאַנטער שטורמדיקער אָפּשייד. מיט קלאַפּנדע

הערצער אין צוזאַמענגעדריקטע הענט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די צוויי פאַרבליבענע חברטעס. עס האָט זיך געוואָלט צעשמעטערן די אייזערנע גראַטעס און באַפרייען די אומשולדיקע קרבנות פון די פינצטערע באַשפּיגענע, באַשמוצטע געצעלטן, פון איינזאַמע ליידן און אייביקע גייסטיקע שמערצן. זייענדיק עטוואָס אויפגערעגט און צוטראָגן, האָט זיך אַ ווילדע צינישע שטימע פלוצלונג אָפּגעקלונגען אויף דעם קאָרידאָר: „העי, סאָנעטשקאַ, אוי מינעטשקאַ, עס איז שוין טאַקע צייט" — האָט די שטימע גערעוועט — אַזוי לאַנג אַז מען זיצט . . . מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש . . .

דיזע העסלעכע באַמערקונג פון דעם נאַדזיראַטעל גאַווריל ענקאָ האָט פאַרקירצט די געציילטע מינוטן פון אונדזער אָפּשייד באַגעגעניש. מיט אַ סאַרקאַסטישן געלעכטער האָט דער אומגעלומפּעטער נאַדזיראַטעל אַריינגעטריבן די חברטעס סאָניע און מינקע צוריק אין זייער קאַמער. אַן אויסגעשריי פון צענדליקע שטימעס האָט פאַרהילכט די לופט: „זייט געזונט, חברים!" — האָט געקלונגען פון איבעראַל — „פּראַשטשאַיטיע בראַטיאַ אי סיאָסטרי!"*) דאָס איז געווען מיין לעצטער אויסגעשריי אין דער אַלטער צעפוילטער פּינסקער טורמע.

---

*) זייט געזונט ברידער און שוועסטער.

צוועלפטער קאַפּיטל

מיטן עטאַפּ

אין דרויסן האָט אונדז איבערגענומען אַן עקסטרע אַפּטייר־לונג פּאָליציאַנטן. דאָס איז געווען דעם 10טן אַפּריל, 1909. דער פרילינג האָט זיך געשפּירט אומעטום. אַ וואַרימער ליבלעכער ווינט האָט אונדז פריינטלעך באַגריסט. די זון אויפן בלויען הימל מיט אירע מעכטיקע שטראַלן האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ הערצלעכן מזל טוב . . . מיט דרייסטע טריט, אַרומגערינגלט פון בלישצענדיקע שווערדן, האָב איך מאַרשירט פאָרווערטס אין דער ריכטונג פון פיזישע ליידן און גייסטיקע שמערצן . . . אין פינסקער רעשאַטקע וואו מען האָט אונדז פאַרהאַלטן אויף עטלעכע שטונדן האָט זיך געטומלט. נייע פּנימער פון נאַר וואָס פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן אָנגעפילט די הילצערנע פייער־געביידע. בלאַסע געזיכטער, צעטומלטע נשמות — האָבן געבענקט נאָך דער ליבער פרייהייט. ווען איך און מיין חבר סאָלאָמאָן האָבן זיך גענומען געזעגענען מיט די נייע נאָר וואָס באַקאַנטע חברים, האָט אַ געמיינזאַמער כאָר פון פאַרשיידענע שטימען פאַרהילכט די לופט. די פאַרבייגייער פון גאַס האָבן דערהערט דעם רעוואָלוציאָנערן געזאַנג און אַ מחנה מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גאַס. די באַוואָפנטע מאַכט האָט פאַר זיך דורכגעשניטן אַ וועג דורך דער מאַסע מענטשן און אין אַ שטונדע אַרום זיינען מיר שוין געזעסן אין אַ וואַגאָן אַרומגערינגלט פון אַ נייער באַנדע.

* * *

די באַן האָט ווי אַ טייוול זיך שנעל געטראָגן ווי דער ווינט איבערן פעלד איבער דעם פּוילישן אייזערנעם וועג. געדיכטע וועלדער, פאַרשיידענע טייכלעך, דורכרייזענדע פּויערים האָבן ווי שאָטנס געשוועבט פאַר מיינע אויגן. די היימאַט פון מיין יוגנט,

מיינע טייערע פריינט, אין ווען איך האָב זיך איצט אַזוי גע־נויטיקט, זיינען פאַרבליבן שטיין און מיט אַ שטילן נשמה־געוויין האָב איך באַנעצט דעם לאַנגן וועג פון דחקות און נויט... דער לאָקאָמאָטיוו האָט שווער געסאָפּעט... די רעדער האָבן מוראַדיק געסקריפּעט, די וואַגאָנען האָבן זיך געטרייסלט און אַ מעלאַנכאָלי־שער אומעט האָט שמערצלעך גענאָגט אויפן האַרצן...

און אַזוי פאַרנדיק בין איך אויף מאָרגן, דעם 11טן אַפּריל, 1909, 4:30 אַזייגער אָנגעקומען אין בריינסק.

אַריינקומען אין שטאָט דורך אַ טרוקענעם וועג האָבן מיר ניט געקאָנט, וואָרים דער בריק וואָס ליגט איבער בריאַנסקער טייך איז געווען צעבראָכן. און דער קאָנוואָי האָט אונדזער פּאַרטיע אַריבערגעפירט דעם טייך אין שיפלעך. אויפן הויף פון בראַנסקער טורמע האָט די אומבאַקאַנטע אַדמיניסטראַציע אונדז איבערגענו־מען. ביי יעדן איינעם האָט מען איבערגעטרייסלט די זאַכן. ווען די מחבלים זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט זייער טיוולשער זוכעניש, האָט מען אונדז אַראָפּגעפירט דורך פאַרשיידענע פינצטערע דורכ־גאַנגען אין אַ קעלער. וואו אַ שווערע אייזערנע טיר איז פאַרריגלט געוואָרן הינטער אונדז איז מיר גלייך פינצטער געוואָרן און די אויגן . . .

אין דעם ענגען נאַסן קעלער זיינען געווען אָנגעפּאַקט מענטשן ווי הערינג אין אַ פעסל. אַלע אַרעסטירטע זיינען געזעסן אויף דער שטיינערנער האַרטער פּאָדלאָגע. אין אַ ווינקל פון קעלער האָט גע־ברענט אַ קליינער לאָמפּ. צוויי פּאַראַשעס . . . הילצערנע צעבער זיינען געשטאַנען אויף דער וואַנט ביי די זייטן פון דער אייזערנער טיר . . . אַ סך אַרעסטירטע זיינען געזעסן נאַקעטע און געמאָרדעט די לעבעדיקע אינזעקטן פון זייער שמוציק אונטערוועש . . . אייניקע האָבן געהאַלטן ליולקעס אין די מיילער און געבלאָזן אַ רויך פון דער ברענענדיקער פּראָסטער מאַכאָרקע. דורך דער קליינער אָפענער שפּאַלט אין פענצטער האָט אַ דיקער דאַמף גע־שטראָמט אין דרויסן. באַוואַקסענע גזיכטער מיט צעקודלטע האָר האָבן באַצירט די קעפּ פון דעם אומגליקלעכן מענטשן מאַטעריאַל. אַ פּלאַץ צו זעצן זיך אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע איז ניט גע־

ווען. אונדז איז אויסגעקומען צו קריכן אויפן צווייטנס פיס און ניט וועלנדיק פאַלן זיך אָנכאַפּן אָן פרעמדע קעפּ... די איינ־וואוינער פון דעם קעלער דערזענדיק אַז מיר גייען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, האָט דער עלצטער איוואַן, אַ שטאַרקער, מיט נאָך עטלעכע אַרעסטירטע זיך גענומען איינאָרדנען פאַר אונדז אַ פּלאַץ.

עס איז געוואָרן אַ שטופּעריי און געשריי. נאָר ענדלעך האָט איוואַן מיט זיינע אַרויסהעלפער געזיגט. אוועקזעצנדיק זיך צווישן דער באַנדע אומבאַקאַנטע איינוואוינער, האָבען אונדזערע זאָגע־נאַנטע פריינט גענומען אַרומקריכן אַרום אונדז. זיי האָבן גע־וואָלט אַרויסנעמען די לעצטע פאַר גראָשן פון אונדזערע קעשענעס. פאַרשטייענדיק אַלע טורעמנע שפּיצלעך, האָב איך מיט מיין חבר סאָלאָמאָן באַשלאָסן אַז איינער פון אונדז זאָל די נאַכט ניט שלאָפן און שטיין אויף דער וואַך. און אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן.

צום באַדויערן אָבער האָבן מיר ביידע אַ גאַנצע נאַכט ניט גע־קענט איינשלאָפן. אין פרימאָרגן האָבן מיר אונדזערע פּאַרציעס שוואַרצע ברויט אוועקגעגעבן איוואַן דעם שטאַרקן. פון גרויס דאַנקבאַרקייט האָט ער אונדז פאַרזיכערט, אַז ער וועט שוין זען אויפפּאַסן, אַז מען זאָל פון אונדז גאָרניט צולקחענען.

* * *

צוליב דער טיפוס קראַנקהייט זיינען מיר פאַרהאַלטן גע־וואָרן אויף צוויי וואָכן צייט אין בראַנסקער טורמע. די צייט אין טורמע האָט זיך געצויגן זייער מאָנאָטאָן. ניט מער ווי אויף 15 מינוט האָט מען אונדז יעדן טאָג דערלויבט זיך צו שפּאַצירן אויף דעם הויף צו צווייען אין ריי. אויף דער דריטער וואָך האָט אונדז דער סמאָליענסקער קאָנוואָי אָפּגעפירט פון בראַנסק קיין אָרלאָוו.

אויפן וועג האָב איך זיך געטראָפן מיט פאַרשיידענע פּאָליטישע אַרעסטירטע, געשמידט אין אייזערנע קייטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָפּזיצן זייער צייט אין אָרלאָווער צענטראַלער טורמע.

אויף דער סטאַנציע אָרלאָוו האָט אַ גרויסע מיליטערישע אָפּ־

טיילונג איבערגענומען אונדזער פּאַרטיע. פּאַראויס זיינען גע־גאַנגען עטלעכע סאָלדאַטן מיט גרויסע פאַקעלן איינגעטונקטע שמאַ־טעס אין גאַזע און באַלויכטן אונדז דעם פינצטערן וועג. די וואָס האָבן געטראָגן אייזערנע קייטן אויף די פיס האָט מען אויסגעשטעלט צו זעקס אין אַ ריי. נאָכדעם האָט מען אויסגעשטעלט אַ ריי אַרעסטאַנטן מיט געשמידטע הענט. דער עלצטער פון די סאָלדאַטן האָט אַ געשריי געטאָן, אַז מען זאָל גיין פאָרויס און דער עטאַפּ האָט זיך אַ ריר געטאָן. די קייטן קלינגען . . . יעדער איינער גייט פעסט. די טריט פון די הונדערטער פּאָר פיס הערט זיך אומעטום. אַ יונגע פרוי שטייענדיק אויף דער סטאַנציע אָרלאָוו האָט פּלוצ־לונג אָנגעהויבן חלשן און איז גלייך פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינצטערניש פון דער געהיימניספולער נאַכט.

די וואָך האָט שנעל ווי דער טייוול זיך געטראָגן און די אַרעס־טירטע האָט מען געיאָגט ווי פאַרסמטע מייז. ווייַ איז געווען צו יענעם וואָס איז אָפּגעשטאַנען. שטויסן מיט די סאָלדאַטסקע פּריי־קלאַדן האָט ניט איינער באַקומען. ווען אונדזער עטאַפּ איז אַריין אין הויף פון אָרלאָווער טורמע, האָבן די אַרעסטירטע פון די פינף שטאָקיקע שטיינערנע טורמעס דורך די פענצטערלעך אונדז באַגריסט. הונדערטער טיכעלעך, ווייסע, האָבן גענומען פאָכען אין דער לופט. די וואָך אין דרויסן האָט אָנגעשטעלט קעגן זיי דעם ביקס און אויסגעשריען אַז ער וועט שיסן. זיינען אַלע גע־זיכטער פאַרשוואונדן פון די פענצטער. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אַ קויל זאָל ניט דורכלעכערן זייער קאָפּ. פאַר יעדן אַרעסטירטן, וואָס אַ סאָלדאַט פלעגט דערשיסן, פלעגט ער באַקומען באַלוינט פון דער אַדמיניסטראַציע — געזעצלעך — דריי רובל . . . עס זיינען געווען צופאַלן אין דער אָרלאָווער צענטראַלער טורמע ווען אַרעסטירטע זיינען דורך די באַוואָכנדע סאָלדאַטן צעשאָסן געוואָרן פאַר דער איינציקער זינד, וואָס זייער קרבן האָט זיך דערלויבט צו קוקן דורך די אייזערנע גראַטעס אין הויף.

אין אָרלאָווער טורמע האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע זוכעניש. די וואָך האָט געאַרבעט מעשים — ווי די חזירים, וואָס ריען זיך

אין בלאָטע, אַזוי האָבן זיי זיך געריעט און גענישטערט איבער אונדזערע מאָגערע לייכטע פעקלעך פון אַלטע שמאַטעס און צע־ריסענע טראַנטעס. פאַר ניט זוכנדיק מיין באַגאַזש אַזוי שנעל, האָב איך געקראָגן עטלעכע שטורכעס פון אַ צעווילדעוועטן סאָל־דאַט. מיט אַ ווייטיק אין האַרצן האָב איך דאָס געמוזט פאַר־שווייגן. ווען איינער פון דער פּאַרטיע האָט פּראָטעסטירט צום נאַטשאַלניק וואָרום אַ סאָלדאַט האָט אים געשלאָגן, האָט מען אים גלייך אַרונטערגעפירט אין אַ פינצטערן צימער.

נאָכדעם ווי כ׳בין אָפּגעזעסן אין אָרלאָווער טורמע דריי מעת לעת, האָט מען מיך אָפּגעשיקט נאָך טולאַ. אויף מיין רייזע נאָך טולאַ, האָב איך אויפן וועג געטראָפן אַ גרויסן עטאַפּ וואָס איז געגאַנגען נאָך סיביר. פּאָליטישע צוזאַמען מיט קרימינעלע קאַטאָר־זשאַנצעס זיינען געפאָרן איינינעם נאָך אַלעקסאַנדראָווסקער טור־מע, סיביר, אירקוטסקער גובערניע.

אין טולער פּערעסילנער קאַמער, וואו מען האָט מיך אַריינ־געזעצט זיינען הונדערטער מענטשן געזעסן ווי מוראַשקעס אויף אַ בערגל מאָך. ברוד, שמוץ... וואַנצן... אָפּגעריסענע האַלב־נאַקעטע, באָוואַקסענע, יונגע און אַלטע, פאַרשיידענע געזיכטער האָב איך געטראָפן איבעראַל.

אויפן וועג נאָך סאַמאַראַ האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ סך פּאָליטישע פאַרשיקטע אויף אייביק אין סיביר. בונדאָווצעס, עס־ער, אַנאַרכיסטן, פּועלי־ציון — מענטשן מיט פאַרשיידענע וועלטלעכע פּאָליטישע אַנשויאונגען —— האָבן געהאַט איין אי־דעאַל אין לעבן, — צושמעטערן די הערשאַפט פון דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפט.

געפינענדיק זיך צווישן אַ גרופּע פון מוטיקע קעמפער און זייענדיק איצט הונדערטער אין צאָל, האָבן מיר, אָנקומענדיק אין סאַמאַרער טורמע, געפאָדערט פון נאַטשאַלניק אַ באַזונדערן קאַמער פאַר אונדזערע חברים. דער נאַטשאַלניק האָט אונדזער פאַרלאַנג גלייך נאָכגעגעבן און די פּאָליטישע אַרעסטירטע זיינען אָפּגעטיילט געוואָרן פון די קרימינעלע פאַרברעכער.

אין דעם קאַמער, וואָס מען האָט מיר מיט נאָך עטלעכע חברים אָפּגעטיילט, איז דער ערשטער אָוונט ניט אָפּגעגאַנגען גלאַט. אונדזער יעקאַטערינאָסלאַווער חבר מיטן נאָמען סילאַי האָט צופעליק איבערגעקערט אַן אָנגעפילטע פּאַראַשע וואָס מיר האָבן אין קאַמער געפונען . . . דער שאַרפער גערוך האָט זיך געלאָזט שפּירן. . . אַלע חברים האָבן מיט בלוטיקע טרערן זיך צעלאַכט . . . חבר סילאַס געזיכט האָט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער. מיט שווערער מי האָט ער אַלץ געבראַכט אין אָרדנונג. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אומבאַקוועמער מלאכה, האָט ער אַליין ענטריסטעט אַ שפּיי געטאָן און זיך האַרציק צעלאַכט.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די סאַמאַרער טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט גענומען צוגרייטן אַ גרויסן עטאַפּ נאָך אָרענבורג, טשעליאַבינסק, יעניסייסק און אירקוטסק, סיביר. די איפּזעער זיינען אַרומגעלאָפן איבער די לאַנגע דורכגאַנג־וועגן און האָבן אויסגערופן יעדן קאַנדידאַט ביי זיין נאָמען. ווען איך האָב דערהערט אויסרופן מיין נאָמען, האָב איך זיך גלייך געלאָזן גיין מיט אַ שטילער צופרידנהייט אין דער ריכטונג וואו אַ מיליטערישע קריגס קאָמיסיע פון אָפיצירן זיינען געזעסן און יעדן איינעם באַזונדער פונאַנדערגעפרעגט אויף וויפיל יאָר ער ווערט פאַרשיקט, הגם די אָפיציעלע פּאַפּירן וואָס דער קאָנוואָי האָט מיטגעפירט, האָט אויסדריקלעך אָנגעצייגט אין וואָסער ריכטונג און געגנט יעדער איינער גייט, דאָך האָבן זיי געהאַלטן אין פרעגן און אין קריכן אויף די גלייכע ווענט מיט דעם אבזיכט, אַז טאָמער וועט זיך איינער פאַרפּלאָנטערן אין די רייד, אום מען זאָל אים קענען האַלטן אַוז פּייניקן אַביסל מער...

מיין חבר סאָלאָמאָן, וועלכער האָט פאַרהערט ווען מען האָט אויסגערופן זיין נאָמען, איז געבליבן זיצן אין קאַמער הינטער אייזערנע גראַטעס.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין קאַמער, האָב איך באַמערקט מיין חבר שטייענדיק אין קאַמער איינער אַליין אַ פאַרלוירענער. זיין דאַר פּנים איז געווען בלייך ווי קאַלך. עס האָט זיך אויסגע־

דוכט אַז מען האָט אים פאַרהאַלטן און מען וועט אים ניט אָפּשיקן אין איין עטאַפּ מיט מיר. ווען איך האָב אים געמאָלדן אַז מען זאָל אים אויסרופן, האָט ער זיך אַביסל באַרואיקט. די שרעק פון זיין געזיכט איז פאַרשוואונדן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און מען האָט זיין נאָמען נאָך אַמאָל אויסגערופן. פאַר זיך ניט אָפּ־רופן אין צייט האָט מען אים פּרעזענטירט מיט אַפּאָר אייזערנע קייטלעך אויף זיינע דאַרע הענט...

ווען מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן אויפן הויף פון סאַמאַרער טורמע, האָבן אַ סך אַרעסטירטע סאָלדאַטן אין זייערע יוניפאָרמס, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין אָנגעהעריקייט צו פאַרשיי־דענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, פאַרשענערט די פּאַנאָראַמע פון דער גרויסער מאַסע קעמפּענדיקע מענטשלעכע ריזן... ווען דער סאַמאַרער קאָנוואָי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער זוכעניש אַ־ין טאַפּעניש, האָט דער עטאַפּ אין דער באַגלייטונג פון הונדערטער סאָלדאַטן זיך אַ ריר געטאָן אין וועג. עס האָט לאַנג ניט גענומען און דורך עטלעכע הינטערגאַסן האָט מען אונדז געבראַכט אויפן וואָקזאַל. אַ ספּעציעלער צוג מיט אַ לאַנגער קייט וואַגאָנעס האָט אונדז אָפּגעוואַרט. צווישן דער הורבע מענטשן האָבן זיך גע־פונען פּופּצען אידישע און רוסישע פרויען, וועלכע זיינען פאַר־שיקט געוואָרן אויף אייביק קיין סיביר.

ווען מען האָט אונדז פונאַנדערגעזעצט איבער די וואַגאָנעס און דער צוג האָט זיך אַ ריר געטאָן, איז די לופט פאַרהילכט גע־וואָרן מיט דעם געזאַנג פון דעם רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַל.

אין מיין וואַגאָן, וואו איך מיט מיין חבר סאָלאָמאָן זיינען געזעסן, האָבן זיך געפונען עטלעכע פּאָליטישע פרויען. דאָס לעבן איז געוואָרן אינטערעסאַנטער. די גייסטיקע שטימונג פון די אַרעסטירטע איז דערהויבן געוואָרן צו דעם העכסטן מאָראַליש; באַפרידיקטן עקסטאַז. יעדער איינער פון די אַרעסטירטע איז געווען פעסט איבערציייגט אַז ער ליידט ניט אומזיסט. און גלויי־בנדיק אין דער רעוואָלוציאָנערער סאָלידאַריטעט פון דעם רוסישן אַרבעטער קלאַס. האָבן אַ סך פון די פאַרורטיילטע חברים צו

איבעריקער סיביר געטריבן שפּאַס פראַנק און פריי און יעדער אײ־נער האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער קאַזאַצקער נאַגייקע. די סאָל־דאַטן, וועלכע האָבן אונדז באַגלייט, האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז זיי באַגלייטן ניט געוויינלעכע קרימינאַלע פאַרברעכער. דאָס מיסטישע וואָרט „פּאָליטיקע" האָט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם פונאַנדערגעוואָרימט זייערע פאַרפרוירענע הערצער און דורכגע־לייטערט זייערע צעשרויפטע דיסציפּלינירטע נשמות.

אונדזערע חברים פון עטלעכע וואַגאָנעס האָבן געשטורעמט מיט רעוואָלוציאָנערע לידער. דער סאַמאַרער קאָנוואָי האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. אייניקע פון דער וואַך האָבן אין דער שטיל אויך נאָכגעזונגען מיט אונדזער כאָר.

פאָרנדיק אַזוי איבער פּוסטע וועלדער, האָב איך אויפן צווייטן טאָג דערפילט אַז ענדערונג אין מיין פיזישן געזונט צושטאַנד. מיין קאָפּ האָט מיר שרעקלעך ווי געטאָן אַ'ין געברענט. אין מויל האָט מיר געטריקנט און אונטער מיין גאָמבע האָבן צוויי גילעס, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, אויסגעוואַקסן. איך האָב פאַרלוירן מיין אַפּעטיט און איך האָב אויפגעהערט עסן. דער צוג האָט זיך געטראָגן וואָס ווייטער אַלץ שנעלער. ווען דער צוג האָט זיך גע־נומען דערנענטערן צו די מעכטיקע אוראַלער בערג, האָב אַלע חברים פון די וואַגאָנעס זיך אַ לאָז געטאָן צו די פענצטער צו באַטראַכטן דעם וואונדער פון דער נאַטור. לאַנגזאַם האָט דער צוג געטימען שווימען אויף די ליניעס צווישן צוויי הויכע שטיינערנע בערג. אויף עטלעכע סעקונדן איז געוואָרן פינצטער אין די וואַגאָנעס. דער באַן באַוועגט זיך לאַנגזאַם, די רעדער סקריפּען. די נייגע־ריקייט ביי יעטווידן איינעם פון די אַרעסטירטע ווערט אָנגעצויגן, מען שטופּט זיך צו די קליינע פענצטער. די פאַנטאַזיע רייצט. עס ווילט זיך קוקן לאַנג אין דער אומדערוואַרטעטער פינצטערניש און דערגיין די געהיימע סודות פון דער מאַכטיקער נאַטור. און אָט ווערט פּלוצלונג ליכטיק און צוויי וואונדערלעכע בערג דער־שיינען פאַר אונדזערע אויגן. פאַרשווינדן פאַנגען אַן די פּיראַמידן פון אונדזערע אויגן. עס ווילט זיך שטיין און באַוואונדערן די

א בייזע אָ־מנאַטירלעכע קראַפט אונטערדריקט דעם פרייען ווילן פון אונדזערע ליידנדע נשמות. דורך די קליינע פענצטער פון די וואַגאָנעס באַמערקט זיך איבער די טרוקענע פוסטע פעלדער ווי דער פרייער ווינט בושעוועט און טאַנצט. אין איינקע זאַמדיקע ערטער קומט דער ווינט אָן און כאַפּט פון דער ערד אונטער א גרויסן באַרג מיט זאַמד און ווערט פאַרשוואונדן. און אָט דרייט זיך די בירע ווי א קנויל דער אין הימל און פאַלט צוריק אויף דער פלאַכער זאַמדיקער ערד. און צוריק הויבט זיך אויף א נייע בירע. און פאַרשווינדט אין הימל מיט א נייעם שטורם אין דער ענדלאָזער מאָנאָטאָנער וויסטעניש.

פאָרנדיק איבער די זאַמדיקע וויסטענישן איבער פיר מעת לעת האָט אונדזער עטאַפּ גענומען גרייכן די טשעליאַבינסקער פעל־דער. פאַרשיידענע סטאַדעס מיט שעפּסן פּאַשען זיך אין פרייען פעלד. וואו ניט וואו איז די ערד באַצירט מיט קליינע ביימער. דער פּאַסטוך זיצט אונטער א גרינעם בערגל און שפּילט א ליד אויף זיין הילצערנער „דודקע". דער פויער גייט מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ נאָך דער סאָכע. און צוויי קעמלען מיט האָרבעס מאַרשירן פּאַמעלעך. די שוואַרצע פרוכטבאַרע ערד צעגראָבט דער פויער! און א ניי לעבן ווערט פאַרזייט איצט איבער דער גאַנצער וועלט...

צאָרנדיק טראָגט זיך דער באַן. א מאָנאַט און זעקס טעג איז שוין פאָריבער, אַז מען פירט מיך מיטן עטאַפּ. אויפן האַרצן דריקט א שווערער אומעט. אַלץ לאַנגווייליקט. עס נעמט ניט קיין סוף צו מיין ענדלאָזער רייזע. איך טרייסט מיך אַליין אַז איך וועל קומען אויף דעם פּלאַץ וועל איך פּרוּוון צו באַפרייען זיך פון די גרויזאַמע פּייניקער און מיט אַזוינע האָפנונגסלאָזע צעשטויפּטע געדאַנקען, איז אונדזער עטאַפּ אָנגעקומען קיין טשעליאַבינסק.

דורך די עטלעכע טשעליאַבינסקער גאַסן, וואו דער קאָנוואָי האָט אונדז דורכגעפירט צו דער „פּערעסילקע" האָבן עטלעכע שיכורע פרויען פון א שאַנדהויז ארויסגעלאָפן אַנטקעגן און האָבן אונדז מקבל פּנים געווען מיט א פריילעכן טאַנץ. מיר האָבן זיך

אַלע צעלאַכט. דורכן גערדיכטן זאַמד און שטויב האָבן מיר מאַר־שירט פּאָרוים.

אין טשעליאַבינסק אויף דער פּערעסילקע אויפן הויף האָט זיך געטומלט. די חברים, וועלכע האָבן געשטאַמט פון קאַווקאַז און האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, פלעגן אויסשטיין געברענטע צרות. דעם חבר גריגאָלאַדזשע, א גרוזין סאָציאַל דעמאָקראַט, האָט מען פאַרהאַלטן אויף א גאַנצן מאָנאַט אין טשעליאַבינסק דערפאַר וואָס ער האָט זיך ניט אָפּגערופן אין צייט בעת דער קאָנ־וואָי האָט אויסגערופן זיין נאָמען.

אָפּפאָרנדיק אין עטלעכע טעג ארום פון טשעליאַבינסק, האָב איך אין עטלעכע שטונדן ארום דערפילט א ברענעניש אין קאָפּ. אויפן צווייטן טאָג איז אונדזער עטאַפּ אָנגעקומען קיין טאָמסק. צוליב מיין שוואַכן געזונט האָט דער קאָנוואָי מיך געוואָלט פאַר־האַלטן דאָרט. מיט שווערער מי איז מיר אָנגעקומען צו פּועלן אַז מען זאָל מיך לאָזן פאָרן ווייטער, וואָרים מיר האָט זיך זייער ניט געוואָלט אָפּשטיין פון די נייע באַקאַנטע חברים.

אויף דעם דריטן טאָג איז אונדזער עטאַפּ אָנגעקומען קיין קראַסנאָיאַרסק. פון וואָגזאַל ביז דער טורמע האָב איך צופוסנס ניט געקענט מער גיין ווי די איבעריקע חברים פון עטאַפּ און מען האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף א וואָגן אויף וועלכן עס איז געלעגן דער באַגאַזש פון די אַרעסטירטע חברים.

דורכגייענדיק אין דער קראַסנאָיאַרסקער פּערעסילקע די גע־וויינטלעכע זוכעניש אין טאַפּעניש, און ווערנדיק אויך אונטערזוכט פון א דאָקטאָר האָט מען אייניקע חברים פון אונדזער עטאַפּ אָפּגעשיקט גלייך אין שפּיטאָל. מיך האָט דער דאָקטאָר ניט פאַר־האַלטן.

אויפן הויף פון קראַסנאָיאַרסקער פּערעסילקע האָט זיך דאָן געטומלט איבער זיבן הונדערט פּאָליטישע, א גרויסער טייל פאַר־שיקטע אויף אייביק קיין סיביר, האָבן זיך אויסגעהאַלטן אין דריי באַזונדערע הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען אין צענטער אויף א גרויסן הויף אַרומגעבויט מיט א פעסטן פּאַרקאַן. דאָס איז שוין דער זיבעטער מאַי, 1909. דער הימל מיט זיינע וואונדערלעכע

בלויע קאָלירן האָט דעם זעלבן טאָג באַצירט די ערד מיט אַ נייעם ווייסן שניי. די ווייסע פעדערן זיינען גלייך צעגאַנגען און אַ פייכטער קילער אַראָמאַט האָט זיך צעשפּרייט אומעטום. דעם ערשטן טאָג אין מיין נייער דירה האָב איך זיך געפילט ניט שלעכט. אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך אַוועקגעלייגט. נאָכדעם ווי איך בין אָפּגעלעגן צוויי טעג אָן מעדיצינישע הילף, האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין קראַסנאָיאַרסקער צענטראַלער טורמע שפּיטאָל.

ווען מען האָט מיך אַריינגעבראַכט אין פּאָליטישן קאַמער, האָבן זיך אין זעלבן צימער געפונען די פאָלגענדע רעוואָלוציאָנערן: פּאַפּאַשאַ, איינער פון די מאָסקווער אָפּאָזיציאָנערן, סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער, פאַרשיקט אויף אייביק קיין סיביר; ניקאָלאַי מאַזורינס אַ ברודער איז אין יאָר 1908 געהאַנגען געוואָרן אין מאָסקווע; ניקאָלאַי נומאַק פון אָדעס, אדמיניסטראַטיווער פאַרשיקטער, וואָס איז איצט באַשולדיקט געוואָרן פון דער קראַסנאָיאַרסקער אדמיניסטראַציע, אַז ער האָט אַרויסגעהאָלפן אין דעם באַוואַפנטן פּאַרטיזאַנישן אויפשטאַנד פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין טורוכאַנסקן געגנט אין יאָר 1908.

די נייע חברים האָבן מיך פיין אויפגענומען. די ערשטע דריי טעג בין איך געלעגן אַ פאַרטראָגענער. דער דאָקטאָר האָט מיר דערקלערט, אַז איך האָב געקראָגן אַן אָנצינדונג אין לינקן טייל פון מיין קאָפּ. דער לינקער אויג איז געשוואָלן געוואָרן.

אָבער אָפּליגנדיק פינף טעג איז מיין קרענק פאַרשוואונדן געוואָרן. ווען איך האָב אָנגעפאַנגען באַטראַכטן די אַרומיקע אַטמאָספערע פון מיין קראַנקן קאַמער, האָב איך פּלוצים דערהערט ווילדע משונהדיקע קולות. אין דעם קאָרידאָר, עטלעכע פוס פון מיין קאַמער, איז געווען די אָפּטיילונג פון דעם טויטן הויז: צוויי פאַראורטיילטע צום טויט זיינען אַראָפּ פון זינען און זיי האָבן אָן אַן אויפהער געזונגען תפילות. שרעקלעכע אומנאַטירלעכע ברומען און קרעכצן האָט פאַרהילכט די לופט.

אַכט פּאָליטישע טורוכאַנצעס זיינען דאָן געזעסן יעדער איינער אין אַ באַזונדערן ענגן צימער. יעדער איינער האָט דערוואַרט געמשפּט צו ווערן פון אַ קריגס געריכט און צוקריגן טויט־שטראָף

פאַרן אַנטייל נעמען אין דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד פון די טע־רוכאָנער פּאָליטישע פאַרשיקטע אין יאָר 1908. צווישן די אַרעס־טירטע טורוכאַנצעס האָבן זיך געפונען צוויי אידן. איינער פון זשיטאָמיר, געשמידט הענט און פיס מיט אייזערנע קייטן מיט שווערע וואונדן פון די צעפּרווירענע הענט. האָבן זיי מוטיק דער־וואַרט דעם טויט, אַז דער קאַלטער טויט זאָל מאַכן אַן ענד צו זיי־ערע פיזישע שמערצלעכע ליידן.

לעבן יעטווידן קאַמער פון די טורוכאַנצעס איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין האַנט און די גאַנצע צייט אַריינגע־קוקט דורך אַ קליינעם לאָך אין טיר אינווענייק. אַלע צוויי שטונדן האָט זיך דער פּאַטרול געביטן.

אָפּזייענדיק אַכט טעג אין שפּיטאָל, האָט די אַדמיניסטראַציע אויף מיין בקשה מיך צוריק אַוועקגעפירט אויף דער פּערסילקע. אויפן הויף האָט זיך דאָן געטומלט. צענדליקער חברים האָבן אַרומגעמאַרשירט איבער הויף. אַ טייל פון די אַרעסטירטע זיינען געשטאַנען אויפן הויף און געוואַשן זייער וועש. אייניקע זיינען אומגעלאָפן מיט ליידיקע טשייניקעס צו כאַפּן אַביסל אויפגעקאָכטע וואַסער.

אַרום די פענצטער פון דער פרויען אָפּטיילונג זיינען געווען אויסגעשטעלט סאָלדאַטן, וואָס האָבן אַכטונג געגעבן אַז די 15 פּאָליטישע אַרעסטירטע פרויען זאָלן זיך ניט צוזאַמענרעדן מיט די מענער...

פאַרשיידענע מיליטערישע אָפּטיילונגען וואָס זיינען דורך אַ קריגס געריכט פאַראורטיילט געוואָרן אויף קאַטאָרגע, האָבן זיך צייטווייליק אויפגעהאַלטן אין קראַסנאָיאַרסקער פּערעסילקע.

קאַווקאַזער טיפּן מיט די שוואַרצע וואָנצעס און ברענענדיקע אויגן האָבן זיך אומעטום געצווינגן. לאַטישן פון באַלטישן געגנט, זעקס און זיבן פוסיקע מענטשלעכע ריזן האָבן קאַלטבלוטיק זיך ניט געוואָרט קעגן די אייזערנע שפּיזן. חברים פון פינלאַנד, עסטאָניע, זיד רוסלאַנד, פּעטערבורג, מאָסקווע, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, אָדעס און פון אַנדערע אינדוסטריעלע טיילן פון דער גרויסער רוס־לענדער מדינה, אַריינגערעכנט דעם וואַרשעווער ראַיאָן און אַלע

אַרומיקע פוילישע אינדוסטריעלע צענטערן, האָבן געהאַט אַ גרויסע פּאַרטײַ־טעטיקייט אין דער קראַסנאָיאַרסקער פּערעסילקע. די דע־פּוטאַטן כוואָסטאָוו און קאַמערעאָוו, סאָציאַל דעמאָקראַטן, מיטגלי־דער פון דער צווייטער דומע האָבן זיך דאָן אויך אויפגעהאַלטן אין דער פּערעסילקע.

פאַר דער צייט וואָס מיר זײַנען געזעסן אין קראַסנאָיאַרסק, האָבן אייניקע חברים דורכגעפירט עטלעכע פּאַרטראַגן. פאַרשיי־דענע וויסנשאַפטלעכע טעמעס זײַנען היים דעבאַטירט געוואָרן. דער יונגער חבר סאַנדלער, פון טשערניגאָוו, האָט זיך גוט אויס־געצייכנט מיט זיינע גלענצענדע רעדעס.

אָט אַזוי בין איך דאָרט פאַרבליבן זיצן אויף אַן אומבאַ־שטימטער צייט, ווארום דער עטאַפּ נאָך אַנגאָרסקען געגנט, אין בוילסקען אַנציפּערעסען וואָלאָסט איז געווען אָפּגעשטעלט דער פּאַרקער צוליב דעם דיקן אייז, וואָס איז אַרומגעשווימען אויף דעם טייך אַנגאַרא, אין יעניעסו.

דעם 21טן מאַי איז די ערשטע פּאַרטיע פון 120 מאַן אָפּגע־שיקט געוואָרן, אַדאַנק די מי פון אייניקע חברים, און מיט דער צושטימונג פון דער קראַסנאָיאַרסקער אַדמיניסטראַציע האָט מען אָפּגעשיקט די פּאָליטישע צום ערשטן. צום ערשטן האָט מען גע־שיקט די, וועלכע זײַנען דאָ לענגער געזעסן. די מערהייט פון די אַרעסטירטע האָבן אַרײַנגעשריבן זייערע נעמען און אַדרעסן אין אַ גרויסן בוך, וואו און אין וואָסער געגנט יעדער איינער ווערט פאַרשיקט.

אויף דער איניציאַטיווע פון אייניקע חברים, איז אָן וועלכע עס איז שוועריקייטן אָרגאַניזירט געוואָרן אַ ספּעציעלער כאָר פון זינגער און אויך אַ טייל „פּאַפּירענע" מוזיקאַנטן. ווען דער פּאַ־פּירענער „סימפּאָנישער" אָרקעסטער האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט, האָט זיך אייך אויסגעדוכט שטייענדיק פון דערוווייטן, אַז דאָס שפּילן רעגעלערע מוזיקאַנטן אויף מעשענע אינסטרומענטן. די אַדמיניסטראַציע האָט אָבער דידאָזיקע קאָנצערטן ניט געקענט פאַרטראָגן. אין אַ געווויסן אָוונט האָט דער פּאָמאָטשניק נאַצאַל־ניק, מיט עטלעכע נאַדזיראַטעליעס זיך אַרײַנגעריסן אין אונדזער

קאַמער און פאַרניכטעט די פּאַפּירענע אינסטרומענטן, און אַלס צוגאָב איז אונדזער קאַמער פאַרשלאָסן געוואָרן אויף דרייסיק טעג.

דרייצנטער קאַפּיטל

סיביר

דעם 23טן יוני, 1909טן יאָר ,האָבן מיר זיך גענומען גרייטן אין דעם לאַנג־דערוואַרטעטן וועג. ווען דער קראַסנאָיאַרסקער קאָנאָוואָי האָט אונדזער גרופּע אַריבערגעפירט אויף דעם ברעג און אַריינגעזעצט אונדז אין א צעפּוילטער, הילצערנער באַרזשע, האָב איך פריי אָפּגעאָטעמט. די פרישע לופט פון דעם טייך יעניעסוי, און דער שמעקנדיקער ווינט, וואָס האָט געבלאָזן פון די קראַסנאָיאַרסקער ברעג האָט אונדז גאָר אויפגעפרישט און די באַוואַקסענע גסינע ברעג האָבן אונדזערע שווערע געמיטער עטוואָס באַרואיקט.

אונדזער באַרזשע האָט מען צוגעבינדן צום עק פון דעם פּערעאָכאָד יעניעסוי און מען האָט אונדז געשלעפּט אַלץ ווייטער און טיפער אין „באָד" אריין. דער פּעראָכאָד יעניעסוי האָט מיט גרויס מאַטערניש זיך געריסן פאָרווערטס. די דורכשניידנדיקע כוואַליעס, מיט דעם ווייסן שוים, האָבן צאָרנדיק זיך באַוועגט.

פאָרנדיק אַזוי צוויי מעסלעס, זיינען מיר דעם 25טן יוני, 1909טן יאָר אָנגעקומען צו דער סטאַנציע קאָרגונאַ. אונדזער עטאַפּ האָט זיך צעטיילט אויף אַרעסטירטע וואָס האָבן פאָרגעזעצט זייער רייזע, און אַזעלכע וואָס זיינען דאָ פאַרבליבן. צווישן די, וועלכע זיינען ווייטער געפאָרן מיט דער באַרזשע זיינען געווען צוגעשריבענע פאַר די פאָלגענדיקע וואָלאָסטן: אַנציפּערעסקן, בוילסקער און קאַזאַטשינסקע.

צווישן אונדזער גרופּע, וועלכע איז פאַרבליבן אין קאַרגינאַ, האָבן זיך געפונען צוויי פרויען, אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט אויף אייביק קיין סיביר.

אויפֿן וועג קיין קארגינא זיינען מיר באפאלן געוואָרן פון א שרעקלעכער אַנשיקעניש — כמאַרעס מאשקעס, אזוינע קליינע, קלעפּעדיקע, בייסנדיקע פליגן. די געפערלעכע נאַטור־מחבלים האָבן אונדז א גאַנץ פיינעם קבלת פנים אָפּגעגעבן. א ביטערע מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען. אלע פון אונדזער גרופּע האָבן אָנגעפאנגען זיך קראַצן. מיר האָבן געפּאָכעט מיט די הענט און געבריקעט מיט די פיס. צו אלע אברים האָבן די בלוטיקע אינזעקטן זיך געקלעפּט. דער טויט האָט די פליענדיקע מיליאָנען בראָוצימלעך ניט אָפּגעשראָקן. ווען איר האָט דערהרגעט איין פליג, זיינען מיליאָנען אנדערע מאשקעס און מאָמארן געווען קאנ־דידאַטן פאר דעם פלאַץ.

אַ ביטערע, אומדערוואַרטעטע דערפאַרונג האָבן מיר איצט גע־נומען דורכלעבן. זייענדיק באוואכט פון אַ מחנה סאָלדאטן, האָט מען אונדזער גרופּע אריינגעפירט אין דעם דאָרף קארגינא. דער פּריסטאוו, מיט אַ באַנדע סטראַזשניקעס האָבן איבערגענומען אונ־דזער גרופּע, און מען האָט אונדז פארשפּאַרט אין דער דאָרפישער קאַטאַלאָשקע. די שטרענגע וואַך, מיט דער קאָמאַנדע סאָלדאטן האָט מען צוגענומען. דער פּריסטאַוו האָט אונז דערקלערט, אז מיר זיינען פריי, נאָר מיר טאָרן ניט גיין אין דאָרף. מיר מוזן זיך ארומדרייען לעבן דער קליינער, הילצערנער קאַטאַלאַשקע (הייזקע).

דערהערנדיק די לעצטע ווערטער פון דעם פּריסטאַוו, האָב איך מיט נאָך עטלעכע חברים פון דער גרופּע, שנעל פארלאָזן די פינצטערע קאַטאַלאַשקע, און בין ארויסגעלאָפן אויף דער פרייער, ווילדער וועלט, מיט א הויכן געשריי: „הורא! זאָל לעבן די פרייע, ווילדע, פרייהייט!‟ האָבן די איבעריקע חברים אָפּגעענטפערט.

איך האָב זיך אליין ניט געוואָלט גלויבן, אז איך קען איצט אוועקגיין אויף א קורצער שטרעקע אָן א וואכמאַן. מיר האָט זיך געדוכט, אז מען גייט מיר נאָך..

ניט קלערנדיק לאַנג, בין איך, מיט נאָך עטלעכע חברים, אוועק געלאָפן צום טייך יעניסיי און מיר זיינען אריינגעשפּרונגען אין וואסער. מיין לייב האָט אָנגעפאנגען ברענען און טשופּען און

שטעכן ווי מיט נאָדלען פון דעם קאַלטן שווים, וואָס איך האָב יעצט געכאַפּט.

א גרויסע מחנה פליגן און קאמארן זיינען באפאלן אונזערע הוילע קערפּערס, און זיי האָבן אונדז אָן רחמנות געביסען. דעם טייוועלשן פארגעניגן האָבן מיר לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטן. מיט א שנעלער באוועגונג האָבן מיר ארויפגעכאַפּט אויף זיך א טייל זאַכן, און באַרוועסע און האַלב־הוילע זיינען מיר, ווי משוגעים געלאָפן צוריק אין דער פינצטערער קאַטאַלאַשקע.

די חברים וועלכע האָבן זיך ניט געבאָדן, דערזעענדיק אונדז, ווי מיר זיינען שרעקלעך פארצווייפלט פון דער עקספּערעמענטאַלער דערפאַרונג, האָבן זיך גוט צעלאַכט. נאָך אָט־דער אומדערוואַר־טעטער פּאָרציע בין איך א גאַנצן טאָג ניט מער ארויסגעקראָכן פון דער קאַטאַלאַשקע. מיין פּנים איז געשוואָלן געוואָרן. עטלעכע וואונדן האָב איך באַקומען קראַצנדיק צו שטאַרק מיינע צעביסענע הענט. מיין לייב האָט מיר געברענט און אומעטום געשטאָכן.

כדי צו באוואָרענען זיך, אז די קליינינקע פליגעלעך זאָלן אונדז אזוי ניט בייסן, האָבן אייניקע פון אונדזער גרופּע צעריסן זייערע העמדער און זיך אויפגענייט א באשלוק סעטקע אויף אָנטוען זיך אויף דעם קאָפּ. די צען קאָפּיקעס א טאָג, וואָס מיר האָבן באקומען פון דער רעגירונג פאר די נויטיקע שפּייז פּראָדוקטן, האָבן מיר קוים אונדזערע אויסגעדאַרטע קערפּער דערהאַלטןביים לעבן. די הויפּט שפּייז אונדזערע איז געווען טיי מיט ברויט.

אַ באַנדע סיבירער פּויערים, מיט טשאָלדנקעס זיינען פארביי־געגאַנגען אונדזער קאַטאַלאַשקע מיט פלעשלעך בראָנפען אין די הענט און האָבן פריילעך געזונגען א סיבירער פּאָלקס־ליד. אונטער דעם בארג איז דאָ א ברייטע גאַס. די אומדערוואַרטע סצענע מיט די טשאָלדאַנישע שכורע גאַסן־געזאַנג האָט אונדזער גרופּע פיין אַמוזירט.

מיר זיינען דאַן געווען אינם צענטער פון סיביר, און א נייער אומבאַקאַנטער לעבן, נייע זיטן און מנהגים, איז אַנטדעקט געוואָרן פאַר אונדזערע נייגעריקע אויגן.

ווען אינדרויסן איז גוט פינצטער געוואָרן, און די ווייזערס

פון זייגער האָבן אָנגעצייגט 9.30, האָט דער דיעסאַטקע, דער דאָר־פישער באַאַמטער וואָס האָט איינער אַליין אונדזער דאָרפּישע טור־מע באַוואַכט, איינגעהייצט די קליינע בלעכענע הרובע. ווען מיר האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזער ציגל טיי מיט שוואַרצע ברויט, האָט יעדער איינער פון אונדזער גרופּע גענומען מאַכן זיך אַ פּלאַץ צו שלאָפן, אויף דער האַרטער נאַרע.

אין מיין קאַמער האָבן זיך געפונען צוויי פרויען: אַלעק־סאַנדראַ אַבראַמאָוויטש, אַ לערערין, און אַ אידישע חברטע מיטן נאָמען ראָזע. זיי זיינען געווען אַדמיניסטראַטיוו פאַרשיקט אויף אייביק...

און דיזע חברטע, וואָס האָט פאַר דער קורצער צייט וואָס זי איז געווען אין אונדזער גרופּע אַזוי פיל לעבן און מוט אַריינ־געבראַכט אין די רייען פון אונדזערע ליידנדיקע נשמות, איז יעצט געלעגן לעבן מיר! מיינע לייכטזיניקע, ליידנשאַפטלעכע געדאַנקען, האָב איך מיט אַ רואיקן געוויסן קאַלטבלוטיק באַקעמפט. איך האָב אָבער פאַר קיין פאַל ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. חבר'טע ראָזעס באַוועגנדיקע בריסט און אָטעמען, האָט איך דער־פילט זייער נאָענט. ווען איך האָב געמאַכט אַ לייכטע באַוועגונג מיט די הענט, און חברטע ראָזעס קאָפּ, מיט די גאָלדענע האָר, ליגט שוין אויף מיין געשאָסענער האַנט. עס איז מיר זייער ניט באַקוועם געווען. מיין ניט פולקאָם געזונטע האַנט האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די וואָג פון איר לייכטן קאָפּ.

שטיל, באַוועגלאָז בין איך געבליבן ליגן. איך האָב פּרובירט זיך מאַכן ווי איך שלאָף. נאָר צום שלים מזל, עס שלאָפט זיך ניט! אַפליגנדיק אַ אומבאַשטימטע צייט, האָב איך באַשלאָסן צו באַפרייען מיין האַנט. כדי ניט אויפצואוועקן חברטע ראָזען, וועלכע האָט שוין אַזוי שטאַרק געכראָפּעט, האָב איך לאַנגזאַם אַ צי געטאָן מיין לינקער האַנט רעכטס. אָבער חברטע ראָזעס קאָפּ איז שוין געלעגן אויף מיין ברוסט. שטיל און רואיק ליג איך אויסגע־צויגן. איך האָב מורא זיך אַ ריר טאָן, טאָמער וועט חברטע ראָזע זיך אויפכאַפּן און איך וועל איר זיסן שלאָף צעשטערן...

ווי אַ ליימענע סטאַטוע ליג איך באַוועגלאָז. איך הער דעם

אָטעמען פון איר באַוועגנדיק האַרץ. די גאַנצע קאַטאַלאַשקע, מיט די בייזע סיבירער נאַטור און די אינזעקטן, וואָס האָבן בייטאָג אַזוי שרעקלעך מיין לייב צעביסן, איז פון מיר פאַרשוואונדן גע־וואָרן אין די שוועבנדיקע גערדיכטע וואָלקנס פון דעם גרויעם נעפּל. אַ נייע וועלט, מיט טרוימערישע נשמות און מוטיקע גייס־טער האָבן יעצט געשוועבט בעפאָר מיינע אויגן. עס ווילט זיך מיר האַלדזן און קושן די זון און די ערד, נאָר מיינע הענט באַ־וועגן זיך ניט.

שוועבנדיק צווישן אַ פאַנטאַסטישער, אומפאַרשטענדלעכער וועלט, בין איך ענדלעך איינגעשלאָפן ווי אַ געהרגעטער. און אָט חלומט זיך מיר, אַז איך, מיט חברטע ראָזע, געפין זיך אין פעלד באַצירט מיט מיליאָנען בליענדיקע בלומען. עס ציען זיך הויכע בערג. פון די אויגן גיסן זיך טרערן. איך שטיי אָפּ. פון דער ווי געטאָקטע סטאַטועו אין לאַנגע שערענגעס און שפּרייטן פאַ־נאַנדער דעם סמאָלע־גערוך איבער דער גאַנצער געגנט. איך און חברטע ראָזע לויפן איבער די פעלדער, שפּרינגען איבער בערג, באַוואונדערן צוזאַמען די מערקווירדיקע נאַטור. שנעלער, שנעלער האָט חברטע ראָזע גענומען לויפן און שפּרינגען איבער פעלדער און וועלדער. דער ווינט האָט צעבלאָזן אירע לאַנגע, גאָלדענע האָר. איר גאַנצער קאָפּ איז באַדעקט געוואָרן מיט רויטע בלומען, אירע פייערדיקע, גליענדיקע אויגן וואַרפן שטראַלן אין דער לופטן. ווי דער ווינט אין פעלד פליט זי דורך איבער צענדליקער בערג, שפּרינגט איבער פאַרשיידענע טייכן. איך לויף נאָך איר אויפן זעלבן וועג. שווערער ווערט פאַר מיר דאָס לויפן איבער די הויכע בערג. פון די אויגן גיסן זיך טרערן. איך שטיי אָפּ. פונדער־ווייטנס דערזע איך, אַז מיין חברטע פאַרשווינדט טיף אין פעלד. אירע צעלאָזענע האָר שוועבן אינדערלופטן. מיינע לעצטע קרעפטן ווענד איך אָן, און איך פאַנג אָן לויפן באַרג אַראָפּ... און לויפנדיק אַזוי, בין איך, אומדרוואַרטעט, אריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן זומפּ... און אָט טרינק איך זיך. איך זינק אַלץ טיפער און טיפער אין אָפּגרונט. מיט מיינע הענט כאַפּ איך אָן צעפּוילטע צווייגן. איך וויל זיך רעטן... נאָר אומדערוואַרטעטערהייט איז

פון די גערדיכטע גראָזן ארויסגעקראָכן אַ גרויסער שלאַנג, מיט אַ גיפטיקער קרוין אויף זיין קאָפּ. דער שלאַנג האָט זיין גרויסן מויל אויפגעעפנט, און מיט זיין לאַנגער צונג האָט ער אָנגעפאַנגען זשוקען, און צופּויזנדיק נאָענט צו מיר, האָט ער מיר אַ ביס געטאָן . . .

אוי! האָט זיך אַ שווערער זיפץ ארויסגעריסן פון מיין ברוסט. איך בין פאַרלוירן! . . .

ווען איך האָב מיינע פאַרשלאָפענע אויגן געעפנט, האָב איך גלייך באַמערקט ווי אַ האַלבער עטאַפּ פון אונדזער גרופּע, צוואַנציק חברים, זיינען שוין גרייט געווען זיך לאָזן אין וועג. חברטע ראָזע, מיט דעם לאַנגן, גרויען אַרעסטאַנטסקען כאַלאַט, מיט איר פּעקל אין האַנט, איז געשטאַנען לעבן טיר. אין דער שטיל האָט זי איר לעצטן מילדן בליק געוואָרפן אויף מיר, און באַלד האָט איר קלינגענדיקע שטימע דורכגעבויערט די קלעמענדיקע שטילקייט.

אין דער שטילקייט פון פריען טאָג האָבן טריט זיך געוויטערט. טריט, שווערע, מידע. צווישן זיי זיינען אויך געווען די טריט פון דער שיינער, מוטיקער חברטע ראָזע. און ווען די טריט זיינען שוין לאַנג פאַרשלונגען געוואָרן פון דער סיבירער טאַיגע האָט נאָך אַלץ אין מיינע אויערן געקלונגען איר לעצטער רוף צו מיר:

— פּראָשטשאַי, טאָוואַריש!

דעם 27טן אינדערפרי, אין 1909טן יאָר, האָט מען מיך, מיט די איבעריקע חברים אָפּגעשיקט פון דעם דאָרף קאַרגינאַ נאָך דעם סעלאָ ריבנאַיע, וואָס ליגט אויף דעם ברעג פון דעם טייך אַנגאַראַ, „אַנגאַראַ", וואָס ציט זיך אַוועק אין דער לייִנג איבער אַ טויזנט מייל.

פון קאַרגינאַ ביז דעם דאָרף ריבנאַיע איז די לייִנג פון דער וועג בעשטאַנען 120 מייל. די סטראַזשניקעס וואָס האָבן אונדזער גרופּע פּאָליטישע געפאַנגענע באַגלייט, זיינען זיך ברייטלעך געזעסן אויף פורן, מיט די ביקסן אין די הענט; און אונדז האָט מען גע־טריבן ווי די בהמה'ס אין פעלד. דורך די גערדיכטע וועלדער, האָבן מיר געפּויזעט אויף די הויכע בערג, וואָס זייער לייִנג איז באַשטאַנען

אין געוויסע ערטער, העכער פון אַ מייל. אונדזער גרופּע האָט זיך פאַר אַ קורצער צייט, זיך צוזאַמען געהאַלטן.

אויף דעם צווייטן טאָג פון אונדזער מאַרש, יוני דעם 25־טן, 1909, האָט אונדזער גרופּע זיך אָנגעפאַנגען צוברעקלען. וויפיל די סטראַזשניקעס, האָבן זיך געמיט אויפצוהאַלטן אונדזער גרופּע, האָט זיי עס נישט געלונגען. די לופט אין וואַלד האָט געפּערלעך געשטיקט. די מאַסקיטאָס מיט די גיפטיקע בייסנדיקע פליגן, האָבן אונדז באַפאַלן און געזויגן אונדזער בלוט. ניט קענענ־דיק אַריבערטראָגן די שמערצליכע בייסעניש פון די קלעפּעדיקע פליגן, האָב איך מיין קאָפּ און פּנים פאַרדעקט מיט מיין וואַרעמער קאָלדרע, וואָס איך האָב מיט זיך געפירט, איבערלאָזנדיק נישט מער ווי אַ קליין שפּאַלט פאַר דעם אויג.

אַזוי, מיט דער גרעסטער פיזישער אָנשטריינגונג, און באַרויבנ־דיק זיך אַליין פון דער שטיקנדיקער לופט, האָב איך לאַנגזאַם אָנ־געפאַנגען אָפּשטיין פון דער פאָראויס־מאַרשירנדער גרופּע חברים. די באַוואַפנטע וואַך האָט וויינ יק וואָס זיך געקימערט וועגן אונדז. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז אַזוי שנעל אַנטלויפט מען נישט פון דעם אָרם מקלט.

קריכנדיק אויף די הויכע בערג אין דער געדיכטער סיבירער טאַיגע׳ר וואַלד, האָב איך באַקומען גרויסע, ווייסע פּוזירן אויף מיי־נע פיס. דער שוויים איז אָן אָן אויפהער מיר גערונען אין די אויגן און אַלץ אַרום מיר איז שטיל געווען. מיט מיינע פינסטערע מחשבות האָב איך זיך געשלעפּט אַ פּאָר לאַרינער. פּלוצלונג האָב איך דער־הערט אין וואַלד אַ גערויש. איך בין גלייך שטיין געבליבן. מיין פּנים האָב איך גלייך באַפרייט פון מיין וואַרעמער קאָלדרע, און אַרומ־קוקנדיק זיך, וועלנדיק אויסגעפינען פון וואַנען דער גערויש אין וואַלד האָט זיך פּלוצים דורכגעטראָגן; נאָר איך האָב קיין זאַך נישט באַמערקט.

איך בין איינער אַליין פאַרבליבן אין דעם אומבעקאַנטן וואַלד. די הויכע ברעזאַווע־בוימער, האָבן לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבן באַוועגן. אַ שטאַרקער וואַלד־ווינט, האָט זיך דורכגעטראָגן אין דער לופטן. די צווייגן פון די הויכע בוימער, האָבן אָן אויפהער זיך געשאָקלט

הין־און־צוריק. אַ טונקעלע כמאַרע האָט זיך פאַרצויגן אויף דעם בלויען הימל. די שרעק פאַר די ווילדע חיות, מיט וועלכע סיבירער וועלדער זיינען פאַרפלייצט, האָט מיך זייער אומבאַרואיקט. נישט האָבנדיק קיינע פאַרטיידיקונגס־געווער מיט זיך, אין פאַל איך זאָל באַפאַלן ווערן פון אַ חיה, האָב איך גלייך אָפּגעזוכט אַ טרוקענע, גראָבע צווייג, און נישט אָפּגעבנדיק זיך קלאָרן חשבון, האָב איך זיך געלאָזן לויפן מיט דעם צווייג אין די הענט; אויף דעם אומבאַקאַנטן וועג. לויפנדיק אַזוי מיט די לעצטע קרעפטן, דורך פאַרשיידענע שמאָלע וואַלד־וועגן, אַן אומבאַשטימטע צייט, האָב איך מיט שווע־רער מי, אָנגעיאָגט דעם עטאַפּ. און צולויפנדיק צום וואָגן, וואו דער באַוואָפנטער סטראַזשניק איז געזעסן, האָב איך ביטער אויסגעשריען: „איך קען מער נישט גיין" דער סיבירער פויער האָט גלייך אָפּגע־שטעלט זיין פערד, און קוקנדיק אויף מיר, איז ער איבערראַשט גע־וואָרן:

מיין גאַנצער פּנים איז געווען שרעקלעך צוביסן און געשוואָלן. די הענט זיינען געווען צודראַפּעט און בלוט האָט זיך געגאָסן. מיי־נע הענט און פיס זיינען געווען געשוואָלן. דער זשאַנדאַר האָט גלייך אַרויסגעשלעפּט פון וואָגן אַ קיילעכדיקע בעריאָזעווע דייזשקע מיט זשעגעכטש, מיט וועלכע מען שמירט אויס די פערד, כדי די פליגן זאָלן נישט בייסן. דער פויער האָט מיר געראָטן אַז איך זאָל זיך אויסשמירן מיט דעם זשעגאַכטש, און די פליגן וועלן מיך אויפהערן בייסן; — אַזוי האָט ער מיר פאַרזיכערט. איך האָב קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און ניט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך מיינע הענט אַריינגערוקט אין די ברעזאַווער דייזשקע. איך האָב באַלד אויסגעשמירט מיין פּנים מיט דעם שוואַרצן זשעגאַכטש.

די הויט פון מיין פּנים האָט גלייך אָנגעפאַנגען ברענען. איך האָב אָבער פרייער אָפּגעאָטעמט. די בייסנדע מאָסקידאָס, מיט וועל־כע די לופט איז פאַרפלייצט אין די סיבירער וועלדער, האָבן באַקור־מען אַ טויט־קלאַפּ. דער שטינקעדיקער זשעגאַכש פון מיין פּנים, האָט פאַרטריבן די מחנות פליגן. הונדערטער אינזעקטן, זיינען געבליבן ליגן טויטע, אויף מיינע געשוואָלענע באַקן. ווען איך האָב אַ ציִ געטאָן די לופט, האָב איך גלייך דערפילט, אַז איך האָב אַ

טוצן „געסט‟ אין מיין נאָז: אומעטום זיינען די בייזע אָנשיקענישן געקראָכן: אין די אויערן, און אין מויל. די פרייע סיבירער „באס־טיליע‟ האָט דאָ דערמאָנט די בלוטיקע מאַכט פון צאַר ניקאָליי׳ס הייזקער. די קליינע פליגן, קענען אין צוויי שטונדן, הונדערטע מענטשן, פאַרפייניקן צום טויט, אָדער גאָר צו משוגעת טרייבן.

מיט גרויסער פיזישע מאַטערניש, איז אונדזער גרופּע פּאָליטי־שע פאַרשיקטע אָנגעקומען אין פינפטן טאָג, אין דעם דאָרף ריב־נאָיע, אַנגאַראַ.

א גראָסנאָיאַרסקער אָפיצער, מיט פיר באַוואָפנטע סיבירער קאָזאַקן, האָבן אונדזער גרופּע איבערגענומען און מען האָט אונדז אַריינגעזעצט אין דער דאָרפישער קאַטאַלאַשקע. א שטרענגע וואָך האָט מען אַוועקגעשטעלט, לעבן דער הילצערנער חורבה. קיינעם פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע, וועלכע האָבן אין דעמזעלבן דאָרף גע־לעבט אויף דער פריי, האָט מען צו אונדז נישט צוגעלאָזט.

אַן אָפּטיילונג פון זעקס און צוואַנציק קאָזאַקן האָבן זיך אויפ־געהאַלטן אין דעמזעלבן דאָרף, ווייל די יעניסייסקער אַדמיניסטראַ־ציע, האָט זיך געשראָקן אַז אַ פאַרטיזאַנער בונט וועט אויסברעכן צווישן די פּאָליטישע פאַרשיקטע. אָבער די צאָל פון די פאַרשיקטע האָט דערגרייכט איבער אַ טויזנט. אין דעם יאָר 1909 אין אַנגאַרסקן געגנד און אויך אין טורוכאַנסק געווען אַ פאַל, וואו אַ גרופּע פון איבער צוואַנציק פּאָליטישע פאַרשיקטע, האָבן פאַר עטליכע חדשים געקעמפט מיט געווער אין די הענט, געגן צאַר ניקאָלאַים טורכאַנס־קער אַדמיניסטראַציע. אין דעם בלוטיקן קאַמף, האָבן די פּאָליטישע פאַרשיקטע אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט עטליכע סטראַזשניקעס, צוזאַמען מיט דעם הויפּט־באַמטן, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע פּאָליטישע פאַרשיקטע אין טורוכאַנסקען געגנד.

אין דעם יאָר 1909, זייענדיק פאַרשפּאַרט אין דער ריבינאָי׳ער קאַטעלאַשקע, האָב איך דורך די אייזערנע גראַטעס באַמערקט דעם פאַרשיקטן חבר כוואָסטאָוו, דעפּוטאַט פון דער צווטער גאָסו־דאַרסטוועני דומע, — ווען די וואָך האָט אָפּגעטריבן און נישט דערלויבט צו־צוקומען צו אונדז און זיך גריסן.

נאָכדעם ווי מ׳האָט אונדז 24 שעה אָפּגעהאַלטן, האָט די וואַך אריינגעזעצט צו זעקס חברים אין הילצערנע שיפן און מ׳האָט אונדז אָפּגעשיקט.

ניט ווייסנדיק אז די צשאַלדאנעס זיינען מחויב געווען צו פירן די שיפן, האָבן מיר איבערגענומען די אַרבעט. אַלע האַלבע שטונדע האָט אונדזער גרופּע זיך געביטן. יעדער איינער פון אונדזערע חברים, האָט פאַרזוכט דעם טעם צו שלעפּן פאַר אַ לאַנגער שטריק די הילצערנע שיף, אַנטקעגן דעם שטראָמנדיקן וואַסער.

אָפּמאַטערנדיק זיך אַזוי עטליכע מעת־לעת, איז אונדזער גרופּע אָנגעקומען אין דעם דאָרף באַגוטצשאַנסקער וואָלאָסט. אין יעדן דאָרף וואו מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן, האָבן די פּאָליטישע פאַרשיקטע חברים אונדז באַגעגנט מיט פרייד. די צשאַלדאנעס פון אַנגאַרסק׳ן געגנד האָבן פאַרדעכטיקט זיך באַצויגן צו אונדז. אַ טייל פון די סיבירער פּויערים האָבן אויף אַ גרויסן גראַד אַרויסגעצייגט גרויס רעספּעקט, און יעדער פּויערשער הויז אויף אונדזער לאַנגער רייזע, אוואו מיר זיינען פאַרבליבן איבער אַ נאַכט, האָט די באַלעבאָסטע גלייך פאַרזאָרגט דעם סאַמאָוואַר און דערלאַנגט צום טיש. אייניקע פּויערים האָבן אויך דערלאַנגט צום טיש מילך און ברויט פריי. ווען מיר האָבן געוואָלט זיי באַצאָלן פאַרן שפּייז, האָבן די פּויערים אין מערסטן טייל זיך אַנטזאָגט און האָבן פון אונדז קיין געלט נישט גענומען.

דעם זעקסטן יולי, 1909, האָט מען מיר אָפּגעשיקט פון דעם דאָרף באַגוטצשאַן. מיר האָט מען צוגעשריבן צו דעם דאָרף קלימענאַ, זעקס מייל פון דעם דאָרף זעלידייעוונאַ און צשאַדיבעץ.

אָפּפאָרנדיק אַ פּאָר ווייאָרסט פון דעם דאָרף גאַלטיאַוונאַ, האָב איך דערהערט אַן אויסערגעוויינליכן רוישן: — דער אַמורער פּאָראָג. — אויף דעם טייך אַנגאַראַ, האָט געטאַנצט זיין פּאָלקס־קאַדריל. דער פּאָראָג ליגט צווישן די דערפער פּאַשיטינאַ און גאַלטיאַווינע פון צווישן די בערג פאַלט אַרויס אַ קליינער טייך אַמור, נאָך וועמען דער פּאַראָג טראָגט דעם נאָמען. די שטראָמען מעכטיקע כוואַליעס, פאַרפלייצט אין דער ברייט דעם גאַנצן טייך אַנגאַראַ אויף אַ שטרעקע פון עטליכע ווייאָרס, ביי די ביידע ברעגעס פון דעם קליי־

נעם טייך מורסקאַיע פּאַראַגעס, שטייען צוויי הויכע, שטיינערנע בערג, — ריזן פון דער ווילדער נאַטור און לאַבן פון דער וועלט. נאָר די שנייען און די שרעקלעכע ווינטערדיקע פרעסט, גראָבן אונ־טער די מעכטיקע נאַטור־ריזן און טויזנטע פּוסטיקע שטיינדעלעך ברעקלען זיך אָפּ צייטנווייז, און פאַלן אריין אין דעם טייך אנגאַרא. די פאַלנדע שטיינער ווילן אָפּהאַלטן דעם שטראָם־ברויזנדיקן וואַ־סער פון דעם אַמורסקן פּאַראַג. אָבער דאָס וואַסער בייזערט זיך, ווארפט קונטציק זיינע מעכטיק־שטורמדיקע כוואַליעס. און די הערבסט־שווימנדע אייז צומאָלן די שטיינער און גלעטן זיי אויס און די אראָפּגעברעקלטע שטיינער געפינען אַ פּלאַץ אין טיפן אָפּגרונט פון טייך אנגארא. לעבן די ווענט פון די הויכע בערג ליגן אנגעוואָרפן גרויסע בערג מיט אראָפּגעפאַלענע צוברעקלטע שטיינער. נאָר וויפיל די נאַטור זאָל פון די מעכטיקע בערג נישט רייסן און ברעקלען, שטייען די בערג מיט אַ שטאָלצן אויסזען ארומגערינגלט, מיט געדיכטע וועלדער און פעלדער און מיט אַ ספּאָטישן שמייכל, אויסגעגאָסן אויף זייערע הארטע, פּארגליווערטע פּנים׳ער — לאַכן זיי אָפּ פון די אומגליקלעכע באַזוכער און דער גאַנצער מענטשלי־כער ציוויליזאַציע.

דער הילצענער שיף, וואו איך מיט נאָך פינף פּאָליטישע פאַר־שיקטע זיינען געזעסן, האָט זיך שרעקליך געהוידעט. הונדערטע טראָפּן אָפּשפּריצנדע וואַסער פון די כוואַליעס, האָבן אונדז אין פּנים געשמיסן. צוויי יונגע צשאַלדאנקעס, זיינען געזעסן אויף דער שיף און האָבן פלייסיק געאַרבעט מיט די הילצערנע וועסליעס. אַן עלטערער פּויער, פון 88 יאָר, איז געזעסן ביים רודער און האָט דירעקטעד די שיף דורך די האַזארדישע, געפערליכע וואַ־סערן, מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיגקייט; ווי אַ פּארטרוויטער קאַ־פּיטאַן אויף אַ קריגס־שיף, שטייט אויף דער וואך. און מיט אַ טעריסקאָפּישן אינסטרומענט, פּאַרשט און דערוואַרטעט צו באַגע־גענען אַ שונאַ אין וועג און אויספּעכטן אַ טויטלעכע שלאַכט! אַזוי האָט דער אַלטער צשאַלדאן, דער געניטער קאַפּיטאַן, געזעסן אויף זיין שיף און מיט זיינע גראָע, וואַסערדיקע אויגן אַריינגעקוקט אין דעם טיפן אָפּגרונט פון דעם טייך אנגאַרא.

דער שיף האָט זיך געדרייט און געשוואומען קונטציק צווישן די געפערליכע וואסער־שטיינער, איבער וועלכע די ריזיקע ברויזנדע כוואַליעס שווימען אריבער. זיצנדיק אין דעם שיפל, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אז אַ מעכטיקע, ברויזנדע כוואַליע, וועט באַלד אונדז אַלעמען פאַרצערן און צורייבן אויף קאַשע.

ווען איך האָב אַ פרעג געטאָן די צוויי יונגע מיידלעך צשאַל־דאַנקעס, ווי ערלויבן זיי זיך צו פאָרן איבער אַזאַ געפערליכן טייך, מיט אַזאַ ניט־זיכערן הילצערנעם שיף, האָבן זיי מיט אַ געלעכטער געענטפערט, אַז דאָס איז נישט דעם ערשטן מאָל וואָס זיי פאָרן איבער דעם טייך; — „אין הערבסט ליגן מיר דאָ טעג און נעכט און פאַנגען רויטע אָסטערינע פיש. מיר זיינען דאָ געבוירן געוואָרן און מיר האָבן זיך שוין צוגעוויינט צום וואַ־סער" — האָט איין צשאַלדאַנקע פאַרגעזעצט איר דערציילונג. „עס טרעפט צייטן" — האָט די צווייטע צשאַלדאַנקע זיך אָפּגערופן: „ווען אַ שטאַרקער ווינט בלאָזט אַנטקעגן דעם שטראָמנדיקן וואַ־סער, איבער אַמורסקן פאָראָג, דאַן ריזיקירן מיר אויך נישט; אָ־בער איצט, איז דאָך דער וואַסער שטיל. דער וואַסער רוישט אַביסל; עס קען אָבער אַנדערש נישט זיין, סיידן, מ'זאָל די גרויסע שטיינער פון אונטער דעם וואַסער אַרויסנעמען, דאַן וואָלט עפּשר דער טייך אַנטשוויגן געוואָרן" — „גאָט, מיינער! — אָבער דאָס קאָן דאָך קיין מאָל נישט זיין!" האָט — דער אַלטער 88 יאָריקער פויער געפּראוווט זיך פאַרענטפערן.

מיט עטליכע יאָר צוריק, האָט דער אַלטיטשקער, קרעפּטיקער פויער פאָרגעזעצט — האָט די רעגירונג פון רוסלאַנד געריסן די אונטער־וואַסערדיקע שטיינער. די רעגירונג האָט געוואָלט מאַכן אַ פרייע וועג, אַז אַ גרויסער שיף זאָל דאָ קענען דורכגיין. אָבער די אַרבעט איז געווען אומזיסט. מיט עטליכע יאָר צוריק איז דאָ דורכ־געפאָרן אַ גרויסער שיף , עטליכע מאָל; אָבער איצט זעט מען נישט מער דעם גרויסן פאַראַכאָד. אָך, וויפיל אייזערנע קייטן, האָט די רעגירונג דאָ איבערגעלאָזן! פון די אייזערנע קייטן איז שוין גאָר־נישט איבערגעבליבן. אונדזערע קרעסטיאַנעס, האָבן די קייטן פאַר־נוצט צו שמידן די פערד און אויך געמאַכט פילע באָראָנעס, פאַר

אַקערן די פעלדער. דער פארשיקטער איד ליעאַנטיע פּאָדאָלסקי, פון דעם דאָרף קלימענא, האָט אלע פערד פון אונדזער ראַיאָן גע־שמיט מיט די גע׳גנב׳עטע קייטן. אַ סך באַראָנעס האָט ער געמאַכט פאַר אלע אונדזערע דאָרפישע פּויערים. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, אַרבעט ער שוין נישט מער. ער האַנדלט מיט סחורה . אַ גאַנ־צער סוחר געוואָרן. געווען איז הער ליעאַנטיע אַמאָל אַ גוטער שמיד. ער האָט אונדז פיל גוטעס געטאָן. מיר האָבן זיך זייער געגויטיקט אין אַזאַ באַלמעלאָכע, אָבער איצט האָט ער זיך פאַרנומען מיט נאַרישקייטן. אַ שאָד! אַ שאָד! ביי אונדז אין דאָרף האָט אַ יונגע צשאַלדאַנקע—זיך אָפּגערופען:—„לעבן אַ סך פּאָליטישע פארשיק־טע. אַנטאָן דער פּאָליאַק, וווינט ביי אונדז אין אַ צימער. ער האָט שוין געפאָרן מיט אונדז כאַפּן פיש. ער האָט נישט קיין מוראָ פאַר די ברוויזנדע כוואַליעס. עס ספּראַוועט זיך מיט דער אַרבעט שנע־לער ווי אונדזערע פּויערים. איר וועט זיך אויך צוגעוויינען ״ — האָט די יונגע צשאַלדאַנקע אונדז געטרייסט און אויך פאַרענדיקט אירע פריינדלעכע דערציילונגען.

און אַזוי שווימנדיק צווישן די ברוויזנדע כוואַליעס פון אַמו־רער פאַראַנ, האָט אונדזער גרופּע דערגרייכט דעם דאָרף פּאַשוטיניא. נאָכדעם, ווי מיר האָבן ביי אַ פּויער אין הויז אָפּגעטרונקען צו גלע־זער ציגל־טיי און פאַרביסן מיט האַרטע סוכאַרעס, איז אונדזער גרופּע גלייך אָפּגעפאָרן פון דעם דאָרף פּאַשוטיניא.

דעם פינפטן יולי, 1909, בין איך אָנגעקומען אין מיין צוגע־שריבענעם דאָרף קלימענאַ, אָנגאַרסקין געגנד, פּינצשוקסקין וואָ־לאָסט, וועניסייסקער גובערניע, סיביר.

שטייענדיק איצט אויפן ברעג פון דעם טייך אַנגאַראַ, האָב איך דערזען מיין דאָרף קלימענאָ, אויף אַ הויכן זאַמדיקן באַרג, וועלכער ליגט לעבן דעם צפון־ברעג פון דעם טייך אָנגאַראָ, וואו ס׳איז געווען אויסגעבויט אַ פּאָר טוצן קליינע הילצערנע הייזער, אין וועלכע די איינגעבאָרענע צשאַלדאַנקעס האָבן געוווינט, לאַנגע פיש־נעצן זיינען געווען אויסגעהאַנגען. אויף דעם ברעג — אַ סטאַדע בהמה׳ס, זיי־נען געשטאַנען אָן אַ זייט און מיט די ווידלען אַוועקגעטריבן פון זיך די בייסנדיקע פליגן. אויף דער נידער פון דעם טייך אַנגאַראַ,

אויף אַ קליין אינזל, האָבן זיך געפּאַשעט אַ גרויסע סטאַדע פערד, און אין גרויסן געמיינשאַפטליכן שטאַל, האָבן זיך אויפגעהאַלטן די שעפּסענע באַפעלקערונג פון דעם דאָרף קלימענא. דער האַווקן פון די דאָרפישע הינט, האָב איך גלייך דערהערט. יונגע הינטלעך זיי־נען ארומגעלאָפן איבערן דאָרף. שווערע דעמבענע־קלעצער, זיינען אראָפּגעהאַנגען פון זייערע העלזער און זיך געפּלאָנטערט צווישן די פאָדערשטע פיס. די קלעצער האָבן די פויערים אָנגעטאָן די יונגע הינט אויף דעם האַלז, כדי זיי זאָלן זיך נישט יאָגן און דערשטיקן די עטליכע הינער אין דאָרף. די אַלטע יאַגד־הינט, זיינען אומרואיק געזעסן אין די הילצערנע שטאַלן, צוגעשמיט אויף קייטן און האָבן אריינגעשוויצט, נישט ווייניק פאַרצווייפלטע הינטישע טענער. האַווקן און וואָיען פון די צוגעשמידטע הינט, האָב איך גע־הערט איבעראַל. דער דאָרף האָט זיך באַוועגט, נאָר קיין מענטשן האָב איך נישט באַמערקט. די יונגע באַפעלקערונג, סיי מענער און פרויען, זיינען איצט אין פעלד געווען און פלייסיק געשניטן און צונויפגעשאַרט דעם גרינעם גראָז. עטלעכע אַלטע פויערים, האָבן אונדז באַגעגנט און צוקומענדיק צו מיר האָבן זיי מיט גרויס פאַר־זיכטיגקייט, מיר אָפּגעגעבן אַ פויערשן — „וואָס־מאַכט־איר, קינ־דערלעך?" — האָט זיך אַן אַלטער פויער אָפּגערופן.

„אייך, אַזוינע יונגע קינדער, שיקט מען צו אונדז! אונדזער גע־גענד מוז זיין דער לעצטער און ערגסטער אויף דער וועלט! — אַז מען האָט אייך אהער פאַרשיקט... אין אייער היים האָט אייך מסתמא גאָר נישט געפעלט, און דאָ וועט איר אַביסל מוזן ליידן. עס טרעפט צייטן," האָט דער אַלטער פויער פאַרגעזעצט —„ווען מיר איינגעבוירענע, האָבן דאָ אויך צרות, ווען דער ענדלאָזער ווינ־טער פאַנגט זיך אָן, קען מען אפילו אייניקע פּראָדוקטן פאַר געלט נישט קריגן. אָבער מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט. מיר ווייסן נישט פון קיין בעסערן לעבן."

דער סטאַראָסטא פון דאָרף קלימענא, יאַקאָוו אַלעקסייעוויטש ברוכאַנאָוו, האָט מיר פאַרבעטן צו זיך אין הויז, אויך מיין פּאָלי־טישן קאָלעגע איגנאַטש שימאַנסקי. מיר האָבן די איינלאַדונג אָנ־גענומען. ווען מיר זיינען צום סטאַראָסטא אריין אין הויז, האָבן

מיר גלייך געקויפט פאר צען קאָפּיקעס א טאָפּ מיט זויער־מילך, צומישט מיט קעז. ווען מיר זיינען פארטיק געוואָרן מיט דעם פראָסטאָקוואשא, האָב איך זיך אָפּגערופן צום סטאַראָסטא, אז ער זאָל אונדז באלד א דירה אָפּזוכן. דער פויער האָט זיך געקווייטשט, און זיך געריבן אין פּאָטיליניצע.

— „איך וויים נישט אוואו איך קען איצט פאר אייך א דירה קריגן." — האָט ער מיר אָפּגעענטפערט.

נאָך א קורצער באַראַטונג מיט זיין אייגענעם שכן, האָט ער צו זיך אין הויז אריינגערופן עטליכע פויערים פון דאָרף. דער סטאַ־ראָסטא האָט די פויערים פאַרגעלייגט, אז זיי זאָלן אונדז נעמען צו זיך.

—„זיי האָבן דאָך קיין געלט נישט" — האָט זיך איין פויער אָפּגערופן. — „זיי קומען דאָך איצט פון טורמע, און געבן זיי עסן אומזיסט, דאָס קען איך דאָך נישט" — האָט ניקאן ברוכאנאָוו גע'טענה'ט.

—„זיי וועלן באצאָלן" — האָט דער סטאַראָסטא, זיי אָפּגע־ענטפערט:

— „און אז זיי וועלן נישט באצאָלן?" האָבן די פויערים מיט דעם סטאַראָסטע זי דינגעדונגען; — „וועל איך אים ווארנאק, — קענען רופן, אָדער וויים איך וואָס! . . "

דער סטאַראָסטא האָט אומערוואַרטעט איבערגעריסן די פויער־שע, נאַאיווע רייד און מיט א באפעלנדער שטימע אויסגעשריען:

—„הערט זיך איין, מיינע ליבע הערן! אָט די מענטשן זיינען נישט קיין קרימעניאַלע פאַרברעכער! זיי זיינען פּאָליטישע און אונדזער רעגירונג וועט זיי צאָלן אכט רובל א מאָנאַט."

דער עלטסטער בעאַמטער פון וואָלאָסט האָט מיר אזוי איבער־געגעבן. דארום נעמט די צוויי מענטשן צו זיך" — האָט דער סטאַראָסטא א געשריי געטאָן צום אַלטן פויער ניקאן ניקאָנאָוו ברוכאנאָוו. — „דו וועסט באקומען זעקס רובל א מאָנאַט פאר א קאָפּ; צוועלף רובל פאר דיביידע העכט."

דער פויער ניקא, האָט זיך א קראַץ־געטאָן אין פּאָטיליניצע. א

קעלבענער שמיכל האָט זיך צוגאָסן אויף דעם צשאַלדראַנ׳ס בע-וואַקסענעם פּנים.

—„אָבער וואָס גיט מען זיי?״ — האָט ער געהאַלטן אין איין טענה׳ען. — „איך קען זיי אַריינגעמען אין הויז און געבן זיי אַ צימער. קיין פלייש האָב איך נישט און געזויערטע פיש, מיט אַ גע־רוך טושקאַם, האָב איך גראָדע; אָבער איך ווייס נישט צו וועלן דאָס עסן?״

„ברויט מיט קאַרטאָפל האָסטו?״ — האָט דער סטאַראָסטאַ זיך אָפּגערופן; — „איז גוט. זיי וועלן עסן וואָס דו וועסט זיי געבן. זיי וועלן זיך שוין צוגעוויינען צו אונדזער עסנוואַרג; אַ ברירה וועלן זיי האָבן? מיט וואָס זיינען מיר ערגער פאַר זיי? קיין עקסטראַ געריכטן דאַרפסטו פאַר זיי נישט צוגרייטן; וואָס דו וועסט האָבן, וועסטו זיי געבן און אויב זיי וועלן נישט זיין צופרידן, וועלן זיי זיך קענען זוכן אַן אַנדער דירה!״

מיט די לעצטע ווערטער, האָט דער סטאַראָסטאַ געענדיקט זיין רעדע און דער צשאַלדראַן ניקאַן, האָט אונדז אַוועקגעפירט צו זיך אין הויז.

אַריבערטרעטנדיק דעם שוועל, האָב איך ניקאַנ׳ס פאַמיליע באַ־גריסט. אַלע אַנוועזנדע האָבן אונדז העפליך אָפּגעענטפערט מיט דעם אויסדרוק: —„מילאָסטי פּראָסים!״ די אַלטע באַלעבאָסטע — ניקאַנ׳ס ווייב, וואָס האָט געבוירן ניינצן קינדער, פון וועלכע צוועלף זיינען פאַרבליבן לעבן, און אין דעם מאָמענט געזעסן אין קיך לעבן אַ ליימענעם אויוון און געשפּינט פעדים פון פלאַקס. עט־ליכע יונגע צשאַלדראַנקעס, זיינען געזעסן אויף לאַנגע הילצערנע ביינק און האָבן געפלאָכטן אַ נעץ. די מינדע־יאָריקע קינדער פון הויז, דערזעענדיק צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן, האָבן זיך איבער־געשראָקן און אויפגעהערט צו שפּינען.

אויף דעם באַפעל פון דעם אַלטן ניקאַן, האָט די אַלטע באַלע־באָסטע גלייך פאַרזאָרן דעם סאַמאָוואַר, און איך האָב מיט מזל אָפּגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער ציגל־טיי. דער צשאַלדראַן האָט אונדז אָנגעצייגט אַ פּוסטן צימער.

די ווענט זיינען געווען פאַררויכערט און פאַרצויגן מיט אַ

שטויב. עטלעכע בערגלעך מיט פלאַקס זיינען געווען צוואָרפן איבער דער פּאָדלאָגע. עטלעכע פּאָר לעדערנע בראָדניעס, אויסגעשמירט מיט דזשעגאַכטש, זיינען געלעגן אין אַ ווינקל. צוויי קופערטס איבער־געשמידטע מיט בלעך, אָפּגעפאַרבט מיט עטליכע קאָלירן, איז געשטאַנען אינמיטן צימער. אַריינטראָגנדיק אַן אַלטן, הילצערנעם טיש, מיט צווייביינקלעך, מיט אַן אַלטער אָפּגעקראָכענער פעל פון אַ הירש, האָט דער פויער זיך אָפּגערופן צו אונדז:

— „איצט האָט איר אַ פיינע דירה. אָט דאָ אויף דער ערד, אויף דער ווייכער הירש׳ענער פעל, וועט איר קענען שלאָפן.”

ווען איך האָב גוט באַטראַכט די פעל, פון וועמען בערגלעך מיט האָר, האָבן זיך געשאָטן אָן אָן אויפהער, האָב איך זיך גוט צולאַכט;

דער צשאַלדאַן מי טזיין לאַנגער באָרד און מיט זיינע לאַנגע, קודלעוואַטע, אונטערגעשאָרענע האָר, איז אין אַ פאַרלעגענהייט פאַרבליבן פון אונדזער אומערוואַרטעטן געלעכטער.

—„אויב אייך געפעלט נישט מיין צימער, קענט איר זיך גיין!”

— האָט דער פויער בייז זיך אָפּגערופן.

—„ניין,” — האָב איך אָפּגעענטפערט. „דער צימער געפעלט מיר זייער, אָבער זאָג מיר נאָר, הער בעל־הבית, ווי אַלט איז אָט די הירשן־פעל?”

אַריינגעמענדיק אַ טייל פון זיין באָרד אין מויל, און קראַצנדיק זיך אין פּאָטיליציע, האָט דער צשאַלדאַן זיך אָפּגערופן:

—„עס מוז שוין זיין אַ יאָר פופצן, אַז איך האָב אין וואַלד דערשאָסן דעם הירש.”

—„ווי לאַנג קען מען נאָך די פעל נוצן?” — האָב איך אַ פרעג געטאָן.

ניקאָן האָט זיך גוט־האַרציק צולאַכט, און געענטפערט:

— „נאָך אַ יאָר 25 קען מען נוצן די פעל, און וואָס די האָר קריכט אויס, דאָס איז גאָרנישט; וואָס מער די האָר קריכט אויס, אַלץ שענער ווערט די פעל.”

איך און דער פּוילישער פאַרשיקטער איגנאַטש שומאַנסקי, זיינען פאַרבליבן אין דעם אַזיאַטישן, שמוציקן צימער

ווי מיר האָבן זיך נאָר אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע, זייי־נען מיר גלייך באַפאַלן געוואָרן פון א באַנדע פּאַראַזיטן. א גאַנצע נאַכט האָב איך אָנגעפירט א רעגעלע שלאַכט, מיט די בייסנדע וואַנצן און פליענדע קאַמארן. ביז עס איז טאָג געוואָרן, איז מיר די אויגן פון קאָפּ געקראָכן. איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקענט אַנשלאָפן ווערן. ווען דער פויער ניקאָן איז אויפגעשטאַנען, האָב איך אים א פרעג געטאָן וואָס טוט מען צו די וואַנצן:

— „איך וועל זיי באַלד פאַרטרייבן" — האָט ער געענטפערט.

—„אונדז בייסן זיי נישט. נשקשה, איר וועט זיך צוגעוויינען;" האָט ער אונדז געטרייסט. אריינברייענגענדיק א פלעשל מיט גאַזע, האָט ניקאָן אַרומגעגאָסן ארום־און־ארום אונדזער נאַכט־געלעגער און איך בין קוים איינגעשלאָפן געוואָרן.

די ערשטע פאָר טעג, האָט די באַלעבאָסטע פון הויז זיך באַ־צויגן האַלב פריינטלעך צו אונדז. איר פריינטלעכקייט האָט זי אַרויסגעצייגט מיט דעם, וואָס ז פלעגט דערלאַנגען א שטיקל צו־קער, ווען מיר פלעגן זיך זעצן צום טיש; און א גלאָז ציגל־טיי מיט ברויט.

אונדזער פרייד פון די צוקער האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. איבערן דאָרף האָבן זיך פאַרשפּרייט פאַלשע קלאַנגען, אַז מיר וועלן פון דער רעגירונג קיין געלט נישט באַקומען, און מיר וועלן נישט האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן. די פאַלשע קלאַנגען, האָבן א שלעכטן איינדרוק געמאַכט אויף די אַלע - וויסנדע צשאַלדאָנעס.

דער אַלטער ניקאָן ברוכאַנאָוו, האָט מיט בייזע, אומפריינטלי־כע אויגן געקוקט אויף אונדז, ווי אויף קהל'אישע „דאַרמאָיעדני־קעס" און ווען ער איז אין כעס געוואָרן, האָט ער צו זיך גע־מורמלט:

— „אָבער מער ווי דעם מאָנאַט, וועל איך זיי נישט האַלטן!"

— האָט ער געהאַלטן אין איין טענה'ן צו זיין ווייב.

איידער דער מאָנאַט האָט זיך געענדיקט, בין איך אוועקגעגאַנ־גען צום סטאַראָסטאַ און איך האָב פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל פאַר אונדז אויפזוכן א נייע דירה. דער בעאַמטער פון דאָרף האָט

אונדז געענטפערט, אַז ער קען קיינעם נישט צווינגען, מען זאָל אונדז געבן עסן אומזיסט.

ווען איך האָב ערקלערט דעם סטראַזשניק איגנאַטיע צשאַר־נאַבאַיעוו, וואָס האָט געהאַט די אויפזוכט אויף די פּאָליטישע פאַר־שיקטע, אויב ער וועט פאַר מיר מיט מיין פּוילישן חבר, שנעל ניט אָפּזוכן א דירה, וועלן מיר פאַרלאָזן דעם דאָרף. מיין סטראַשונאַק, האָט געווירקט.

דעם סטראַזשניק'ס רעגירונגס־פּליכט איז געווען, צו אויפ־פּאַסן אַז אַלע פּאָליטישע פאַרשיקטע פון זיין דאָרף, זאָלן זיין באַ־זאָרגט מיט דירות. מורא־האָבנדיק פאַר אונדזער סטראַשונאַק און פאַר זיין רעגירונגס־אַמט, האָט דער סטראַזשניק געצוואונגען דעם סטאַראָסטאַ, און מען האָט מיר מיט מיין צימער־קאָלעגע, פאַרזאָרגט אין בעזונדערע הייזער.

די צשאַלדיאַנישע באַפעלקערונג פון דעם קליינעם, אַזיאַטישן סיבירער דאָרף קלימענאַ אַנגאַראַ, האָט די ערשטע עטליכע מאָנאַטן, נאָך מיין אָנקומען אין דאָרף, מורא געהאַט, צו פאַרדינגען אַ צי־מער צו אַ פּאָליטישן פאַרשיקטן. און אַז זיי האָבן שוין יאָ פאַר־דונגען אַ צימער, איז דאָס געווען איבער געוואַלד.

עס האָט נישט גענומען לאַנג, און איך האָב זיך אַסימילירט. ביסלעכווייז האָב איך אָנגעפאַנגען נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון דעם טשאַלדאַנישן, דאָרפישן, אַזיאַטישן, איינזאַמען לעבן.

ווען איך בין אין אַ געוויסן הערבסט־אָוונט, אָוועקגעפאָרן כאַפּן פיש, מיט אַ גרופּע צשאַלדאַנעס און צשאַלדאַנקעס, און נאָך דעם, ווי מיר האָבן ארויסגעשלעפּט אַ נעץ מיט ווייסע פיש, און וועלנדיק איבערצייגן די גרויסקייט פון זייער ווילדן לעבן, האָט אַ יונגע צשאַלדאַנקע, פון דער גרופּע סיבירער פּויערים, אַריינגענומען אין מויל אַ לעבעדיקע פיש; און מיט אירע שאַרפע ציין, האָט זי געביסן דער פיש פאַר דעם קאָפּ, און מיט דעם עק, האָט די לע־בעדיקע פיש געפּראַסקעט דער צשאַלדאַנקע אין די רויטע באַקן. די איבעריקע צשאַלדאַנעס פון דער גרופּע, האָבן זיך גוט־האַרציק צולאַכט.

איך בין אַ פאַרלוירענער געבליבן שטיין לעבן

אַן אַלטן אויסגעבויגענעם בוים. זייענדיק אָפּגעזונדערט און אויס־געקרייגנקט פון מיין לאַנגער רייזע מיט דעם עטאַפּ, און ערנערנדיק זיך מיט מאַגערע שפּייז, האָט זייער שלעכט געווירקט אויף מיין גע־זונט און איך בין פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. מיין פאַרהיילטע צו־שאָסענע האַנט, האָט אָנגעפאַנגען שיסן מיט פייער. איך האָב דער־שפּירט אַ שרעקלעכן פּיזישן ווייטאָג. מיין האַנט איז געשוואָלן גע־וואָרן. איך האָב פאַר זיך קיין רויאיקן אָרט נישט געקענט אָפּזוכן. דריי טעג און נעכט, האָב איך אין מיין איינזאַמען צימער ארומ־געלאָפן ווי אַ משוגענער; ביז דער סטראַזשניק מיט דעם סטאַ־ראָסטאַ, האָבן איינגעשטימט אַז מען קען מיר אָן מעדיצינישער הילף, אין דאָרף מער נישט פאַרהאַלטן, און דעם זיבעצעטן סעפּ־טעמבער 1909, האָט מען מיר אָפּגעשיקט נאָך דעם באָגוצשאַ־נער האָספּיטאַל.

ווען איך האָב אויף דעם צווייטן טאָג פאַרלאָזן דעם דאָרף פּאַשוטיניאַ, איז פאָרנדיק אין אַ קליינעם הילצערנעם שיף, איבער די ברויזנדע אַמורער פּאַראָגעס, האָט אונדזער שיף זיך אָנגעשטויסן אָן אַן אונטער־וואַסער־שטיין, און פון דעם שטאַרקן זעץ איז איין וועסלע צובראָכן געוואָרן אין דער העלפט. פאַרלירנדיק אויף אַ מאָ־מענט דעם קאָנטראָל פון דעם לייכטן, הילצערנעם שיף; האָבן מיינע צוויי יונגע צשאַלדאָנישע באַגלייטער, שרעקליך בלייך גע־וואָרן. דער קליינער שיף האָט זיך שרעקליך אַ דריי־געטאָן און אַ טייל וואַסער פון אַ גרויסער, ברויזנדער כוואַליע האָט מיר אָפּגע־גאָסן.

אויף דעם דעק פון שיף האָט זיך באַוויזן עטליכע אינטשעם וואַסער. ווי די טייוואַלים האָבן די צוויי פּויערים אָנגעפאַנגען אַר־בעטן און שווימען מיט די איבערגעבליבענע וועסליעס, נעענטער צום ברעג. דורך פאַרשיידענע משוגענע זיג־זאַגן, האָבן מיר האַלב־טויטע פון שרעק, זיך אַריבערגעכאַפּט דעם געפּראָרענעם אַמורער פּאַראָג.

נאָך דעם פערטן טאָג פון מיין רייזע, בין איך דעם 21־טן סעפּטעמבער, 1909, אָנגעקומען אין דעם וואָלאָסט באָגוטשאָן, און אָפּליגנדיק אין דעם דאָרפישן האָספּיטאַל ביז דעם צענטן אָק־

טאָבער, האָט די אָפענע וואונד פון מיין האַנט זיך אָנגעפאַנגען היילן. דעם עלפטן אָקטאָבער, האָב איך אָן אן אורלויב, פאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל און איך האָב באַזוכט עטליכע פאַרשיקטע חברים, מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן אין קראַסנאָיאַרסקע פערעסיל־קע.

דעם 12־טן אָקטאָבער, האָט דער פעלדשער מיר אויסגעשריבן פון האָספּיטאַל, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די אָפענע וואונד פון מיין האַנט, האָט מיר נאָך שרעקלעך וויי־געטאָן און איך האָב זיך נאָך געניטיקט אין מעדיצינישער הילף.

איך האָב געבעטן ביי דעם באַגוצשאַנער פּריסטאַוו, אַז ער זאָל מיר ערלויבן צו פאַרבלייבן אַ מאָנאַט אין דאָרף, ביז דער שווימענדער וואַסער וועט פאַרפראָרן ווערן אויף דעם טייך אַנגאַראַ און ס׳וועט זיך איינשטעלן אַ שליט־וועג. האָט דער פאַרדאַמטער קערל קאַלמיקאָוו, וואָס האָט נאָר וואָס איבערגענומען זיין אַמט פון אַ צווייטן טיראַן אַנדרושאַ, דעם פּריסטאַוו, — זיך גוט צו־לאַכט.

מיט אַ פּאָר מאָנאַטן צוריק, ווען דער פּריסטאַוו קאַלמיקאָוו, איז דורכגעפאָרן מיין דאָרף קלימענאַ, און ניט וועלנדיק אַרונטערנעמען דאָס היטל פאַר אים, האָט ער מיר דאַן צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך אָפּרעכענען מיט מיר פאַר מיין פרעכ־הייט, און אַריינפאַלנדיק איצט אומגעריכטערהייד אין זיינע וועל־פישע הענט, האָט ער פון גרויס פרייד אָנגעפאַנגען רייבן זיינע הענט, און אַרומשפּאַצירן איבער דער קאַנצעלאַריע הין־און־צוריק. זיין טונקעלער פּנים האָט זיך פאַרענדערט. מיט בייזע, גיפטיקע אויגן, האָט ער געהאַלטן אין איין קוקן אויף מיר; — אויף מיין ביטע, אַז ער זאָל מיר צוריק אין האָספּיטאַל אָפּשיקן, האָט דער פּריסטאַוו קאַלמעקאָוו, בייז אַ געשריי געטאָן: — „מאַלטשאַט! — „נע ראַזגאָוואַריוואַט!" און איבערגעבנדיק אַ פאַרזיגלטן בריוו אַ סטראַזשניק, האָט מען מיר גלייך, אונטער אַ באַוואָפנטע וואַך, אָפּ־געשיקט מיטן עטאַפּ.

די רייזע וואָס מיר איז אויסגעקומען צו מאַכן, איז געווען זיי־ער אַ ביטערע. דער גאַנצער טייך אַנגאַראַ, איז געווען באַדעקט מיט

אַ געדיכטן, שווימענדן אייז. מיין באַגלייטער, דער סטראַזשניק איג־נאַטיעטשאַרנאָבאַיעוו, איז רייטנדיק געפאָרן אויף אַ פערד. פאָר־אויס איז אַ צשאַלדאַן פון דעם דאָרף זאַימקאַ, געפאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד. איך בין צווישן די צוויי טייוואָלים, אַ קראַנקער מיט אַ צולעכערטער האַנט, וואו פון די אָפענע וואונדן, האָט נאָך גע־רונען בלוט און מאַטעריע, — מאַרשירט פאָרווערטס, איבער בערג־לעך, שטיינער; אויף דעם פאַרפראָרענעם ברעג פון דעם טייך אַנגאַראַ.

פון דעם סעלאָ באָגוצשאָן, ביז דעם דאָרף זאַימקע, איז די וועג בעשטאַנען איבער 35 מייל. גיין די גאַנצע וועג לעבן ברעג פון טייך אַנגאַראַ, האָט מען נישט געקענט, דארום האָט מען מיר געטריבן דורך דעם געדיכטן ווילד טייגאַ.

קריכנדיק איבער הויכע בערג, באַוואַקסן מיט וואַלד און כלאָם. אויף יעדן טראַט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן אַלטע אומ־געוואָרפענע בוימער. מיט די לעצטע פיזישע קרעפטן, האָב איך זיך נאָכגעשלעפט נאָך די פערד. און אַזוי קריכנדיק, האָב איך נישט באַמערקט ווי די ליכט פון הימל איז פאַרשוואונדן געוואָרן. דער סיבירער קעניג־פראָסט האָט זיך ריכטיק פאַרנאַנדערגעשפילט. דער אייז אויף דעם טייך אַנגאַראַ, איז געשוואומען און מוראָ׳דיק גערוישט. שווימענדיקע בערג־אייז, האָבן צאָרנדיק געקעמפט צווישן זיך. די גרעסערע בערג אייז האָבן פאַרצוקט די קלענערע בערגלעך. די נאַטור האָט געטאַנצט אין ווילדן קאַדריל.

פאַרלירנדיק די וועג אין וואַלד, האָט דער אַלטער צשאַלדאַן, רייטנדיק אויף זיין ווייסן פערד, גענומען זוכן אַ וועג צוריק צום ברעג. אויף די הויכע אומבאַקוועמע בערג, האָט דער טשאַלדאַז מיט געוואַלד זיך דורכגעשניטן אַ וועג. די אויסגעפראָרענע, טרו־קענע צווייגן פון די בוימער, האָבן זיך געבראָכן און געטרישטשעט. די הונדערטע צווייגן וואָס איז מיר געשטאַנען אין וועג, האָבן מיין פנים צעדראַפעט. איך בין געקראָכן איבער פאַרשיידענע הויכע וואַלד־בערג. מיט מיין קראַנקער האַנט איז מיר אויסגעקומען זיך אָנצוכאַפן אָן די קליינע בוימער, כדי נישט אַרונטערצופאַלן פון די אומבאַקאַנטע, הויכע בערג.

זייענדיק שרעקליך אויסגעמאַטערט און פֿילנדיק, אַז מיינע פֿיזישע כּוחות גייען אויס, האָב איך אָנגעפֿאַנגען אָפּשטיין פֿון מיינע באַגלייטער.

דער אַלטער צשאַלדאַן, וואָס איז פֿאַרפֿראָרן געוואָרן זיצנדיק אויף זיין פֿערד, און אַרומקוקנדיק, האָט ער באַמערקט ווי איך האָב זיך דערווייטערט, האָט ער זיך אומגעקערט און ווענדענדיק צו מיר מיט אַ נאַאיווע פֿראַגע:

„טשטאָ, אוסטאַל? — בערי סאַדים נאַ סעדלאָ, נאָ נע גאָניאַי קאָן!”

ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פֿערד, האָט אַ שטאַרקער צפֿון-ווינט אָנגעפֿאַנגען בלאָזן און ברעכן צווייגן פֿון די בוימער. דער טייך אַנגאַראַ האָט מוירעדיק געברומט. אַ שניידענדער שניי האָט אָנגעפֿאַנגען פֿאַלן פֿון הימל אויף מיין קאָפּ. אין עט־ליכע מינוט בין איך באַדעקט געוואָרן מיט אַ מאַנטל פֿון שניי. צוליב מיינע לייכטע, אייראָפּעאישע קליידער וואָס איך האָב גע־טראָגן, האָב איך לאַנג אויף דעם פֿערד נישט געקאָנט פֿאַרבלייבן זיצן.

דער פֿראָסט האָט דורכגענומען אַלע טיילן פֿון מיין קערפּער. מיינע פֿיס האָבן אָנגעפֿאַנגען פֿרירן. זייענדיק פֿאַרצאָרנט און שרעק־לעך פֿאַרצווייפֿלט, בין איך מעכאַניש אַראָפּגעשפּרונגען פֿון דעם פֿערד און איך האָב אָנגעפֿאַנגען לויפֿן אין דער פֿאַרפֿראָרענער וועלט.

דער צשאַלדאַן האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף זיין פֿערד, און גענומען נאָכלויפֿן נאָך מיר מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם; אָן אָן אויסרעכענונג בין איך אָפּגעלאָפֿן אַ גרויסע שטרעקע, ביז מיין קערפּער האָט זיך עטוואָס צעוואַרעמט.

די אויסערגעוויינלעכע שטאַרקע קלעפּ פֿון צובראָכענע שווי־מענדע שטיקער אייז אויף דעם טייך אַנגאַראַ, האָט מיר געמאַכט צופֿילן, אַז איך וועל שיין קיין לעבעדיקער פֿון דאַנען נישט אַרויס־קריכן, און איך האָב געפֿילט ווי אַוועקצולייגן זיך אויף דער האַר־טער פֿאַרפֿרוירענער ערד, בערג און שטיינער און אַנטשלאָפֿן ווע־

רען אויף אימער. אָבער מיין צשאַלדאַן, דער באַגלייטער, האָט גע־האַלטען אין איין וועקן מיר.

„ניע אָסטאַוואַי!„ — האָט ער מיר אימער נאָכגעשריען, ווען ער האָט באַמערקט אַז איך דערווייטער זיך.

וואָס מער דער בלויער הימל איז טונקעלער געוואָרן, אַלץ שטאַרקער האָט דער פראָסט גענומען ברענען. דער אייז האָט שמערצליך געצשיפּעט די הויט פון מיין פּנים. די האָר פון מיינע אויגן האָבן פון דעם פראָסט זיך געהאַלטן אין קלעפּן און פאַר־שטעלט מיר די שיין פון מיין פינצטערן וועג.

איך בין געגאַנגען אָן אַ טאָלק און אָן אַ רעכענונג. כדי צו שטילן מיין דאָרשט, האָב איך אויפגעהויבן עטלעכע שטיקלעך אייז און פּרובירט אָפּצונעצן מיין פאַרטריקנטן מויל.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. דער הימל איז געווען באַדעקט מיט אַ גראָען, טונקעלען טומאַן. ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה האָב איך קרעכצענדיק געקראָכן איבער פרישע אָנגעשאָ־טענע בערגלעך מיט שניי.

ווען איך האָב פון דער ווייטנס דערזען אַ פייערל, אַזוי מיר אויפן האַרצן לייכטער געוואָרן. מיט אַ פאַרצווייפלטע אָנשטריינ־גונג, האָב איך געהאַלטן אין איין קוקן אין דער לאַנגער ווייטקייט, פון וואַנען דער שיין פון אַ פּויערישן לעמפּל האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר וועלן באַלד אָנקומען אין דעם דאָרף זאימקע, וואו איך וועל קאָנען עטלעכע שטונדן אָנוואַרימען מיין דורכגעפראָרע־נעם קערפּער.

עס איז געווען פּונקט צוועלף אַזייגער ביי דער נאַכט, ווען איך און מיינע צוויי באַגלייטער זיינען אריינגעגאַנגען אין דאָרף. אַ טויטע שטילקייט האָט אין דערפל געהערשט. וואו־נישט־וואו, האָט אַ פייערל אַרויסגעשיינט פון אַ צשאַלדאַנישער הייזקע. אַריינקומענדיק צום צשאַלדאַן אין הויז, וואָס האָט מיר באַגלייט, בין איך ווי אַ פאַרטשאַדעטער אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד און איך בין געבליבן ליגן ווי אַ פאַראַליזירטער.

די צשאַלדאַנקע וואָס ס'האָט די טיר געעפנט פאַר מיר און מיינע צוויי באַגלייטער, האָט מיט אַ שנעלער באַוועגונג גלייך זיך

גענומען צו דער אַרבעט און פאַרזאָרגן דעם סאַמאָוואַר. אַבוואָל אירע אויגן זיינען געווען פאַרשלאָפן און פאַרצווייפלט, האָט די צשאַלדראַנקע מיר שנעל צוגעטראָגן אַ גלאָז ציגל־טיי. מיט גרויס מי האָב איך די גלאָז וואַסער אויסגעטרונקען. אין האַלדז האָט מיר געשטיקט; מיינע מאַנדלען זיינען פאַרקילט געוואָרן, און איך האָב קיין שפייז נישט געקענט אַרונטערשלינגען.

זייענדיק פאַרקילט, קראַנק און צובראָכן, האָט מען מיר אין דערפרי אָפגעשיקט נאָך דעם דאָרף גאַלטיאַווענאַ. נאָך דעם ווי איך האָב איבערגענעכטיקט אין דעם דאָרף און וועלנדיק פאָרזעצן מיין רייזע, האָב איך שווערע שטיינער באַגעגנט אין וועג. פאָרצו־זעצן די רייזע אויף דעם רעכטן ברעג אַנגאַראַ, האָט מען נישט געקאָנט. דער אמורער פאַראַג האָט די וועג אָפגעשניטן, און כדי צופאָרן ווייטער, האָב איך געמוזט אַריבערפאָרן דעם טייך אַנגאַ־ראַ און צוויי קליינע אינזלען, וואָס ליגן אין מיטן דעם טייך.

עס איז שוין געווען דער 14־טער אָקטאָבער 1909. דער גאַנ־צער טייך אַנגאַראַ איז געווען באַדעקט מיט אייז. וואו ניט וואו האָט מען באַמערקט קליינע פּאַלאַנקעס. די פויערים פון דאָרף האָבן זיך אַנטזאָגט מיר מיט מיין געפּאַרעמטן באַגלייטער, דעם סטראַזשניק איגנאַטיע צשאַרנאָבאַיעוו, אַריבערפירן איבער דעם טייך אַנגאַראַ; מורא־האָבנדיק צו ריזיקירן מיט זייערע לעבנס. דער סטראַזשניק וואָס האָט מיר באַגלייט, האָט מורא געהאַט צו פאַרבלייבן זעקס וואָכן צייט אין אַ פרעמדן דאָרף אָן אַן אורלויב, און דארום האָט ער געפּאָדערט און געצוואונגען די צשאַלדאַנעס פון דעם דאָרף גאַלטיאַווענאַ, אַז מען זאָל מיר מיט אים אַריבערפירן איבער דעם פאַרפראָרענעם, ברעכנדעם און שווימנדעם אייז, אויף דעם צווייטן ברעג פון דעם טייך אַנגאַראַ.

נאָך דעם ווי די צשאַלדאַנעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ זיצונג, האָבן זיי באַשלאָסן צו באַצאָלן 4 רובל צו אַ מיטגליד פון זייער געמיינדע, וועלכער וועט פרייוויליק זיך אונטערנעמען אַריבער־צופירן מיר מיט דעם סטראַזשניק, אויף דעם אַנדערן זייט טייך אַנגאַראַ.

אַן עלטערער צשאַלדאַן מיט צוויי דערוואַקסענע זין האָבן

אָנגענומען דעם פאָרשלאַג פון זייער דאָרפעשער געמיינדע. נאָכדעם ווי דער צשאַלדאַן מיט זיינע צוויי זין האָבן געמאַכט גרייט דעם קליינעם הילצערנעם שיף, און בעפאָר זיי האָבן פאַרנומען די ריכטיקע פאָזיציעס אין דעם שיף, האָבן זיי זיך איבערגעציילעמט; און האַלטנדיק אין די הענט לאַנגע שטעקנס מיט הוקס, האָבן זיי פלייסיק זיך גענומען אָפשטופן פון דעם פרעסנדן, שווימנדן אייז, די שווערע שווימנדע שטיקער אייז, וואָס האָט אַרומגערינגלט אונדזער הילצערנעם שיפל; און געהאַלטן אין איין באַראַבאַנעוון אין די זייטן פון אונדזער שווימנדער קוילע האָט אויפגעהויבן דער סטראַזשניק פון זיין אָרט, און אָנכאַפנדיק אַ שטעקן מיט אַ הוק, האָט ער שנעל אָנגעפאַנגען אָפשטופן דעם פרעסנדן, שווימענדן אייז פון שיף.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אונדזער שיף וועט באַלד צוריבן ווערן ווי אַ טרוקענער אַרבעס אָן אַ שטיינערנעם ווינט־מיל. זעענדיק ווי די נאַטור פירט אירע בייזע וואונדערס, האָב איך מעכאַניש אַ נעם געטאָן אַ הילצערנעם שטעקן מיט אַ הוק וואָס איז געלעגן און געוואַרט פאַר מיר, און שטייענדיק אויף די פיס מיט די איבעריקע פיר מאַטראָסן, און האַלטנדיק אין די הענט די הוקס, האָבן מיר ביטער געקעמפט מיט׳ן שווימנדן אייז.

דער שיפל האָט זיך געדרייט. דורך פאַרשיידענע אייז־פאַסטקעס האָבן מיר געפאָיזעט. עטליכע מאָל איז אונדזער שיף אַרומגערינגלט געוואָרן מיט שווערע שטיקער אייז און מיר האָבן געמוזט שווימען מיט דעם שטראָם, וואו דער שווימנדער אייז האָט דעם שיף געשטופט; ביז אונדז האָט זיך איינגעגעבן מיט גרויס שוועריגקייטן אַריבערצושווימען דעם ערשטן טייך אַנגאַראַ.

אַרויסקריכנדיק דער לעצטער פון דעם שיף, האָב איך אַ שטאַרקן שפרונג געטאָן און אַ גרויסער בערגל אייז, האָט זיך האסטיק אַ גליטש געטאָן צום לויזן וואַסער פון טייך. ווען דער טשאַלדאַן וואָלט אין דעם זעלבן מאָמענט נישט געווען מיר אָנכאַפן מיר פאַר אַ האַנט, וואָלט איך דערטרונקען געוואָרן צווישן די שווימנדע שטיקער אייז.

ווען מיר זיינען אַריבערגעשוואומען דעם צווייטן שמאָלן

טייך, איז אונדזער לאָטקע פּאַרטראָגן געוואָרן פינף מייל ווייטער אויף דער נידער. זייענדיק איצט אויף דעם אַנדערן זייט בערג פון דעם טייך אַנגאַראַ, און אַ קוק־טוענדיק צוריק, ווי די שטיקער אייז אויף דעם טייך פּלערטן און ברעכן בערג אייז, האָב איך מיט אַ רואיקן געמיט זיך געלאָזן אין וועג מיט מיין באַגלייטער — דעם סטראַזשניק.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דעם אַמורער פּאַראָג, האָט דער רוישן פון טייך אַנגאַראַ, זיך פאַרגרעסערט. דער שווימנדער אייז, האָט אין דעם פּאַראָג זיך געבראָכן און פון די מוראַ'דיקע קלעפּ, האָבן שטיקער אייז אָפּגעשפּרונגען און געפלויגן אין לופטן.

מיין באַגלייטער וואָס האָט איצט אַליין פאַרזוכט דעם טעם פון גיין צופוס, אַ שטרעקע איבער 20 וויאָרסט, האָט געהאַלטן אין שעלטן דעם ווינט; די שטיינער, וועלכע זיינען אים געלעגן אין וועג.

אריינקומענדיק שפּעט אין אָוונט אין דעם דאָרף פּשוטינע, האָט דער סטאַראָסטאַ פון דאָרף מיר מיט דעם סטראַזשניק פאַר־זאָרגט אַ דירה, וואו מיר האָבן געקענט איבערנעכטיקן. אריינקומענ־דיק צום פייער אין הויז, און אוועקזעצנדיק זיך אויף אַ האַרטער נאַרע, האָב איך זיך געפילט ווי אַ דערשלאָגענער. מיין האַנט האָט מיר וויי־געטאָן. די מאַנדלען פון מיין מויל זיינען געשוואָלן געוואָרן. איך האָב מיינע אייגענע שפּייעכץ נישט געקענט אַרונ־טערשלינגען.

דער סטראַזשניק האָט זיך גלייך פאַרזאָרגט מיט אַ קוואָרט בראָנפן, און אויך אַ דאָרפישע גרושה, און אָנטרינקענדיק זיך גוט, האָט ער מיט זיין נייער פּלוניתטע, זיך אויסגעבעט אויף דער פּאָדלאָגע און פאַרענדיקט זיין נייעם קאַפּיטעל פון דורכרייזנדע ראָמאַנען און מעלאָדראַמעס.

אין דער פרי, ווען איך האָב זיך געמאַכט גרייט אין וועג, האָט מיין וואַכמאַן צוגעפירט פאַר מיר אויך אַ פערד. דער צשאַל־דאַן האָט מיך פאַרזאָרגט מיט אַ זשופּיצע,—אַזאַ פּעלץ, אויסגעאַר־בעט פון אַ הירשענער פעל. זייענדיק איצט מער באַשיצט פון דעם קאַלטן וועטער, האָב איך זיך אוועקגעזעצט אויף דעם אַלטן פערד;

און מיט די צוויי רייטנדע באַגלייטער, האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג; און דורך סיבירער טייגא׳ס גדיכטע וועלדער, האָבן מיר געבראָדיעט דורך פאַרשיידענע סטעזשקעס, און בעפאָר דער טאָג איז פאַריבער, בין איך מיט מזל אָנגעקומען אין מיין דאָרף קלימנאַ.

מיין אַלטע דירה האָב איך צוריק נישט געקראָגן. דער צשאַל־דאַן מיכאאיל קוזמיטש ברוכאַנאָוו, האָט מורא געהאַט אַז איך וועל ווייטער קראַנק ווערן, און האָבנדיק פאַראורטיילע, אַז איך וועל אים קיין גליק נישט ברייננגען פאַר זיין הויז און פאַמיליע, און אַלץ וועט אים אָוועקגיין מיט די פוטער אַראָפּ, האָט ער זיך אָנטזאָגט צו פאַרדינגען מיר צוריק זיין צימער. אָן שוועריקייטן האָב איך אַ נייע באַקוועמע דירה געקראָגן ביי דעם רייכסטן פויער אין דאָרף.

מיינע פאַרקילטע מאַנדלען האָבן מיר שרעקליך וויי־געטאָן. איך האָב קיינע שפּייז נישט געקאָנט אַרונטערשלינגען. מיין נייע באַלעבאָסטע, וועלכע האָט געוואָרפן פריינדלעכע בליקן אין מיין ריכטונג, איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט וועגן מיין צושטאַנד. נישט האָבנדיק קיינע מעדיצינישע הילפע, האָב איך זיך אָפּגעזונדערט פון די שטוביקע, און פאַרשפאַרנדיק זיך אַליין אין מיין צימער, האָב איך געהאַלטן אין איין זיך ווערגן, ווען איך פלעג פּרובירן אַרונטערשלינגען אַביסל אָנגעוואַרעמטע מילך, וואָס די באַלעבאָס־טע פון הויז פלעגט מיר אָפט צוברייננגען. און אַזוי האָב איך זיך אָפּגעמוטשעט איבער אַ וואָך, ביז די געשווילאַכטש איז אָפּגעגאַנ־גען און איך האָב אָנגעפאַנגען אַרונטערשלינגען שפּייז אָן וויי־טאָקן.

די קאַזיאָנע לערערין מאַרי, וואָס איז איינגעשטאַנען אין דער־זעלבער הויז, האָט פּרובירט מיט מילדע ווערטער מיר טרייסטן, אַרומנעמענדיק מיר, האָט זי ווי אַ מוטער געגלעט מיינע האָר. איך בין אָבער געווען שרעקלעך פאַרצאָרנט פון מיינע קראַנקע מאַנד־לען און ווייניק געגענזייטיקע דאַנקבאַרקייט האָב איך אַרויסגע־צייגט צו דער ליבלעכער לערערין מאַרי.

פערצנטער קאַפּיטל

דורכפאַל צו אַנטלויפן

עס האָט גענומען פיל צייט ביז איך האָב זיך געמאַכט גרייט צו אַנטלויפן פון סיביר. די רייזע איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן, און ביז איך האָב באַקומען די סומע געלט, זיינען עט־ליכע מאָנאַטן פאַרבייגעלאָפן. איך האָב אויך געמוזט אָפּגעבן פילע צייט צו אויסשטודירן אויף וויפיל ניִשט איז, די לאַנגע און אומ־באַקאַנטע וועג, איבער וועלכער מיר איז איצט אויסגעקומען צו מאַכן דעם ערוואַרטעטן ויברך.

איך האָב אויך געמוזט אָרגאַניזירן אַ פּערסאָנאַל פון עטליכע חברים, וועלכע האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפן אין איין צייט צו־זאַמען מיט מיר; וואָרום פּרובירן אַליין צו אַנטלויפן פון סיביר, וועגן דעם איז גאָרנישט געווען וואָס צו טראַכטן. קיין איינער פון אונדזערע פאַרשיקטע חברים, האָט ניִשט געוואַגט אַליין צו אַנט־לויפן פון סיביר. אייניגע חברים זיינען אַנטלאָפן פון אַנגאַרסקין געגנט צו צוויי און דריי אין אַ גרופּע.

ווען אַלע פּלענער פון מיין רייזע איז פאַרטיק געוואָרן, און איך האָב געהאַט אַ גוטן טעאָרעטישן באַגריף דורך וואַסערע אמו־רער דערפער און וועלדער איך וועל דאַרפן וואַנדערן, כדי זיך אַ־רויסצורייסן פון דער איינזאַמער מאָנאָטאָנער, ווילדער נאַטור, האָב איך אין אַ געוויסן אָוונט, יולי, 1910, פאַרבעט מיין נאַכט־געלעגער אין מיין צימער. אונטער דער קאָלדרע האָב איך אונטער־געלייגט צייטונגען און עטלעכע אַלטע קליידער, וואָס איך האָב גע־מוזט איבערלאָזן. איך האָב געמוזט מאַכן דעם איינדרוק, אַז אין דער פרי, ווען דער סטראַזשניק וועט קומען צו רעווידירן און ער וועט אַריינקוקן דורך דעם שויב פון פענצטער, וועט ער דענקען

אז איך שלאף נאך און ער וועט נישט פארנאנדערטראגן די נייס און ארגאניזירן א יאגד־עקספעדיציע נאך אונדז.

ווען איך בין פארטיק געווארן און אויסגעפוצט מיין נאכט־געלעגער מיט א פאלשן טשוטשעלא, און ווען אלע פרימעטיווע צשאלדאנעס אין דארף האבן שוין געשלאפן, האב איך און חבר גיל קראנט, דאוויד יוד און איגנאטי דאוועשוק, האבן מיר זיך איינציגווייז ארויסגע'גנב'עט ארונטערלאזנדיק פון דעם הויכן זאמדיקן בארג און אנכאפנדיק דעם ערשטן הילצערנעם צשאלדאנישן שיף, האב איך מיט מיינע איבעריקע דריי חברים, זיך ארייגעזעצט און ווי די טייוואלים, האבן מיר שנעל זיך גענומען אפטראגן.

מיט די הילצערנע וועסלעס האבן מיר געארבעט שנעל. אונדזער שיף איז געשוואומען אין דער ריכטונג פון דעם שטראמנדן וואסער פון דעם טייך אנגארא. צווישן די הויכע וואלד־בערג, האבן בלויע, ליכטיקע הימל פאסן באצירט דעם גאנצן האריזאנט. די ריטמישע און שטראלנדע באלייכטונג פון דער ווילדער נאטור, האט זיך אפגעשפיגלט יענע נאכט אין דעם אפגרונט פון טייך.

מיין דארף קלימענא מיט עטליכע הילצערנע הייזלעך, צוזאמען מיט די שטראלן פון דעם זאמדיקן בארג, האט ווי א לעבעדיקע בילד געשוועבט אין אפגרונד פון טייך בעפאר מיינע אויגן. מיט דעם שנעלן יאגן אונדזער הילצערנעם שיף, זיינען מיר אין צוויי שטונדע רייזע איבער דעם טייך אנגארא, אנגעקומען בעפאר די אמורער פאראגעס.

אריבערפארנדיק דעם טייך, אנטקעגען דעם דארף פאשוטינא, און נעמנדיק זיך אין דער אמורער וועג, האבן מיר געמאכט א נישט אויסגערעכנטן טעות; אנשטאט דערטרינקען אונדזער הילצערנעם שיף, כדי אונדזערע פארפאלגער זאלן נישט וויסן אויף וואסער וועג מיר זיינען אנטלאפן, האבן מיר דעם ליידיקן שיף אפגעלאזן צווישן די שטורמדיקע אמורער פאראגעס; דיינקנדיק, אז די אויסערגעוויינלעכע, גרויסע כוואליעס, וועלן דערטרינקען דעם שיף. אבער מיר האבן זיך אפגעטארט. דער ליידיקער שיף איז נישט דערטרונקען געווארן און מיר האבן זיך אליין פארשאטן.

דעם שפּור וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך, האָט גע־געגעבן אַ געלעגנהייט אונדזערע פאַרפאָלגער, נאָכצויאָגן אונדז אין דער ריכטיקער וועג. נישט באַגרייפנדיק אַז מען יאָגט אונדז נאָך, האָבן מיר אָנגעפאַנגען אונדזער באַקאַנטן מאַרש. ניט זייענדיק געניט מיט די צענדליקער אומבאַקאַנטע וואַלד־סטעזשקעס, אויסגע־טראָטן פון צשאַלדאַנישע וואַלד־יעגער, האָבן מיר דעם ערשטן טאָג געבלאָנדזשעט און אָנגעלייגט אומזיסטע וועג; אחוץ וואָס מען מוז זיך היטן פאַר אַ סיבירער וואַלד - צשאַלדאַן, האָבן מיר די גרעסטע געפאַר אויסגעשטאַנען צוריסן צו ווערן פון אַ סיבירער ווילדן וואַלד־בער. קיין ביקסן האָבן מיר מיט זיך נישט געהאַט. די איינציקע געווער וואָס מיר האָבן מיט זיך געפירט, איז געווען 4 פינישע מעסערס, קינדזשאַלן אָנגעשאַרפט אויף ביידע זייטן. האַל־טענדיק דעם מעסער אימער גרייט, האָבן מיר זיך געטרייסט און גע־לעבט מיט דער האָפנונג, אַז אין פאַל מיר וועלן בעפאַלן פון אַ ווילדן וואַלד־בער, וועלן מיר זיך פאַרטיידיקן מיט די מעסערס.

יעדע באַוועגונג אין וואַלד, האָט אונדז זייער נערוועז גע־מאַכט. דער קריכן איבער שפּיציקע, הויכע שטיינערנע בערג, האָט אונדז די פיס אויסגעדרייט, וואו פוזירן האָבן זיך אָנגעבלאָזן אויף די טריט פון מיינע פיס.

קריכנדיק צווישן געוויקסיקע הויכע גראָזן, און איבער קיי־לעכדיקע שטיינער, וועלכע זיינען געווען באַדעקט מיט אַ פליסיקן גרינעם טייך־סם, האָב איך אָנגעפירט אַ קאַמף מיט די טאַבינעס, מאַסקאַטאָס. נישט האָבנדיק געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, און נישט וויסנדיק וויפיל מייל, מיר דאַרפן נאָך גיין כדי צו דערגרייכן דעם ערשטן דאָרף פון אַמורער געגנד, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ברעג פון טייך און מיר האָבן טיי פאַרזאָרגן, מיט שטיקלאָך האָלץ וואָס מיר האָבן אין וואַלד צונויפגעקליבן. מיר האָבן אויך באַשלאָסן אַז איינער פון אונדז זאָל שטיין אויף דער וואַך, און דריי חברים פון אונדזער גרופּע זאָלן זיך דורכשלאָפן.

דערהערנדיק אַזאַ געשפּרעך, האָב איך גלייך אַ פאַל געטאָן אויף דעם פייכטן וואַלד־גראָז און איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ גע׳הרג׳עטער. אונדזער וואַכמאַן איז זיצנדיקערהייט אויך אַנ-

שלאָפן געוואָרן. איך ווייס נישט באַשטימט, ווי לאַנג מיר זיינען געשלאָפן. אָבער דער קלונג פון אַ דורכפאָרנדן צשאָלדאָן, אויף וועמנס פערד'ס האַלדז איז געהאנגען אַ גלאָק, האָט אונדז דער־פרייט. מיר האָבן זיך געלאָזן גיין שנעל צו דער ריכטונג פון וואַנען דער גלאָק קלאַנג איז געקומען; וואָרום מיר האָבן באַשטימט נישט געוואוסט אויף וואסער וועג זיך צו נעמען.

ווען מיר האָבן אָנגעיאָגט דעם צשאָלדאָן, און פרעגנדיק אים ווי ווייט מיר דאַרפן נאָך גיין צום ערשטן דאָרף בוזיקאַנאָוואַ, האָט ער אונדז געענטפערט: „איבער צוואַנציק וויאָרסט"—אויף אונדזער ביטע, האָט דער פויער איינגעשטימט צוצופירן אונדזערע קליי־נע פעקלעך; וואָרום ער אַליין איז אויך געפאָרן אין זעלבן דאָרף.

רייטנדיק אויף זיין פערד, איז דער סיבירער צשאָלדאַן געפאָרן פאָראויס, און מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען. אָנקומענדיק שפּעט אין אָוונט אין דעם דאָרף בוזיקאַנאָוואַ און אריינגייענדיק אין אַ פּוי־ערשע הויז און אָפּזיצנדיק עטליכע מינוט אויף איין פּלאַץ, האָב איך מיין גאַנצן קערפּער מער נישט געקאַנט רירן ;ווי אַ פּאַראַלי־זירטער בין איך געבליבן זיצן . די ביינער פון מיין גאַנצן קער־פּער האָבן מיר שרעקליך ווייגעטאָן. מיר זיינען געווען געצוואונגען צו פאַרבלייבן איבער נאַכט אין דעם דאָרף. אין דער פרי, האָבן מיר געדונגען אַ פּויער אַלס וועג ווייזער מיט פיר פערד.

איך מיט מיינע איבעריקע חברים האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף די פערד, און מיט אַ שנעלער באַוועגונג, האָבן מיר זיך אוועקגעלאָזן מיט די פערד גאַלאָפּ אין וועג.... די פּויערשע באַ־פעלקערונג פון אָמורער־רעגנד, האָבן זיך באַצויגן זייער פריינט־לעך צו אונדז, אָנגעבנדיק זיך אַלס דורכרייזנדע פאָרשער, האָט קיינער פון זיי נישט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו פרעגן אונדז פאַר אַ פּאַספּאָרט, און מיר האָבן זיך אָפּגערהייד אויסגעמישט מיט די נייגעריקע יונגע און אַלטע צשאַלדאַנעס, וועלכע האָבן זיך צוזאַ־מענגעקליבן פון אומעטום; און באַגעגנט און גוט באַטראַכט וואָס פאַראַלייצים מיר זיינען.

פאַר דער קורצער צייט וואָס איך האָב געלעבט אין מיין דאָרף קוימענאַ, האָב איך שנעל איבערגענומען די שפּראַך און פאַר־

שיידענע פּאָלקסטימלעכע צאָלדאַנישע אויסדריקע, און באַנוצנדיק איצט צווישן די צשאָלדאַנישע מחנות, וועלכע האָבן אונדז באַגעגנט האָבן מיר גוט אויסגענומען ביי די פּויערים. אַ גרויסע גרופּע פון יונגע צשאָלדאַנקעס, האָבן אונדז ארומגערינגעלט און מיר האָבן זיך נישט געקענט אָפּטשעפּן פון זיי.

אויפ'ן צווייטן טאָג, ווען איך האָב פאַרלאָזן אַ געווויסן דאָרף, וועמעס נאָמען איך קאָן זיך נישט ערינערן, און ארויפזעצנדיק זיך אויף אַ פערד, האָב איך פּרובירט נאָכצופּאָלגן מיינע איבעריקע קאַמעראַדן, וועלכע האָבן זיך אָוועקגעלאָזן אויף די פערד אין וועג, בין איך גלייך ענטוישט געוואָרן: מיין יונגער פערד האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. נאָך דעם ווי איך האָב זיך מיט דעם פערד אָפּגעמוטשעט איבער צען מינוט, און האַקנדיק אים מיט די שפּאָרן פון זאָטל אין די פערדישע זייטן; האָט דער פערד אומערוואַרטעט, זיך געלאָזן לויפן ווי דער ווינטער אין פעלד, גאַלאָפּירנדיק איבער אַ קלאָרער שטיק לאַנד, האָב איך אָנגעיאָגט מיינע חברים, מיט אונדזער געדרונגענעם וועג־ווייזער; און וועלנדיק איבערצייגן מיינע חברים, אַז איך בין אַ גוטער פערד־רייטער, האָב איך זיי פאַרלאָפן דעם וועג און מיט אַ שנעלער און דרייסטער באַוועגונג, האָב איך זיך שנעל אָוועקגעלאָזט פאַראויס, — ווי דער ווינט אין פעלד.

נישט אָפּהאַלטענדיק דעם פערד פון זיין ווילדן געלאָף, און האָבנדיק פאַרגעניגן וואָס מיין פערד לויפט אזוי שנעל, בין איך פאַרלאָפן צווישן גערדיכטע, קיילעכדיקע, שטיינער, באַוואָקסן מיט גראָז. פון דער ערדישער פליסיגקייט האָט זיך מיין פערד אויסגעגליטשט. ווען איך בין צוזאמען מיט מיין פערד געפאַלען, האָב איך געפילט אַז דער יונגער פערד וועט מיר דערשטיקן, אָבער גליקלעכערוויזע, בין איך נישט באַשעדיקט געוואָרן.

ווען מיינע חברים האָבן פון דערווייטנס דערזען וואָס מיט מיר האָט געשען, האָבן זיי רייטנדיק אויף די פערד, שנעל צוגעלאָפן און זעענדיק ווי איך שטיי אויף די פיס אַ פאַרלאָרענער, און האַלט זיך אין עקזאַמינרן מיינע ביינער, צו איך לעב נאָך, האָבן

זיי זיך צולאַכט מיט אַן ענטריסטישער אַטאַקע; — האָב איך זיי גלייך די מיילער פאַרמאַכט.

קיין פיל נחת האָב איך פון דעם פערד נישט געהאַט. אָפּ־פאָרנדיק אַ האַלבע שטונדע און גייענדיק באַרג אַרויף, דורך אַ גע־דיכטן וואַלד, האָט דער פערד פּלוצלונג זיך גענומען דרייען די רימנס, וואָס ס'האָט איינגעשטייפט דעם זאָטל צום פערד'ס רוקן איז געוואָרן לויז; און איך בין געבליבן הייגען מיט דעם זאָטל אויף דעם פערד'ס רעכטער זייט. מיינע פיס מיט די שפּאָרן פון זאָטל זיינען געווען פאַרריסן צום פערד'ס קאָפּ. דער פערד האָט זיך געדרייט מיט די לייצעס, וואָס איך האָב אין מיינע הענט געהאַלטן. איך האָב אים אין זיין מאָרדע מיט די אייזנס שטאַרק געשניטן, ביז דער פערד האָט אַ שטאַרקן שפּרונג געטאָן, אויף די הינטערשטע פיס און אָפּקומענדיק מיט אַ לייכטן גלעט פון דעם פערד'ס פוס, בין איך אַרויסגעפאַלן פון זאָטל.

אונדזער וועג־ווייזער האָט שנעל אָנגעיאָגט מיין אַנטלויפנדן פערד, און נעמענדיק אים אין זיינע הענט, האָט דער פּויער מיר איבערגעגעבן זיין אַלטן פערד, און אין אַ גליקלעכער שעה זיינען מיר אָנגעקומען אין דעם דאָרף צשערוויאַנקע.

אויף דעם צווייטן טאָג נאָך דעם ווי איך און מיינע חברים זיינען אַנטלאָפן פון דעם דאָרף קלימענאַ, האָט דער סטראַזשניק איגנאַטיע צשאַרנאָבאַיעוו, פאַרנאַנדערגעשפּרייט די נייעס וועגן אונדזער אַנטלויפן. דער פּריסטאַוו וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער אַלע פּאָליטישע פאַרשיקטע אין אַנגאַרסקין געגנט, איז גראָדע אין יענעם טאָג אונטערגעקומען מיט זיין באַוואָפנטער באַנ־דע צו די אַמורער פאַראַגעס, און אויסגעפינענדיק פון אַן עקסטרא רעפּאָרט, אַז אַ פּאָר פּאָליטישע פאַרשיקטע זיינען אַנטלאָפן געוואָרן און דערצו נאָך דריי אידן, איז ער ווילד אויפגערייצט געוואָרן, און ער האָט זעלבסט געוואָלט איבערנעמען די קאָמאַנדע פון אונדזער פאַרפאָלגונג. אָבער זיין רעגירונגס־אַמט און זיין באַגרעניצטע צייט, האָט אים נישט דערלויבט אָנצופירן אַ באַוואָפנטע עקספּעדיציע.

כדי אָנצוויאָגן און אומקערן אונדז צוריק אויפן אָרט, האָט דער פּריסטאַוו באַשטימט דעם סטראַזשניק וולאַדימיר מיכעלסאָן,

פון דעם דאָרף גאַלטיאַווינע, וועלכער האָט געהאַט אַ רעפּוטאַציע ביי די פּאָליטישע פאַרשיקטע, אַלס אַ ביטערער פיינטסטערלינג און שרעקליכער פאַרפאַלגער פון אונדזערע פאַרשיקטע חברים.

דער פאַרדאַמטער כלב, האָט זיך אונטערגענומען צו ברייננגען אונדז צוריק; אויב נויטיק נישט קיין לעבעדיקע. דער כיטרער קערל האָט געהאַלטן. וואָרט מיט אַ טייוולישער שנעלקייט האָט דער סטראַזשניק מיכעלסאָן באַוואַפנט אַן עקסטרא אָפּטיילונג פון צשאַלדאָנעס. אַלע ווינקלען פון דער געדיכטער טאַיגאַ, איז פאַר-פלייצט געוואָרן מיט נייגעריקע, נאַאיווע סיבירער פּויערים, וועלכע זיינען געצוואונגען געוואָרן ארויסצוהעלפן דער לאָקאַלער אדמי-ניסטראַציע, אין אַזוינע אויספאָרשונג אונטערנעמונגען.

וויסנדיק פאָרויס, אַז מיר זיינען אַנטלאָפן דורך דעם לאַנד לאַנד אמור, האָט דער סטראַזשניק מיט זיין באַנדע ניט פאַרלאָרן צייט, און רייטנדיק מיט די בעסטע פּויערשע פערד; טאָג־און־נאַכט, האָט דער סטראַזשניק אויף דעם פערטן טאָג, אָנגעפאַנגען זיך דער-נענטערן צו אונדזער גרופּע. אין יעדן דאָרף וואו מיר זיינען דורכגעפאָרן, האָבן זיי געקראָגן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע, אויף וואָס פאַר אַ וועג מיר זיינען אַוועק.

אָפּפאָרנדיק פון דעם דאָרף צשערוויאַנקע צען וויאָרסט מיט אַ לאָקאַלן פּויער, וועמען מיר האָבן געדונגען פאַר צוואַנציק רובל, אַז ער זאָל אונדז אָפּפירן אַ שטרעקע פון אַכציק וויאָרסט דורך אַ געדיכטן וואַלד, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין וועג צו פאַרזאָדן אַ טשייניק טיי.

די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע און ארייננגייענדיק אין אַ הילצערנער ביידל וואָס מיר האָבן געטראָפן אין געדיכטן וואַלד, האָב איך אודערוואַרטעט דערהערט אַ שרעקלעכע שיסעריי. אין אָנפאַנג האָב איך געדיינקט, אַז מיר זיינען באַפאַלן געוואָרן פון אַ באַנדע בראָדיאַגעס. עס האָט לאַנג נישט גענומען און דער סטראַזש-ניק וולאַדימיר מיכעלסאָן, האָט זיך אריינגעריסן אין אונדזער היל-צערנער ביידל. אין זיין רעכטע האַנט, האָט ער געהאַלטן אַ בלויזן שווערד, און אין זיין לינקער האַנט, אַ רעוואָלווער.

מיט אַ ווילדער שטימע האָט ער גערעוועט:

„שלאָג, שטעך און שיס!"

דערזעענדיק דעםווילדן רצוח, האָב איך גלייך מיין פֿאַלשן פּאַספּאָרט געוואָרפֿן אין פֿייער. נאָכדעם ווי מען האָט פֿון אונדז צוגענומען די פֿינישע קינזשאַלן, האָט מען אונדז געבונדן די הענט און אַריינזעצנדיק מיך מיט נאָך אַ חבר אין דעם הילצערנעם וואָגן וואָס איז געפֿאָרן אויף צוויי רעדער, אַרומגערינגלט מיט אַ דרייסיק רייטנדע, באַפֿאַנטע צשאַלדאַנעס, האָט מען אונדז אָפּגעפֿירט מיט גרויס פּאַראַד אין דעם דאָרף באַגוטשאַנסקאיע, אַנגאַראַ.

אין באָגוטשאַנער דאָרפֿישער קאַטאַלאַשקע, האָט מען אונדז אָפּגעהאַלטן פֿערצן מעת־לעת. אין אַן איינגן, פֿינסטערן צימער האָבן מיר זיך געוואַלגערט אויף דער הוילער פּאָדלאָגע, וואָרום אויף דער נאַרע איז נישט געווען גענוג פּלאַץ פֿאַר אַלע חברים. נאָכדעם ווי דער באָגוצשאַנער פּריסטאַוו האָט דערהאַלטן די נויטיקע פּאַפּירן פֿון דעם קראַסנאָיאַרסקין גענעראַל־גובערנאַטאָר, האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מען וועט אונדז אָפּשיקן צוריק אין די זעלבע דערפֿער.

אָפּפֿאָרנדיק פֿון דעם דאָרף באַגוטשאַ האָט אין אונדזער גרופּע זיך געפֿונען דער אַדמיניסטראַטיווער פֿאַרשיקטער פּייוול פֿרידלענדער, פֿון טשענסטאָכאָוו, וועלכער איז איצט געפֿאָרן פֿון באָגוטשאַנער שפּיטאָל, זיך נאָר - וואָס אויסגעהיילט פֿון אַ קויל־וואונד, וואָס ער האָט געקראָגן אין זיין דאָרף פֿון אַ צשאַלדאַן.

אָפּשטעלנדיק זיך אין דעם דאָרף זאַימקע, האָט דער חבר פֿרידלענדער זיך צופֿעליק געטראָפֿן מיט אַ פּוילישן פֿאַרשיקטן, וועלכער האָט געהאַט אַן אַלטע קריוודע געגן דעם פֿאַרשיקטן פֿרידלענדער, פֿון זיין אַלטער היים, און נישט קענענדיק זיך אָפּרעכענען מיט אים, האָט דער פּוילישער פֿאַרשיקטער אָנגעשטעלט דעם קרימענעלן פֿאַרשיקטן וועלכער איז געווען צו אונדז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען — יאָזעף. אַרויספֿאָרנדיק פֿון דעם דאָרף זאַימקע, האָט דער פֿאַרשיקטער יאָזעף, מיט דעם פֿאַרשיקטן פֿרידלענדער פֿאַרפֿירט אַ געשלעג. די ענדע איז געווען אַ שרעקלעכע: ביידע פֿיזיש שטאַרק געבויט, האָבן אחזריות'דיק זיך גע'ממית'ט, ביז זיי זיינען פֿון דעם הילצערנעם שיף אַריינגעפֿאַלן אין וואַסער.

נאָכדעם ווי מיר האָבן די נאַסע הענער ארויסגעשלעפּט פון וואַסער, האָבן מיר אַריינגענומען דעם אדמיניסטראַטיוון פאַר־שיקטן פרידלענדער, אין אונדזער שיף, האָפנדיק אויסצומיידן אַן אַנדער קריג צווישן זיי. אונדזער מי איז אָבער געווען אומזיסט. דער באַליידיקטער פרידלענדער, האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן און ארויסשפּרינגענדיק פון אונדזער שיף, איז ער אוועקגעלאָפן צום צווייטן שיף וואו זיין געגנער יאָזעף איז געפאָרן, און אָנכאַפּנדיק די לאַנגע שטריק פון שיף וואָס אַ צשאַלדאַן האָט געשלעפּט אויפ'ן ברעג און צושלעפּנדיק די שיף צום ברעג, איז אַ נייע קריג אויסגעבראָכן צווישן די צוויי געגנער.

אַ שרעקלעכער קאַמף איז געפּאַכטן געוואָרן צווישן זיי. די פּאָליציי וואָס האָט אונדז באַגלייט האָבן קיין שום פאַרזוך נישט געמאַכט אָפּצושטעלן דעם ברוטאַלן ברודער־קאַמף. דער פאַר־שיקטער יאָזעף האָט פאַרלאָרן דעם האַנט־צום־האַנט קאַמף. אַריינ־גייענדיק צוריק אין זיין שיף, האָט דער פאַרשיקטער יאָזעף זיך געשוואָרן, אַז ווי ער וועט נאָר אָנקומען אין דעם דאָרף גאָלטיאַווי־נע, וועט ער דערשיסן דעם פאַרשיקטן פרידלענדער.

עס האָט לאַנג נישט גענומען און אונדזער גרופּע איז צוגע־שוואומען צו דעם אויבנדערמאָנטן דאָרף. אונדזער גרופּע איז באַ־געגנט געוואָרן פון דעם סטראַזשניק וולאַדימיר מיכעלסאָן. דער סטראַזשניק מיכעלסאָן, האָט גלייך אָנגעפאַנגען באַליידיקן מיט די שמוציגסטע נעמען, דעם נאָך נישט באַרואיקטן חבר פייוול פריד־לענדער. נישט קאָנענדיק אויסהאַלטן די ביטערע אַטאַקע, האָט דער חבר פרידלענדער אַריינגעפאָרן אַ פייערדיקן פּלעם אין דער כולי־גאַנישער מאָרדע. דער סטראַזשניק מיכעלסאָן, האָט זיך גלייך אַי־בערגעקוליעט, און אויפהויבנדיק זיך צוריק פון דער ערד, האָט ער אַרויסגעשלעפּט דעם שווערד פון זיין לעדערנער שיידל, און אַ שרעקליכער קאַמף אויף לעבן און טויט, האָט זיך אָנגעפאַנגען צו באַזיצן דעם שווערד. עטליכע מינוט האָבן זיי זיך געראַנגלט.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז אונדזער חבר וועט באַזיגן דעם פּלינקן הינטעשן כוליגאַן, אָבער אומדערוואַרטעט, האָט חבר פריד־לענדער אָפּגעטראָטן פון דעם באַפּאַפנטן סטראַזשניק, און מיט אַ

בלייכן געזיכט, האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר זיין זייט און פאַלנדיק אויף די קני, האָט דער אומגליקליכער קרבן פון ניקאָלאַי'ס היינקער, גענומען זינקען צו דער ערד.

ווען איך בין צוגעלאָפן צו דעם טויט־פאַרוואונדעטן חבר, האָב איך דערזען אַן אָפענעם שניט אויף זיין לינקער זייט. איינער פון די דאָרפישע פויערים האָט מיטגעטיילט די איבעריקע צוויי סטראַזשניקעס פון דאָרף, אַז די פּאָליטישע האָבן געשלאָגן דעם סטראַזשניק מיכעלסאָן. זייענדיק האַלב שיכור, זיינען די סטראַזשניקעס געקומען צו לויפן און זיי זיינען גרייט געווען אונדז אויסצושיסן.

מיט גרויס מי, האָבן מיר קוים איבערצייגט די שיכור'ע טייוואָלים, אַז דער סטראַזשניק מיכעלסאָן, האָט פון אונדזער עטאַפּ אַ חבר דערשטאָכן. דער מערדער מיכעלסאָן איז אוועקגעלאָפן צו זיך אין הויז און נעמענדיק מיט זיין ביקס, איז ער צוריק געקומען צו לויפן און שטייענדיק אויף אַ הויכן באַרג, האָט ער פון דערווייטנס געהאַלטן אין איין אויסשרייען און פּאַכן מיטן בלויזן שווערד אין דער לופטן: — אַז ער דינט געטריי דעם קסר ניקאָלאַי און דער פאָטערלאַנד, און אַז ער וועט אונדז באַלד אַלעמען צושיסן.

אויפ'ן טייך אַנגאַראַ האָט זיך פאַרשפּרייט אַ צפון־ווינט, און שרעקלעכע, ברויזנדע כוואַליעס, האָבן זיך גענומען קייקלען צום ברעג. דעם דערשטאָכענעם חבר האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ הילצערנעם שיף, אָן קיינע מעדיצינישע הילף און מען האָט אים צוריק אָפּגעשיקט אין באָגוטשאַנער דאָרפישן שפּיטאָל.

דעם 14־טן אווגוסט, 1910, איז דער אומגליקלעכער קרבן געשטאָרבן פון דעם טויטלעכן וואונד און איז באַערדיקט געוואָרן אויף דעם פויערשן, באָגוטשאַנער בית־עולם.

אונדזער גרופּע האָט מען אַריינגעטריבן אין אַ הילצערנעם שיף. דער וואַסער אויף דעם טייך אַנגאַראַ האָט זיך געוואָרפן. אַ טונקעלע כמאַרע האָט זיך אויף דעם הימל פאַרצויגן. די שיכור'ע סטראַזשניקעס האָבן ניט ריזיקירט צו פאָרן צוזאַמען מיט אונדז אין דעם שיף, און אונטער דער באַגלייטונג פון צוויי צשאַלדאָנעס,

האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין דעם דאָרף פּאָשוטניע.

ווען מען האָט מיר צוריק אין מיין דאָרף קלימענא געבראַכט, האָבן די צשאַלדראַנעס גאַנץ פריינטליך מיר באַגריסט. דער פּויער וועמענס שיף מיר האָבן צוגע׳גנב׳עט די נאַכט ווען מיר זיינען אַנטלאָפן, האָט זיך אביסל געבייזערט:

— „וואָרום גראָדע מיין שיף, איז אייך געפעלן געוואָרן? — נישט געקענט האָט איר צוגאַנוועגען אַ שיף ביי וואַסילי ברוכאַנאָוו, וואָס פאַרמאָגט דריי שיפן? ״ — האָט ער געהאַלטן אין איין טענה׳ן. ער האָט זיך אָבער גלייך איבערגעבעטן.

זייענדיק באַקאַנט מיט זייערע פּרימיטיווע זיטן, האָב איך אינטימלעך געטריבן שפּאַס מיט זיי .דער צשאַלדראַן מיכאַאיל קוז־מיטש ברוכאַנאָוו, אין וועמעס הויז איך האָב צוויי בעזונדערע צימערן פאַרנומען, האָט זיך אָפּגערופן צו מיר:

„דו מוזט אונדז נישט ליב האָבן, און דערפאַר ביזטו אַוועקגע־פאָרן אָן אַ זיי־געזונט; זיינען דען מיר נישט גוט געווען צו דיר? — אָך, יאַקאָב, יאַקאָוו!״ — האָט די עלטערע צשאַלדראַנקע אַלעקסאַנ־דרע, מיט גרויס פרייד אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— „איך זאָג דיר דעם אמת, איך האָב זייער געבייגקט נאָך דיר; דו ביזט שוין ביי מיר אין הויז געווען פאַררעכנט ווי אַן אייגן קינד; אָבער ווער קאָן זיך פאַרגלייכן צו אייך? — איך זייט דאָך געלערנטע מענטשן, און מיר פּראָסטע פּויערים, וואָס ווייסן מיר? — גאָרנישט. איך פאַרשטיי, דו מוזט געווים בייגקן נאָך דיין מאַמען, נאָר אַז דו ביזט צוריקגעקומען, ביזטו ביי מיר אַ גוטער גאַסט. איך גיי באַלד אויסבאַקן קאָרענע פּלעצלעך מיט רויטע אָסטרינען ־ פּיש. איך ווייס אַז דו גלייכסט די רויטע פיש און מיר וועלן היינט פּראַוון אַ סעודה.

פופצנטער קאַפּיטל

האַרבסט 1911

מיינע ענדלעכע מעלאַנכאָלישע, ליידנשאַפטלעכע שטרעבונגען, צו פּרובירן אַ צווייטן מאָל אַנטלויפן פון סיביר, האָבן לאַנגזאַם אָנגעהויבן פאַרלירן זייער פּראַקטישע באַדייטונג.

פון די פיר יאָר אַדמיניסטראַטיווע סילקע, איז מיר נאָך פאַרבליבן איין יאָר מיט פיר מאָנאַטן. איך האָב אָבער פּטר קיין פאַל זיך נישט געקאַנט צוגעוויינען צו דעם געדאַנק, אַז איך וועל מוזן אָפּפינסטערן דעם גאַנצן טערמין, ביז די ראָמאַנאָווסקע מאָנאַרכיסטישע רעגירונג וועט מיר פריילאָזן אויף אַזאַ נס, האָב איך נישט געהאָפט.

פאַר די גאַנצע דריי און האַלב יאָר, זינט איך האָב מיין פרייהייט פאַרלאָרן, האָב איך טאָג און נאַכט, געהאַלטן אין אויסאַרבעטן פּלענער; ווי און אויף וואָס פאַרא אויפן איך וואָלט בעסער געקענט אַנטלויפן פון סיביר. מיינע פּלענער פלעגן אָבער גלייך צושוואומען ווערן, ווי דער שוים אויפן וואַסער.

ווייסנדיק אַז איך האָב איצט נישט קיין געלט, און דער סטראַזשניק איגנאַטיע צשאַרנאַבאַיעוו, רעוועדירט מיין אָנוועזנהייט אין דאָרף, עטלעכע מאָל אַ טאָג. אָבער דאָס אַלעס האָט מיינע געפילן נישט צוריקגעהאַלטן; וואָס מער דער סטראַזשניק האָט מיר געפּילעוועט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך ביי מיר ענטוויקלט דער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דער ווילדער אינקוויזיציאָנערער־נאַטור.

נישט זעענדיק פאַר זיך אַ שנעלע רעטונג, האָב איך מיט אַ שווערן געמיט אויפן האַרצן, אָנגעפאַנגען אַרומשפּאַצירן הין און צוריק פון איין עק דאָרף ביז דעם צווייטן. דער מאָנאָטאָנער, וואַ־

כעדיקער טאָג־טעגלעכער לעבן אין פאַרשיקונג, איז מיר דערעסן געוואָרן.

אַלע טאג ערשיינען פאַר מיינע אויגן דיזעלבע בילדער: טשע־רעדעס פאַרמאָרעטע, קליין־געוואַקסיקע בהמות; שטייען אונטער דעם זאמדיקן באַרג נישט ווייט פון מיין דירה, און די קאַמאַרן צו־זאַמען מיט די אומגעווינלעכע טאַבינעס פליגן, דערעסן זיי די יאָרן.

די אַלטע דאָרפישע יעגער־הינט, זיצן צוגעבונדן מיט אייזער־נע קייטן אין די שטאַלן — האווקען און וואָיען, באַקלאָגן זיי זייער הינטעשן לעבן. יונגע הינטלאַך לויפן ארום איבערן דאָרף מיט אַ־ארומגעבונדענע העלזער, צווישן זייערע פאָדערשטע פיס פּלאָנטערט זיך אַרום אַ גרויסע שטיק דעמבענע האָלץ. דאָס האָבן די צשאַלדאַ־נעס זיי פאַרבונדן, כדי זיי זאָלן נישט קאָנען יאָגן און אויסשטיקן די עטליכע הינער פון דאָרף. אייניקע צשאַלדאַנעס, זיצן אין די ני־דעריקע הילצערנע הייזקעס און שפּינען פלאַקס־פאָדים. דורך די קליינע, ברודיקע שויבן, קוקן זיי נאָך, ווי די פּאָליטישע פאַרשיקטע שפּאַצירן אַרום אין דאָרף הין און צוריק. צשאַלדאַנעס מיט ברייטע הויזן און ראבע העמדלעך, מיט צוקולדטע לאַנגע האָר, מיט אַ האק אין רוקן און מיט אַ מעסער אָנגעהאַנגען לעבן דער זייט; און מיט אַ ביקס אויף דער פּלייצע, באַגעגנט איר אין וועג וואו איר גיט זיך נאָר אַ ריר.

אַרומקריכנדיק איבערן דאָרף, האָב איך זייער אָפט זיך אָנ־געשטויסן אָן אַ פאַרשלאָפענער קאַלב, וואָס איז אימער געלעגן אין דער שמאָלער גאַס און זיך לאַנגזאַם געקייט די זשאַיקע. אָט אַזוי אַרומוואַנדערענדיק, און ניט האָבנדיק עפּעס וויכטיקעס וואָס צו טאָן, האָט זיך מיר פאַרוואָלט אויסצופּוצן מיין איינזאַמען צימער. נישט קלערנדיק לאַנג, האָב איך גלייך פאַרלאָזן מיין דאָרף קלימענא.

עס האָט לאַנג נישט גענומען, און איך האָב אָפּגעזוכט עטלי־כע יונגע, גרינע ביימער, באַוואַקסן מיט סכאך. ווען איך האָב די צוויי ביימער אויסגעהאַקט און געבראַכט אויף די אַקסלען צושלעפּן אין דאָרף, האָב איך גלייך דערפילט אַ ווייטאַג. מיין האלדז איז ערטערווייז געווען צודראַפּעט פון דעם שטעכעדיקן סכאך און

סימנים פון בלוט האָט זיך באַוויזן. מיינע הענט זיינען אויסגע־שמירט געוואָרן מיט אַ קלעפּעדיקער פליסיגקייט, — מיט סמאָלע. דער פּנים מיינער איז געווען צוביסן פון די טאַבינעס מאָשקעס־פליגעלעך. נישט רעכענענדיק זיך מיט מיינע פרישע וואונדן, האָב איך זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. עס האָט נישט גענומען לאַנג, און מיין וואוינונג האָט פאַרגעשטעלט אַ וואַלד פון בוימער. די ווענט פון מיין צימער, האָב איך באַצירט מיט קליינע גרינע צווייגן. אויף דער פּאָדלאָגע האָב איך אויסגעשאָטן אַ טרוקענעם גרינעם גראָז; ביים טיר פון אַריינגאַנג, האָב איך פוןביידע זייטן, אַוועקגעשטעלט צוויי צווייגן, וועלכע זיינען געווען באַהאַנגען מיט טויזנטער גרינע, האַרטע גראָז שפּילקעס.

די פרישע לופט וואָס ס'האָט אַריינגעשטראָמט פון דעם ברייטן טייך אַנגאַראַ אין מיין צימער, דורך דעם קליינעם אָפּענעם פענסטער, האָט צעשפּרייט אַ שמעקענדיקן, אָפּפרישנדן אַראָמאַט. אויף אַ מאָמענט האָב איך פאַרגעסן פון מיין טראַגישן איינזאַמען לעבן אין סיביר. דער געשטאַלט פון מיין ליבער מוטער איז מיר געקומען אויף דעם זינען:

איך בלייבן פאַרוויינטן פּנים, האָב איך ווי דורך אַ טומאַן געזען. אירע לעצטע צערטליכע ווערטער, וואָס איך האָב געהערט פון איר, בעת איך בין מיט דעם עטאַפּ אָפּגעפאָרן פון פּינסק:

— „ קינד מיינס, שטאַרק זיך! ” — האָט איצט געקלונגען אין מיינע אויערן. מיין מוטער'ס טרייסט־בריוו — האָט מיין גייסטליכן לעבן אויפגעהאַלטן, און וואָס מער איך האָב גענומען דיינקען וועגן מיין מוטער, אַלץ שנעלער האָב איך אָנגעפאַנגען אַ־רומשפּאַצירן אין מיין אויסגעפּוצטן צימער הין און צוריק.

אומערוואַרטעט, האָב איך דערהערט אַ טומל. אימיצער האָט אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן אין טיר. נאָך דעם קלאַפּ, האָט נאָכגע־פאָלגט אַ הייזעריקער אויסגעשריי : — „אָטוואָרי דווער!”

ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָט דער צוויטער סטראַזשניק פון מיין דאָרף, קלימענאַ סקריפּאַטש, זיך אָפּגערופן צו מיר:

— „קום, דער פּריסטאַוו רופט דיר.”

מיט אומזיכערקייט האָב איך פאַרלאָזן מיין נאָר־וואָס אויסגע-

פוצטן צימער. דער הויכער סטראַזשניק, איז אַ באַפאַנטער געגאַנגען פאָראויס און איך נאָך אים.

אריינגייעדיק אין דער זעמסטסקע'ר הויז, האָב איך געטראָפן דעם באַגוטשאַנער פריסטאַוו זיצן אַרום אַ הילצערנעם טיש.

ווען דער פריסטאַוו האָט מיר דערזען, האָט ער גלייך ארויסגענומען פון אַ לעדערנער בריוו־טעקע אַ פּאַפּיר און איבערלייענדיק אין דער הויך, האָט ער מיר געמאָלדן; אַז אויף דעם באַפעל פון קראַסנאָיאַרסקי'ן גענעראַל־גובערנאַטאָר, ווער איך פארשיקט אין טירוכאַנסקי'ן געגנד — אַלס שטראָף. דערפאַר, ווייל איך מיט די חברים, גיל קראַנט, דאָוויד יוד און איגנאַטיע דאַוושוק, האָבן אַלע געמאַכט אַ פּאַרזוך צו אַנטלויפן פון סיביר, אין יאָר 1910.

דערהערנדיק די אומדערוואַרטעטע נייעס, איז אַ ציטער דורכגלאָפן איבער מיינע גלידער. מיין האַרץ האָט מיר שרעקלעך אָנגעפאַנגען קלאַפּן. די לאַנגע וועג, מיט די אומצייילבאַרע שטיינערנע בערג און פילע אומבאַקאַנטע טייכן, מיט די געדיכטע טייגאַ־וועלדער און באַשנייטע פעלדער; און די הונדערטע דערפער דורך וועלכע מען וועט מיר מיטן עטאַפּ דורכפירן, האָב איך איצט געזען פאַר מיינע אויגן:

זייענדיק אויפגערעקט און נערוועז, האָב איך צופעליק דורך אַ קליינעם פענסטער פון דער זעמסטקער הויז, דערזען די איינציקע אידישע מיידל פון מיין דאָרף קלימענא, ראָזע פּאָדאָלסקע, וועלכע האָט צוזאמען מיט אירע פארשיקטע עלטערן, געלעבט אין דעם דאָרף פאַר די לעצטע צוועלף יאָר. אונטער איר האַנט האָט זי געהאַלטן אַ פּעקל איינגעדרייט אין אַ ווייסער שמאַטע. אירע צוריסענע שיך האָט זי געטראָגן צו פאַרריכטן צו אַליאַשן, דעם פארשיקטן — טשערקעס.

נישט טראַכטנדיק פיל אָון אָן אורלויב, האָב איך ווי דער ווינט, פאַרלאָזן די זעמסקע הויז. דער סטראַזשניק סקריפּאַטש, וואָס האָט מיר באַוואַכט, איז געבליבן זיצן ווי אַ געליימטער. ער האָט גלייך נישט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן. ער האָט געמוזט אָבטון געבן אויף דעם אַרעסטירטן איגנאַטיע דאַוושוק.

דער פריסטאַוו וואָס איז געזעסן אין אַ צווייטן צימער, האָט נישט באַמערקט ווי איך האָב פאַרלאָזן די הויז. ווען איך בין אין

דרויסן געווען, איז אַנטקעגן מיר אָנגעקומען די אידישע מיידל און באַמערקנדיק אַ פאַרענדערונג אויף מיין געזיכט, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— „וואָס איז מיט אייך, יאַקאָוו אַבראַמאָוויטש?״

— „עך, גאָרנישט!״ — האָב איך איר געענטפערט מיט אַ צוריקגעהאַלטענעם שמייכל. מען האָט מיר אַרעסטירט און באַלד שיקט מען מיר אוועק נאָך טורוכאַנסקי׳ן געגנט, וואו די ווייסע בערן האָדעווען זיך. איך וועל שוין דאָ אייביק נישט זיין.״

— „עס קאָן נישט זיין!״ — האָט זי איבעראַשט זיך אָפּגערופן. און אָננעמענדיק מיר פאַרן האַנט האָט זי אַ זאָג געטאָן: — „קומט מיט מיר!״

איך בין געגאַנגען מיט איר אין דער וועלט אַריין. אין קאָפּ האָט מיר געטומלט. איך האָב אַליין נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס מיט מיר טוט זיך איצט. מיין דאָרף קלימענאַ, מיט די עטלעכע האַלצערנע הייזלעך זיינען איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונדזערע אויגן. עטלעכע שטיינערנע הויכע בערג, באַוואַקסן מיט אַ געדיכטן גרינעם וואַלד, האָבן געוואָרפן צערטלעכע בליקן אין דער ווייטער אייביגקייט.

צווישן די בערג אויף דעם טייך אַנגאַראַ, זיינען געשוואומען טאָבינעס געגנדז און ווילדע קאַטשקעס. צווישן די פייכטע גרינע גראָזן פון אַ פאַרביי־גייענדן געדיכטן וואַלד, זיינען אַרויסגעשפרונגען בורקעס; — געלע סיבירער וואַלד-מייז. אַ יעגער׳ס אַ הונט, איז געשטאַנען לעבן אַ בוים, די קאָפּ פאַרריסן צום הימל און שרעקלעך געהאַפקעט. אויף דער שפּיץ פון בוים איז געזעסן אַ געבלעכע בעלקע, דעם עק פאַרדרייט און געוואָרפן טרוקענע קאָרע דעם הונט אין פּנים. אויף דער זייטיקער גרינער לאָנקע, האָבן זיך געפּאַשעט אַ גרויסע סטאַדע שעפּסן.

איך מיט מיין דאָרפישער אידישער פריינדינע זיינען ביידע געגאַנגען אין דעם געדיכטן וואַלד; אָן טאָלק און אָן אַ באַגריף, ביז מיר זיינען געבליבן שטיין לעבן אַ געדיכטן באַוואַקסענעם בוים.

אויף אַ מאָמענט האָבן מיר פריי אָפּגעאָטעמט. זיצנדיק עטליכע מינוט אויף דעם גרינעם וואַלד־גראָז, האָב איך אומערוואַרטעט

דערהערט אַ טראַסק. ווען איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָב איך דער־זען שטייענדיק — עטליכע טריט פון מיר, דעם סטראַזשניק סקרי־פּאַטש. די גאַנצע וועג האָט דער כיטרער קערל אומבאַמערקט אונדז נאָכגעשפּירט.

רייטנדיק אויף אַ פערד, איז אָנגעקומען דער צווייטער סטראַזש ניק פון דאָרף איגנאַטיע טשאַרנאָבאַיעוו.

נאָך דעם ווי איך האָב פאַרלאָזן די זעקסקע־הויז, איז דער גאַנ־צער דאָרף געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. אומעטום האָט מען מיר געזוכט. די פרויען צשאַלדאַנקעס, האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דעם עק פון דאָרף, פון וואַנעט מען האָט מיר דערוואַרטעט און האָבן מיר אַ שיינעם ברוך־הבא געגעבן. „די שענסטע מיידל פון דאָרף, האָט ער געוואָלט צונעמען!" — האָבן זיי מיר אין פּנים אַריינגעשריען.

— אָבער איצט, וואָס וועט ער האָבן? — גאָרנישט! האָבן זיי נאָכגעשריען.

ראָזאַ'ס פאָדאָלסקע'ס מוטער האָט זיך געפונען צווישן די דאָר־פישע צשאַלדאַנקעס. נאָך דעם ווי מען האָט מיר פאַרשפּאַרט אויף צוויי שטונדן אין דער דאָרפישער פינסטערער קאַטאַלאַשקע, האָט מען מיר באַפרייט. מורא־האָבנדיק פאַר דעם פּריסטאַוו און די באַוואָפנטע סטראַזשניקעס, האָט די גאַנצע פויערשע צשאַלדאַנישע גע־מיינדע, זיך פאַרזאַמלט אויף דעם הויכן זאַמדיקן באַרג, און פון דערווייטנס געשיקט צו מיר זייער לעצטן גרוס. טונקעלע, שוועבנדע וואָלקנס האָבן באַצירט דעם גאַנצן געגנט.

דער פּריסטאַוו האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ באַרלינעס, איינ־געדרייט אין אַ שוואַרצן פעלץ מיט אַ קאַזאַצקער פּאַפּאַכע. אַ קאַל־טער צפון־ווינט האָט גענומען שניידן מיר אין פּנים.

דער הילצערנער שיפל וואו איך מיט די איבעריקע צוויי חברים זיינען געזעסן, האָט זיך אָנגעפאַנגען הוידן· הונדערטע טראָפּנס האָבען די ברויזנדע כוואַליעס אַריינגעשפּריצט אין אונדזער שיף. איך און חבר גיל קראַנט און איגנאַטיע דאַווטישוק, זיינען געבליבן זיצן אין דעם שווימנדען שיף און האָבן זיך געטרייסלט פון קעלט.

ווען איך און די איבעריקע חברים זיינען אָנגעקומען אין דעם דאָרף פּאַשוטינאַ, איז שוין גוט פינסטער געווען. די קודלעוואַטע

צשאַלדאַנעס זיינען איצט געווען זייער טעטיק אין פאַרענדיקן זייער האַרבסט־פאַנג, פון די רויטע אָסטערינען־פיש.

דורך די ברודיקע שויבן האָט אַרויסגעשיינט טונקעלע פייער־ליכט, פון די ברענענדע קעראָסין־לאָמפּן. דער האָווקען פון די צשאַלדאַנער הינט, וועלכע זיינען אין די שטאַלן געלעגן, צוגעבונדע־נע אויף קייטן, האָט אָפּגעקלונגען ווי ווייטע עכאָ׳ס אין דער אומ־היימלעכער פינסטערניש.

האַסטיק האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן, קאַלטע הערבסט־ווינטן. מיט זייער עלנדן וואויען, האָבן זיי געלאָזן וויסן די פּרי־מיטיווע איינוואוינער, אַז דער לאַנגווייליקער ווינטער וועט באַלד פאַרנעמען דעם אויבן־אָן. דער גרויער הימל איז געווען באַצירט מיט מיליאָנען שיינענדע שטערענדלעך, וואָס האָבן מיט זייער מאַגנע־טישע שטראַלן, פּרובירט צעטרייבן דעם אומעט פון דעם שטילן, איינזאַמען סיבירער וואַלד־דאָרף.

אָן באַזונדערע צערעמאָניעס, האָב איך מיט מיינע איבעריקע צוויי חברים, אָפּגעטרונקען ביי אַ צשאַלדאַן אין הויז צו גלעזער ציגל־טיי און נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָבן מיר ווי די סנאָפּעס שטרוי, זיך אויסגעצויגן אויף דער הילצערנער פּאָדלאָגע. מיין פידל וואָס ס׳האָט זיך איצט געפּלאָנטערט, ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן, האָב איך אָפּגעשיקט מיט די צשאַלדאַנעס, וואָס האָבן מיר באַגלייט פון קלימענאַ ביז פּאַשוטינאַ, צו מיין חבר סאַלאָמאָן שרייבמאַן, וועלכער איז פאַרבליבן אין דעם דאָרף זעליעדייעווונאַ.

איך האָב פּרובירט אנשלאָפן ווערן, אָבער איך האָב מיט קיין אויג נישט געקאָנט צומאַכן. די נייע אומערוואַרטעטע אומגעבונג, האָט שרעקלעך צוטרייסלט מיינע געדאַנקען. מיין פּאַרלאָזענער אויס־געפּוצטער צימער, וואָס איך האָב איבערגעלאָזן אין דעם דאָרף קלי־מענאַ, די אידישע איבערגעשראָקענע מיידל ראָזע פּאָדאָלסקע, מיט איר בלאַסן געזיכט, מיט וועמען איך האָב אַזוי אומערוואַרטעט זיך צושייט, האָט איצט פאַרנומען דעם אויבן אָן אין מיין האַרצן.

איך האָב איצטער געביינקט נאָך דאָס פאַרלאָרענע. איך האָב געביינקט נאָך אַלעם וואָס דער דאָרף קלומענאַ האָט פאַרמאָגט. איך האָב געביינקט נאָך די באַקאַנטע פּרימיטיווע צשאַלדאַנעס, מיט ווע־

מען איך האָב זיך פריינטלעך פארהאַלטן. איך האָב געביינקט נאָך די הויכע בערג, וועלכע זיינען ווי אייזערנע סטאַטועס אימער געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. אומבאַמערקבאַר האָבן שטילע טרערן זיך גענומען קייקלען פון מיינע אויגן.

א באַנדע וואַנצן האָבן אָנגעפאַנגען פּאַיזן אין דער ריכטונג וואו איך און מיינע צוויי חברים זיינען געלעגן. עס האָט נישט גענומען לאַנג און די ווערמדיקע פּאַראַזיטן האָבן דערשמעקט די לייב פון די אויסגעוואַרטעטע געסט. וועגן פּרובירן צו־צומאַכן אַן אויג, האָט שוין איצט קיין פראַגע נישט געקאָנט זיין. פּאַר שטונדן לאַנג האָב איך זיך געראַנגלט מיט די אַטאַקירנדע וואַנצן און קעמפנדיק מיט די פּאַראַזיטן, בין איך ווי אַ פאַרטשאַדעטער אַנידערגעפאַלן אויף מיין פאַרלאָגע־געלעגער און איך בין מאַכטלאָז אַנשלאָפן געוואָרן.

אינדערפרי, ווען מען האָט מיר קוים אויפגעוועקט, האָב איך אין דער איילעניש פּאַרלאָזן דעם דאָרף פּאַשוטינאַ. אריבערפאָרנדיק די אַמורער פּאַראַגעס און גרייכנדיק דעם דאָרף גאָלטיאַווינאַ, האָבן די פּויערים געקראָגן אַן עקסטרע באַפעל, אַז מען זאָל לאַנג אונדזער גרופּע פּאָליטיש־פאַרשיקטע, נישט פאַרהאַלטן., ווייל די אַנגאַרער אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די פּאָליטישע פאַרשיקטע, האָט זיך געשראָקן, אַז די קאַלטע נאַטור וועט אָפּשטעלן אונדזער רייזע, און מיר וועלן בלייבן זיצן אין וועג, ביז דער טייך אַנגאַרע וועט פאַרפראָרן ווערן; און אַ שליט־וועגס וועט איינגעשטעלט ווערן. דערפאַר האָט מען אונדז געיאָגט טאָג און נאַכט.

עס איז געווען אַ קאַמף מיט דער נאַטור;

ביי די ברעגעס פון דעם טייך אַנגאַרע, האָט זיך גענומען אויסשפּרייטן פאַרשיידענע ברייטע שטיקער אייז. גרויסע שווימנדע בערגלעך האָבן באַצירט דעם טייך אַנגאַרע.

פאַרלאָזנדיק דעם דאָרף ריבנאָיע פון אַנגאַרסקי׳ן געגנד, האָט דער סיבירער ווינטער אין פולן גלאַנץ געברענט. מיט אַ ווייסער שניי טישטעך, איז געווען באַדעקט דער גאַנצער יעניסעיסקער אַילאַנד. די אומפאַראַנטוואָרטלעכע צאַרסקע סטראַזשניקעס, וועלכע

האָבן אונדז באַגלייט, האָבן דורך זייערע שיכּרות, אונדזער גרופּע פּאָליטישע־פאַרשיקטע, אינגאַנצן פאַרלאָרן.

אַריינקריגנדיק די אָפיציעלע איבערשיקונגס־פּאַפּירן אין אונדזערע אייגענע הענט, האָבן מיר איצט זיך אַליין באַגלייט. נישט זייענדיק באַוואַכט פון די אומווּיסנדע סטראַזשניקעס, האָבן מיר פריי־ער אָפּגעאָטעמט. די פראַגע פון אַנטלויפן איז ביי אונדזער גרופּע אויפגענומען געוואָרן. עס איז אָבער געווען אוממעגליך צו פּרובירן אַנטלויפן פון סיביר. נישט האָבנדיק קיין געלט מיט זיך, האָבן מיר פאַרגעזעצט נישט ווילנדיק די רייזע נאָך דער שטאָט יעניסיי. איך בין איצט אויף זיך אַליין אין כעס געווען, פאַרוואָס מיר זיינען אַזוי מאַכטלאָז און מיר פירן זיך אַליין אין חדר־אַריין. איך האָב פון זיך און מיינע אַנדערע צוויי חברים געלאַכט, וואָס מיר שלעפּן זיך ווי הילפלאָזע שעפּסן און קאָנען גאָרנישט אויפטאָן.

מיין פּוילישע קאָלעגע איגנאַטיע דאַוווטשוק, אויף וועמען מען האָט זייער זעלטן געקאָנט באַמערקן אַ שמייכל אויף זיין געזיכט; זייענדיק אַלעמאָל אין אַ פאַרצאָרנטער שטימונג; האָט ער פון מיין שפּאַס־טרייבן, ניט וועלנדיק אַ שמייכל געטאָן אין זיך; ווען איך האָב אָנגעפאַנגען מיט אים שפּאַסן פאַרוואָס ער טראָגט זיך נישט אָפּ—קיינער באַוואַכט דאָך אונדז ניט!—טאָ וואָרום שווייגסטו? מיר זיינען דאָך אַזוי נאָענט צו אַ גרויסער שטאָט! אַזויפיל מענטשן! מ׳קאָן, האָב איך צו אים גע׳טענה׳ט. אויף מיינע פרעסנדע אַרגו־מענטן האָט ער זיך אָפּגערופן אויף אַ קאָנסערוואַטיוון אופן:

— „פּאַן ראַקאָוו, פּעניאָנדזשי אימעעש?״

— „נו, ווען איך האָב איצט געלט!״ — האָב איך אים געענטפערט; וואָלט איך דאָך מיט דיר איצט נישט געשפּאַסט! און איך וואָלט דער ערשטער זיך אָפּגעטראָגן פון דעם קאַלטן אינדזל, וואו פּרימיטיווע מענטשן קריכן דאָרט אַרום אין די פאַרשאָטענע הזיכע בערג מיט שניי ליגן באַוועגלאָז, שטום.

פאָרנדיק אַזוי טאָג און נאַכט, איבער פאַרשנייטע טייכן, איבער פעלדער און וועלדער, זיינען מיר אָנגעקומען מיט דריי שליט־וועגן אין דער שטאָט יעניעסי. מיר האָבן געהאָפט, אַז דער יעניעסייער פּריסטאַוו, וועט אונדז ערלויבן צו פאַרבלייבן אויף דער פריי, ביז

דער טייך יעניעסיי וועט פארפראָרן ווערן און אַ שליטוועג נאָך טור־רוכאַנסקין אינדזל וועט איינגעשטעלט ווערן. אָבער אונדזער האָפענונג איז צורונען געוואָרן ווי אַ בלאָזן־שוים אין אַ קאָכעדיקן טאָפּ וואַסער און מיר האָבן זיך ביטער אָפגענאַרט.

מיט אַ געוויינלעכער פאָרמאַלער פּראָצעדורע, האָט מען אונדז אַריינגעוואָרפן אין דעם יעניעסייעם לאָקאַלן קערקער. די אייזערנע טירן זיינען פארהאַקט געוואָרן הינטער אונדז.

די אַלטע סיבירער יעניעסייער טורמע, וואָס האָט פילע היסטאָריש־רעוואָלוציאָנערע פּערזענליכקייטן פארזאָרגט מיט אַ לאַנג־וויילקן אָפּרו־פּלאַץ, האָט מיט איר שוואַרצן מאַנטל, פּראָזאַאיש אונדז באַגריסט.

די הילצערנע האַרטע נאַרעס אין איבערשיקונגס־קאַמער, זיינען געווען אויסגעשטעלט לעבן די פייכטע ווענט און צוגעקלאַפּט צום פּאָדלאָגע. די ווענט זיינען געווען פאַררייכערט פון סאַזשע. לאַנ-גע פּאַוטינע קוטאַסן, זיינגען האָבן אַראָפּגעהאַנגען פון סופיט און זיך געדרייט אין דער לופטן. אַ גרויסער בין מיט זיינע פּאָדערשטע פיסלעך, האָט פליסיק געוועבט אַ נעץ ארום זיין געכאַפּטן קרבן. די עטלעכע קליינע פענסטער פון קאַמער, זיינען געווען באַדעקט מיט אַ שמוציקן אָפּפאַלנדן שטויב און בלאָטע. די פאַרזשאַווערטע אייזערנע, אַלטע גראַטעס, וואָס האָבן פון אויסוויינים באַדעקט די פענסטער פון אונדזער קאַמער, זיינען געווען די איינציקע שאָטנס פון ליכט וואָס מיר האָבן קוים באַמערקט פון די ברודיקע שויבן. די צוויי הילצערנע פּאַראַשעס, (צעבערס) וואָס זיינען אויבן אָן געשטאַנען אין אונדזער קאַמער, האָבן פארשפּרייט אַ פּאַסקודנעם גערוך. עטלעכע קראַנקע אַרעסטירטע זיינען געלעגן אויף די אָפּגעריבענע, אַלטע נאַרעס. וואַנצן און אַנדערע ווערים זיינען אַרומגעקראָכן אומעטום. די אויסגעקאָכטע וואַסערדיקע קרויט־זופּ, וואָס מען האָט אונדז אַלע טאָג געגעבן, האָט מען אין מויל נישט געקאָנט נעמען און באַנוצנדיק נישט מער דעם פּאַיאָק, פּאָרציע ברויט וואָס מען פלעגט אויסטיילן צו אונדז, האָבן די מערהייט פּאָליטישע אַרעסטירטע אין דעם יעניעסייער איבערשיקונג־קאַמער געלעבט אויף טיי און ברויט. און איידער דער טאָג פלעגט אַוועקגיין, האָבן

אונדזערע יונגע חברים ארומגעשפּאַנט איבער דעם קאַמער, צוזאַמענעמענדיק אַלע פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט אום צו שטילן דעם הונגער.

זיצנדיק אַזוי אין געהאַקטע וואונדן, האָט די משפּחה פון אונדזער קאַמער זיך פאַרגרעסערט. פאַרשיידענע גרופּן פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט מען אין אונדזער קאַמער אַריינגעבראַכט. אַ גרופּע קאַווקאַזער חברים פון באַקו און טיפליס. די נייע קאַווקאַזער חברים, מיט זייערע אָריענטאַלישע זיטן און פריילעכע האַלטונג, האָט אַ פרישן גייסט אַריינגעבראַכט אין אונדזערע פאַראומערטע רייען. דער פאַרשימלטער קאַמער איז אָפּגעפרישט געוואָרן גייסטיק· אַ גרויסע איינגשאַפּט האָט אין דערזעלבער צייט זיך געלאָזט שפּירן. די לופט אין קאַמער איז נאָך מער פאַרפּעסטעט געוואָרן. פאַר די ניי־געקומענע חברים איז נישט געווען גענוג פּלאַץ אויף די האַרטע נאַרעס, און אַ טייל פון די פרישע בירגער, זיינען געווען געצוואונגען צו שלאָפן אויף דער הוילער פּאָדלאָגע. אין קאַמער האָט זיך געטומלט. אייניקע אַרעסטירטע זיינען געזעסן איינגענוריעט אין פאַרשיידענע פּאָזעס און געלייענט. אַנדערע אַרעסטירטע זיינען געזעסן און פאַרנייט די לעכער פון זייערע אָפּגעטראָגענע אַלטע קליידער. אַ גרופּע חברים האָבן געשפּילט טשעקער, און איידער די טונקעלע טעגליכע ליכטיגקייט איז פאַרשוואונדן, איז שוין אין קאַמער גוט פינסטער געווען.

די גרופּע קאַווקאַזער חברים פלעגן דאַן זיך באַנוצן מיט דער שטילער פינסטערניש, און פאַררוקנדיק זיך אונטער דער שטיינערנער רובע, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן קאַמער, אין דער שטיל אָנפאַנגען זינגען זייערע אָריענטאַלישע מעלאָדיעס און לידער. צוהערנדיק זיך צו די סענטימענטאַלע טענער, וואָס האָט ווי אַ פייערדיקער שטראָם געריסן אייער ברוסט, איז נאָך מער טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן. די מיסטישע קלאַנגען, אויסגעמישט מיט קרעכצנדיקע שטימען, האָבן עלנט ווי עלנטע יתומים געקלאָגט נאָך דער פאַרלאָרענער פרייהייט. ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט האָט זייערע זינגען מיר צוגעצויגן צו דער איינזאַמער גרופּע. אויף מיין ביטע האָט דער חבר קאַספּער, וועמעס אויגן האָבן געלייכט ווי צוויי

פלאַמנדיקע שטערן, מיר אויסגעלערנט צו זינגען אַ ליד אין אַרמעניש און צוזאַמען מיט זיי, האָבן מיר געזונגען די ליד: אי רין עקיז ערין גאַץ ווערקעראָוו לי האָרוב ביל ביליורעס גלאַך האָראצע איס סערעלי, האָריב ביל ביל.

די באַשטימטע איבערזעצונג פון דער ליד איז מיר איצט אומבאַקאַנט, אָבער דער אינהאַלט פון דער ליד, ווערט געזונגען פון אַ פאַרוואונדעטע טויב.

אָט אַזוי האָט דער לעבן אין אונדזער קאַמער זיך מאָנאָטאָניש געצויגן, ביז דרייסיק פינסטערע טעג און נעכט זיינען פאַרבייגעגאַנגען.

מיט נייגעריקע אויגן און קלאַפּנדע הערצער, האָבן די פּאָליטישע פון אונדזער איבערשיקונג־קאַמער ערוואַרטעט אויף דעם באַריכט, אין וואָס פאַר אַ טאָג מען וועט אונדז אָפּשיקן נאָך טורוכאַנסקי'ן געננט. מיר האָבן אויף באַשטימט נישט געקאָנט אויסגעפינען פון דער טורמע-אַדמיניסטראַציע, ווען וועט מען אונדז אָפּשיקן פון דער יעניעסייער טורמע.

די דיספּאָטישע פאַרוואַלטער פון טורמע, האָבן געהאַלטן בסוד און פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט אונדז מיטטיילן, ווען אונדזער עטאַפּ נאָך טורוכאַנסק וועט אָפּגיין. אַזוי זיצנדיק און וואַרטנדיק, האָט מען אונדז אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען דער גרעסטער טייל פון די אַרעסטירטע זיינען נאָך געשלאָפן, האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זיך גרייטן אין וועג. עס איז געוואָרן אַ טומל אין קאַמער. די לאַנגע ערוואַרטעטע־נייעס איז ענדליך געקומען. יעדער איינער פון די אַרעסטירטע האָט אין דער שנעל זיך גענומען פאַרפּאַקן.

די וואַך אַרום טורמע איז פאַרגרעסערט געוואָרן. ווען מען האָט אונדזער עטאַפּ, וואָס איז באַשטאַנען פון דרייסיק פּאָליטישע חברים אַרויסגעפירט אויף דעם טורמע־הויף, האָב איך דערשפירט אַ שטאַרקן פראָסט. מיינע נאָז־לעכער האָבן זיך אָנגעפאַנגען צוזאַמענקלעפּן. עס איז געווען שווער צו אָטעמען פון דעם ברענענדיקן פראָסט. דער מאַרשרוט איבער די יעניעסייער שטאָטישע גאסן, האָט דערגרייכט דעם פאַרפרוירענעם טייך יעניעסיי. אין די אָפענע, ווייטע באַשנייטע פעלדער און וועלדער, האָב איך דערפילט דעם טעם פון

אַ לעבעדיקן גהינום. דער גאַנצער טייך יעניעסיי איז געווען פאַר־פראָרן און באַדעקט מיט פוכקע שניי. אַ שטאַרקער צפון־ווינט האָט געשניטן אין פנים. אומעטום—הימל, אייז און שניי! און אויפן האַרצן איז אונדז געוואָרן ווינד און וויי.

מיר זיינען געגאַנגען, געבראָדיעט און די נישט־אויסגעטראָטע־נע, פוכקע שניי־וועגן פאַראויס. הינטער אונדז אויף שליטלעך, זיינען געפאָרן די באַוואַפנטע וואַך. זיי האָבן באַוואַכט אַז אונדזערע צו־ריסענע טחתנים זאָלן נישט אַנטלויפן.

און אַזוי האָבן מיר זיך געשלעפּט אין וועג, געטריבן פון די ווילדע ברואים, געאַרמט מיט שטאָלענע באַיאָנעטן און ווייט־שיסנדע ביקסן.

אַ געדיכטער שניי-רעגן אין אָן אָן אויפהער פון הימל געפאַלן אויף אונדזערע קעפּ. נישט איין ביטערער אויסגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונדזערע פאַרצאַרנטע הערצער: — ווי לאַנג וועלן מיר קאָנען אויסהאַלטן אַזאַ שרעקלעכע ערפאַרונג.

די שניי־ווינטן האָבן שרעקלעך געשמיסן אין די פּנים׳ער פון די פאַרפאָלגטע און פאַרבלענדעט אונדז די אויגן. מיט אַ שרעקלעכן אימפּעט, האָט דער ביטערער פראָסט אָנגעפאַנגען אַטאַקירן די באַ־דעקטע עברים פון מיין קערפּער. ווערנדיק פאַרצווייפלט, האָב איך מיט מיינע לעצטע קרעפטן אָנגעפאַנגען לויפן. איך האָב געשפּרונגען איבער גרויסע בערגלעך שניי — משוגענער־ווייז; ביז איך האָב דער־וואַרמט מיינע פאַרפראָרענע ביינער. ווען מיר האָבן שפּעטער אָוונט, דערגרייכט דעם ערשטן סטאַנאָק פון דער שטאָט יעניעסיי, האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט.

די פּויערים פון דעם דאָרף האָבן אונדז באַזאָרגט מיט היי־צערנע שליטלעך, און אָפּטרינקענדיק טיי, האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג.

דער פראָסט האָט מורא׳דיק געטרעסטשעט און געשטשיפּעט אין פּנים. אַלע חברים האָבן געשפּירט די קראַפט פון דער קאַלטער נאַטור.

די קליינע סיבירער פערדלעך, באַדעקט מיט שניי, האָבן לאַנג־

זאַם גאַלאָפּירט איבער דעם פאַרפראָרענעם טייך יעגיעסיי פאַר וואָכן לאַנג האָבן מיר זיך געשלעפּט ווי די ציגיינער; וואו געטאָגט, דאָרט נישט גענעכטיקט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס וועט אייביק נישט נעמען קיין ענדע פון אונדזער אומנאָרמאַלן וואַנדער־לעבן. איבער די צענדליקער דערפער וואו מיר זיינען דורכגעפאָרן, האָבן מיר אומעטום געטראָפן דעמזעלבן אומעט פון די פּרימיטיווע איינוואוינער; און די אויסגעמאָרעטע פּי, וועמעס הער־נער זיינען געווען אַרונטערגעפאַלן פון די שטאַרקע פרעסט. גרופּעס־וויז האָבן זיי זיך צוזאַמען געטוליעט איינע לעבן די אַנדערע. די אָרימע קי זיינען געשטאַנען אין די שטאַלן און זיך געטרייסלט פון קעלט.

זייענדיק עטלעכע וויאָרסט פון דעם דאָרף סומאַרקאַווא, טור־רוכאַנסק; דעם מאָנאַט דעצעמבער, 1911, און זיצנדיק אין אַ פּויער־שן הילצערנעם שליטן און נישט אַכטנדיק וואָס איך האָב געטראָגן צוויי פּאָר שיך. איין פּאָר וואַליקעס זיינען געווען אויפגעגנייט פון אַ האָריקער פּעלץ; זייענדיק אויך צוגעדעקט מיט אַ קאָלדרע, האָב איך דערפילט, אַז מיין רעכטע פוס ווערט פאַרפראָרן. נישט טראַכטנדיק לאַנג, בין איך אַרויסגעשפּרונגען פון שליטל און אָנכאַפּנדיק דעם עק פון שליטן, האָב איך זיך געלאָזן לויפן אין וועג. אַפּלויפנדיק אַזוי עטלעכע וויאָרסט, האָב איך פון דערווייטנס דערזען דעם דאָרף סומאַראַקאַווא וואָס איז געלעגן אויף אַ הויכן באַרג, באַדעקט מיט שניי. נישט דיינקענדיק פּיל, האָב איך אָן אָן ערלויבניש, זיך אַרויסגעריסן אומבאַמערקטערהייד פון דעם באַוואַפנטן קאַראַוואַן.

אַריינלויפנדיק דער ערשטער פון אונדזער עטאַפּ אין דעם דאָרף סומאַראַקאַווא, און דערזעענדיק די ערשטע טיר פון אַ צשאַל־דאַנ׳ס הויז, האָב איך נישט פאַרבעטענערהייד אַריינגעלאָפן.

— „העלפט מיר!” האָב איך אַ געשריי געטאָן צו די איבערגע־שראָקענע צשאַלדאַנקעס, „מיינע פיס זיינען מיר פאַרגליווערט!”

ווען מען האָט אַרונטערגעצויגן די בראָדניעס פון מיינע פיס, זיינען די פינגער פון מיין רעכטער פוס געווען ווייס ווי שניי. די פּוי־ערטע פון הויז האָט גלייך אַריינגעבראַכט אַ שיסל מיט שניי און מ׳האָט גענומען רייבן מיינע פאַרפראָרענע פינגער. עס האָט נישט

גענומען לאַנג און איך האָב גלייך דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די פינגער.

ווען איך האָב אַ זאָג געטאָן צו דער צשאַלדאַנקע, אַז די פינגער שטעכן מיר איצט ווי מיט נאָדלען, האָט זי גוטמוטיק מיר געענטפערט:

— „מיין קינד, דו דאַרפסט זיך פילן גליקלעך, נאָך איין האַלבע שטונדע אויף דער קעלט און דו וואָלסט אויף באַשטימט געווען פאַרלוירן די פינגער פון דיין פוס.״

באַדאַנקענדיק דער צשאַלדאַנקע פאַר איר פריינדשאַפט וואָס זי האָט אַרויסגעצייגט צו מיר, האָב איך הינקענדיק פאַרלאָזן איר הויז.

אין די אָפיציעלע פאַפּירן וואָס די וואַך האָט מיט זיך געפירט, האָט אויסדריקליך נישט געזאָגט אין וואָס פאַר אַ דאָרף איך מוז זיך באַזעצן. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, בין איך פאַרבליבן אין דעם דאָרף סומאַראַקאָווקאַ אָן אַן אָפיציעלע ערלויבונג. דער עטאַפּ וועלכער איז אויף דעם צווייטן טאָג אָפּגעפאָרן פון דעם דאָרף, האָט אָן מיר אינגאַנצן פאַרגעסן, און אָט אַזוי בין איך צופעליק געראַטעוועט געוואָרן, צייטווייליק אויף פאַרצוזעצן מיין רייזע מיטן עטאַפּ, איבער טורוכאַנסקי׳ן געגנד.

דער דאָרף סומאָרדקאָווע, האָט דאַן פאַרמאָגט איבער דרייסיק פּאָליטישע פאַרשיקטע. אַ טייל חברים האָבן פאַרנומען צימערן ביי די צשאַלדאַנעס אין די הייזער. אַנדערע חברים האָבן אָפּגעדונגען ביי די פּויערים זייערע ליידיקע הייזקעס און צו דריי און פיר אין אַ גרופּע, האָבן זיי געלעבט פאַר זיך אַליין; נישט געמישט זיך מיט די שטוביקע פּרימיטיווע געוואוינהייטן פון דער צשאַלדאַנישער סומאַראַקאָווער באַפעלקערונג.

דער פאַרשיקטער חבר גוסיאָוו, וואָס האָט ווייט פון דאָרף געלעבט, אויף אַ הויכן באַרג, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן וואַלד, באַשאָטן מיט בערג שניי און אייז , האָט פאַרבראַכט איינזאַם אין אַ קליינער, הילצערנער יורטע; האָט מיר איינגעלאַדן צו זיך. נישט זייענדיק באַקאַנט מיט קיינעם אין דאָרף, האָב איך זיין איינלאַדונג

אָנגענומען. מיט שווערער מי, האָב איך זיך קוים דערשלעפּט צום חבר אין הויז.

אין דרויסן איז געווען אַ ביטערע קעלט. דער פראָסט האָט גע־קנאַקט פון אומעטום. דער שטאַרקער צפון־ווינט פון דעם אָפענעם טייך יעניעסיי, האָט מוראַ'דיק געוואָיעט. איך האָב די ערשטע נאַכט וויי‌ניג וואָס געשלאָפן, און ווען עס איז טאָג געוואָרן און איך האָב פּרובירט אַרויסצוגיין פון דער יוכטע, איז די איינציקע טיר געווען פאַרלייגט מיט אַ באַרג שניי. מיט לאָפּעטעס אין די הענט, האָב איך און חבר גוסיער, אָנגעפאַנגען זיך אויסגראָבן, כדי זיך צו באַפרייען פון דער קאַלטער פאַרשטיינערטער תפיסה.

נאָך אַ פּאָר שטונדן שווערער אַרבעט, האָבן מיר אויסגעגראָבן זיך אַ וועג צווישן דעם באַרג שניי. נישט האָבנדיק קיין אָנגעהאַקטע האָלץ, צו מאַכן וואַרם אונדזער פאַרשאָטענעם קבר, האָב איך און חבר גוסאָוו, זיך אָוועקגעשטעלט שניידן האָלץ פון בעריאָזענע קלע־צער. מיר האָבן אַזוי לאַנג געשניטן ביז מיר האָבן זיך גוט דערוואַ־רעמט.

די פראַגע צו האָבן וואַסער אין הויז איז אויך נישט געווען קיין לייכטע פּראָבלעם. די קאָמוניקאַציע איז אויף יעדער שריט און טריט געווען אַ פאַרקריפּעלטע. דער שניי האָט איבערנאַכט פאַרשאָטן יעדע סטעזשקע און סליאַד. בראָדזשענדיק אַזוי טיף אין שניי און מעסטנדיק מיט די אייזערנע הוקס די טיף פון דעם פוכקן שניי, האָב איך און חבר גוסאָוו, זיך געלאָזן גיין באַרג אַראָפּ.

מיט גרויסע שוועריגקייטן האָבן מיר אָפּגעזוכט אַ פּאָלאָנקע וואָס איז איבער נאַכט אויף דאָס ניי פאַרפראָרן געוואָרן, און האָבנ־דיק מיט זיך די אייזערנע הוקס, האָבן מיר גיך צעבראָכן דעם אייז פון דער פּאָלאָנקע, אָנגעמענדיק אַ פּאָר עמער וואַסער, האָבן מיר צוריק קוים זיך אַרויפגעקראָפּקעט אויף דעם הויכן פאַרשאָטענעם באַרג שניי.

די ערפאַרונג מיט מיין זומער דירה האָט מיר ביטער אַנטוישט. די איבעריקע פאַרשיקטע חברים פון דאָרף סומאַראָקאָוואַ, האָבן אַזוינע אומבאַקוועמליכקייט נישט געדאַרפט אויסשטיין. איך האָב אָבער מיטגעפילט מיט דעם חבר גוסאָוו, וואָס האָט מיר צו זיך

אַריינגענומען; נישט דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט אַ פּלאַץ פאַר מיר, נאָר פּשוט צו טיילן זיך מיט מיר, מיט זיינעפינסטערע און עלנדע טעג און נעכט, כדי נישט משוגע ווערן פון דער עלנדער איינזאמקייט· איך האָב פּרובירט זיך צו־צוגעוואוינען צו דעם איינזאמען וואַלד־לעבן. עס איז אָבער מיר אָנגעקומען זייער שווער זיך צו־צופּאַסן צו אַזאַ אַרט לעבן.

קעמפנדיק מיט זיך אַליין, האָב איך אין אַכט טעג און נעכט — אָפּגעפינסטערט אין דער פאַרשאָטענער יוכטע.

נישט קענענדיק מער אויסהאַלטן מיין אומערוואַרטעטע ערפאַרונג, בין איך אַוועק אין דאָרף און איך געדונגען באַ אַ צשאַלנאָן אַ צימער, און מיט מזל האָב איך זיך באַזעצט אין דעם דאָרף סומאַראַקאָוואַ.

דער פּערסאָנאַל פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין דעם דאָרף, איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע נאַציאָנאַליטעטן: אַרמעינער, גרוזינער, רוסן, אידן און פּאָליאַקן. דער צוזאַמענלעבן פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע, אין אין אַלגעמיין געווען אַ פריינדלעכע אָ;בוואָל יעדער איינער האָט געמאַכט שבת פאַר זיך אַליין. די אַנטיפּאַטישע געפילן פון איינצעלנע פּוילישע חברים אין באַצוג די אידישע פּאָליטישע-פאַרשיקטע, איז צייטנווייז געווען אַ קריגערשע. עס איז געווען אַ פּאָר צופּאַלן, וואָס אַ פּוילישער פאַרשיקטער מיט אַן אידישן, האָבן זיך גאַנץ פיין צוקריגט און דער שולדיקער אין אַזאַ פאַל, איז פאַרדאַמט געוואָרן פון די איבעריקע פאַרשיקטע חברים.

קומנדיק אין נאָענטע באַציאונגען מיט די איבעריקע פאַרשיקטע חברים פון דאָרף, האָט מען מיר איינגעלאַדן צו באַזוכן אַ פאַרוויילונג־אָוונט פון דער דאָרפישער פּרימיטיווער יוגנט. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. ווען איך בין אַריין אין דער צשאַלדאַנישער הויז, האָב איך געטראָפן אַ גרויסע טייל פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע, וועלכע האָבן באַטראַכט די פּויערשע פּאָלקס־טענץ. צוויי יונגע צשאַלדאַנקעס זיינען געזעסן אויף אַ הילצערנער באַנק מיט באַלאַלייקעס אין די הענט. אַ דריטער פּויער האָט געהאַלטן אַ גאַרמאָניע אין די הענט און זיי האָבן האַסטיק געצימבלט.

דער פאַרשיקטער חבר פיזשאָן פון אָדעס, האָט אויף דער ביטע

פון די אָנוועזנדע, זיך אוועקגעלאָזט טאַנצן. דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אַ גרויסע ווארע געמאַכט פאַר אים; ווי אַ וויכער האָט ער גע־קלאַפּט מיט די פיס — אין פאַדלאָגע צום טאַקט. ווי אַ מעכאַנישער קנויל האָט ער זיך געוואָרפן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, קינסטליך און אַקראָבאַטיש געמאַכט פאַרשיידענע טענצערישע איבונגען. די צשאַלדאַנקעס האָבן געקוואָלן. די יונגע פויערים, האָבן פאַרדריסליך זיך געקראַצט אין די פּאָטילניצעס. קיין איינער פון די אָנוועזנדע, האָט נישט געקאָנט איבערשטייגן אין טאַנצן, ווי אונדזער חבר פּישזאָן האָט באַוויזן.

ווערנדיק אימפּולסיוו מיטגעריסן און פאַרגעסנדיק אויף אַ מאָ-מענט אַלע צרות און ליידן, האָב איך אויך זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן. איך האָב געטאַנצט אָן אַ טאָלק און אַ רעכענונג. וויפיל צשאַלדאַנ־קעס עס זיינען געזעסן אויף די ביינק האָב איך מיט יעדעס איינער באַזונדער, אָן אַן אָפּרו — געמוזט טאַנצן, און געווען איז אַ פּערסאָ־נאַל פון צוואַנציק שטיק. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט'ן טאַנצן האָב איך קוים דעם אָטעם געקאָנט כאַפּן. אין קאָפּ האָט גענומען שווינדלען; איך האָב גלייך פאַרלאָזן די הויז.

ווען איך בין צוריק אין מיין צימער געקומען, האָב איך געטר־ראָפן דעם גרויסן געלן קאָטער פון הויז, ליגנדיק גאַנץ ברייטלעך אויף מיין געלעגער. ווען איך האָב אים אַרונטערגעטריבן פון מיין בעט, האָבן זיינע אויגן געגלאָצט ווי פייערדיקע פונקען פון אַ הייסן אויוון. די נאַכט האָב איך איבערגעשלאָפן אָן אַן איבעררייס ווען עס איז טאָג געוואָרן, האָב איך נאָך געהאַלטן אין איין שלאָפן. די באַלעבאָסטע פון הויז האָט זיך איבערגעשראָקן, פאַרוואָס איך שלאָף אַזוי לאַנג, און זי האָט באַשלאָסן מיר אויפצואוועקן. דער זייגער איז שוין געווען צוויי און אין דרויסן איז שוין כמעט ווידער פינסטער געווען. איך האָב אָבער זיך געפילט מער מונטער.

אַרויסגייענדיק אויף אַ שפּאַציר און נישט האָבנדיק קיין באַ־שטימטן פּלאַץ וואו צו גיין, האָב איך באַזוכט דעם אידישן פאַר־שיקטן, חבר טאָפּליעוויטש, וועלכער האָט מיר פאַרבעטן מיט אַ פּאָר טעג צוריק, אַז איך זאָל אים באַזוכן. פאַרברייננגענדיק איבער אַ שטונדע אין זיין צימער, האָב איך פאַרלאָזן זיין הויז.

די טעג און די וואָכן זיינען געלאָפן שנעל. נאָך דעם ווי איך האָב אָפּגעלעבט זעקס וואָכן צייט אין דעם דאָרף סומאַראָקאָווא, איז אָנגעקומען אַן אָפיציעלער באַפעל פון טורכוראַנסקי׳ן פּריסטאַוו אַז מען זאָל מיר אַרויסשיקן פון דעם דאָרף סומאַראָקאָווקאַ. מיין פּראָטעסט וואָס איך האָב דאַן געמאַכט צום דאָרפישן סטראַזשניק, פאַרוואָס מען לאָזט מיר נישט פאַרבלייבן אין דאָרף וואו איך האָב זיך שוין איינגעאָרדנט, האָט קיינע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. דער סטראַזשניק האָט מיר ערקלערט און זיך אויך דערביי פאַרענטפערט; אַז ער קאָן דאָ גאָרנישט טאָן. ער מוז אויספאָלגן דעם באַפעל פון זיין העכערן באַאַמטן; אויב נישט — פאַרלירט ער זיין אַמט. זעענ־דיק אַז ס׳איז אַ שפּיל פאַר דעם טייוול, און ווייסנדיק אַז איך קאָן מיין אומגעווינשטע רייזע נישט אָפּהאַלטן מער, האָב איך אין דער שנעל זיך איינגעפּאַקט, און אונטער דער באַגלייטונג פון אַ באַ־וואָפנטן סטראַזשניק, בין איך אָפּגעפאָרן פון דעם דאָרף סומאַראָ־קאָווא.

אין דרויסן איז שוין געווען פינסטער. מיט אַ גראָבן טומאַן איז דער הימל געווען באַצירט. דער פאַרפראָרענער טייך יעניעסיי, האָט ווי אַ שטאָלצער קריגער, באַהערשט דעם גאַנצן געגנט. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אומעדום. די פאַרזונקענע בערג און וואַלד־ביימער, זיינען אומעטום געשטאַנען שטום.

לאַנגזאַם און מעלאַנכאָליש, האָט דער מעשענער גלעקל פון דעם פערדס הילצערנע דוע איבערגעריסן די מרה־שחורהדיקע שטילקייט אין דער פאַרפראָרענער לופט. וואָס ווייטער אונדזער פערדל איז געלאָפן צום צפון, אַלץ שטאַרקער האָט זיך געלאָזט שפּירן דער ביטערער פראָסט. אויף דעם פאַרפראָרענעם טייך יעניע־סיי, האָט זיך צייטנווייז אויסגעדוכט, אַז איך וועל שוין קיין לעבע־דיקער נישט אַרויסקריכן פון דעם פאַרפראָרענעם אייז־מער בערג־לעך און שניי; און דער ווינט האָט אומעטיק געוואָיעט:

— „גיי ווייטער, — גיי!״

די סכאַכאָווע בוימער וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף דעם טייך יעגיסיי, אַלס וועג־ווייזער־סמנים, זיינען ווי עלנדע, פאַר גליווערטע סטאַטועו איינזאַם געשטאַנען טיף איינגעפראָרן אין

אייז און דירעקטירט די נישט פאַרבעטענע וואַנדערער אין דער ריכ־טיקער וועג. ווי אַן ערן־וואַך איןביידע זייטן פון דעם טייך יעניסיי, האָבן די איינגעפרוירענע בוימער אונדז סאַלוטירט; און מיט אַ קאַלטן פאַרפרוירענעם שמייכל, איבערגעשיקט גרוסן צו די איבערי־קע טויזנטער בוימער, וועלכע זיינען פאַר איבער פופצן הונדערט וויאָרסט, געווען אויסגעשטעלט איבער דעם טייך יעניעסיי

זייענדיק פאַרצאַרנט פון מיין לעצטער רייזע, און פון מיין ניט נאָרמאַלן לעבן, האָב איך זיך איינגענורעט אין אַ גרויסן פעלץ און פּרובירט אנשלאָפן ווערן. אָבער דער טרייסלען זיך פון דעם היל־צערנעם שליטן איבער פאַרשיידענע פאַרפרוירענע בערגלעך אייז, וואָס ס'איז געלעגן אין וועג. דער מעכטיקער פראָסט וואָס האָט ווי אייזערנע שפּיזן זיך געריסן אַ וועג דורך מיין גרויסן פעלץ און די צוויי רעקלעך, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגן; האָט געקילט די בלוטן אין מיין יונגן קערפּער; און צוטריבן די שלאָפלאָזע מיטקייט וואָס האָט מיר אָנגעפאַנגען באַהערשן. ווי אַ מעכאַנישער אַפּאַראַט האָב איך זיך געהאַלטן אין איין וואַרפן. איך האָב פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט זיצן רואיק אויף איין פלאַץ. זיצנדיק אַזוי אין שליטל און דרייענדיק זיך ווי אַ קנויל פון רעכטן זייט אויף דעם לינקן, האָב איך סטימולירט די בלוטן אין מיינע חברים און פאַרטריבן די קעלט פון זיך.

עס איז שוין געווען אין מיטן דער נאַכט, ווען איך מיט מיינע באַגלייטער זיינען אָנגעקומען אין אַ צווייטן דאָרף. נאָכדעם ווי מיר האָבן אויפגעוועקט דעם פאַרשלאָפענעם סטאַראָסטאַ, האָט מען אין דער שנעל אויסגעשטאַדעט אַ נייעם פערד מיט אַ הילצערנעם שליטן און אָפּטרינקנדיק אַ גלאָז ציגל־טיי, האָבן מיר זיך אויפדאָסניי גע־לאָזן אין וועג.

ווייסע באַשאָטענע פעלדער וועלדער־אייז אומעטום. די סיבי־רער קאַלטע נאַטור בליט איצט אין פולן גאַנג. שטאַרקע צפון־ווינטן כאַפּן אויף בערג שנייען פון די וועלדער און מיט אַ מעכטיקן שטורם, טראָגן זיי זיך איבער דעםברייטן פאַרפרוירענעם טייך יע־ניעסיי און צוואַרפן די פאַלנדע שניי־פלאָקס אין פאַרשיידענע ריכטונגען. אַזוי שלעפּן מיר זיך אָן אַן ענדע — אָן אַ סוף.



מיטן עטאפ אונטער דער באגלייטונג פון א טורוכאנער צשאלדאן, סיביר, יעניסייסקער גובערניע, 1912 יאָר.

אויפן הארצן נאָגט אַ ביטערער אומעט. אַ קריינקלעכע בייַנק־שאַפט נאָך אַ פרייען לעבן מאַטערט מיין געמיט און נשמה. אַ קאַל־טע פרייע באַסטיליע! די גרויס פון טויזנטער וויאָרסט, האָט די נאַ־טור פאַר אונדז אָנגעגרייט. נישטאָ אַוואו צו אַנטלויפן. עלנד ווי אַ שטיין, גייען אונדזערע מחנות אין דער קאַלטער וועג מיט אַ ביטער געוויין:

פאַרפרוירן ווערן די טרערן,
אָבער איר קאָנט זיך קעגן זיי נישט ווערן!

מאָנאָטאָניש קלינגט דער מעשענער גלעקל, וואָס הייַנגט אַראָפּ אין מיטן פון דער הילערנער דוע פון דעם פערדס האַלדז. צוויי לאַנגע פאַסן פון פּאַרע שטראָמען פון דעם פערד'ס נאָזלעכער. דעם פערד'ס רוקן איז באַצירט מיט אַ ווייסער זילבערנער שניי־טישטוך. אַרום דעם פערד'ס מויל הייַנגען אַרונטער לאַנגע ליכטלעך פאַרפראָ־רענע אייז. די אָנגעוואָרפענע בערג שנייען אויפ'ן טייך יעניעסיי, גלאַנצן פון דערווייטן ווי בלישטשענדע דימענטן. דער הימל איז מרה־שחורהדיק פאַרוואָלקנט. אַ טרוקענער פאַלנדער שניי, שנייט אָן רחמנות אין פּנים. האַסטיק, מיט פוראַר, גליטשט זיך מיין שליטל אַליץ ווייטער אין דעם קאַלטן מדבר. סיביר לעבט און די נאַטור דע־מאָנסטרירט די קראַפט פון בייזן וואונדער.

מיין באַגלייטער, דער צשאַלדאַן וואָס האָט די לייצעס, כוואַס־טשעט מיט זיין בייטש דעם פערד אין רוקן. מיט אַ שטאַרקן אימפּעט לאָזט זיך דער פערד לויפן גאַלאָפּ. דער פויער שילט און זידלט דעם פערד. די שליטן דרייט זיך רעכטס און לינקס. אָט אַזוי פאָרנדיק אי־בער טורוכאַנסקין קרייז איבער צוויי וואָכן, בין איך אָנגעקומען דעם זיבעטן פעברואַר 1912, אין דעם דאָרף מאָנאַסטירסקאָיע.

זעכצנטער קאַפּיטל

ערֿאינערונגען פֿון סיביר

אויף מיין ביטע אַז מען זאָל מיר ערלויבן צו באַזעצן זיך אין דעם דאָרף מיראַיעדיכאַ, האָט דער טורקעסטאַנער פּריסטאַוו צוריקגעוויזן, פֿאַרענטפֿערנדיק זיך מיט'ן פֿאַלשן תירוץ, אַז ער האָט ערהאַלטן אַ צושריפֿט פֿון דעם קראַסנאָיאַרסקן גענעראַל־גובערנאַטאָר, אַז מען זאָל מיר מיט דעם קאָמעראַד גילקראַנט און איגנאַטי דאַוווזשיק, פֿאַרשיקן טיף וועסט, אין סעווערנעם אַזיאַטישן טורוכאַנסק'ן געגנט, אַלס שטראָף דערפֿאַר וואָס מיר זיינען אַלע צוזאַמען אַנטלאָפֿן אין יאָר 1910 פֿון אַנגאַרסקי'ן געגנט.

מיט דעם צושריפֿט, האָט דער פּריסטאַוו מיר דערקלערט, האָט ער די אָפיציעלע רעכט צו פֿאַרשיקן מיר ביז דעם דאָרף דידינקאָ, נישט ווייט פֿון דעם אינדזל קאַמשאַטקאַ, וועלכע גרעניצן זיך מיט אַלאַסקאַ, פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מיט פֿאַרשיידענע סטראַשונקעס האָט דער פּריסטאַוו געוואָלט מיר צווינגען, בכדי איך זאָל פֿאַרזעצן מיין רייזע ביז צום נאָרד־פּאָל, וואו די ווייסע בערן האָדעווען זיך.

די זעכצן הונדערט מייל ווייט וואָס מען האָט מיר געטריבן מיט דעם עטאַפּ, האָט מיר שרעקלעך אויסגעמאַטערט, און דערום האָב איך זיך אַנטזאָגט צו פֿאָרן ווייטער.

אַ סאַרקאַסטישער שמייכל האָט זיך פֿאַרצויגן אויף דעם פּריסטאַוו'ס פּנים. ווי אַ פֿאַר'סם„טע מ'ויז, האָט דער פּריסטאַוו שנעל, הין און צוריק אָנגעפֿאַנגען ארומצולויפֿן איבער דער קאַנצעלאַריע. הילכיקע ווילדע טענער האָבן זיך געריסן אָן אַן אויפֿהער, פֿון זיין מויל: — „ניין! — דו מוזט פֿאָרן!” — האָט דער פּריסטאַוו געשריען.

די שרייבערלעך פון קאַנצעלאַריע און די צוויי סטראַזשניקעס, וואָס האָבן מיר באַוואַכט, זיינען געווען גרייט אויף אַלץ. אָבער דער פּריסטאַוו האָט ענדלעך אין דעם קריטישן מאָמענט צום זינען גע־קומען, און האָט מיר ערלויבט צו באַזעצן זיך אין דעם דאָרף סע־ליוואַניכאַ, פּערצן מייל ווייט פון דעם דאָרף טאַנאַסטורסקאַיאַ. ווייל דער היסטאָרישער בונד פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע אין 1908, האָט אַ סך געהאָלפן אַז די אַדמיניסטראַציע פון טורוכאַנס־קער געגנט זאָל זיך באַציען מילדער צו די פּאָליטישע פאַרשיקטע. נישט אויס ליבע, נאָר פּשוט פאַר מורא אַז דער היסטאָרישער בונט זאָל זיך נישט איבער׳חזר׳ענען נאָך אַמאָל. די מפּלה וואָס די אַדמי־ניסטראַציע האָט געקראָגן פון די צעבונטעוועטע פּאָליטישע פאַר־שיקטע אין 1908, האָט געווירקט אַז די פאַרשיקטע זאָלן בעסער באַהאַנדלט ווערן. דער קליינער געווינס איז שוין געווען באַצאָלט מיט צענדליקע מענטשלעכע לעבנס.

אויף מאָרגן, דעם 8־טן פעברואַל 1912, האָט מען מיר אָפּ־געשיקט נאָך דעם דאָרף סעליוואַניכאַ. אַ חוץ אַ טשאַלדאָן האָט מיר באַגלייט אַ סטראַזשניק, וואָס האָט זיך אין וועג באַרימט אַז ער האָט איינטייל גענומען אין דער קאַזאַצקער קאַראַטעלנער עקספּעדיציע געגן די צובונטעוועטע פּאָליטישע־פאַרשיקטע. דערזעענדיק דעם העסלעכן באַרימער אין זיין ריכטיקן געשטאַלט, האָבן מרה־שחורה־דיקע געדאַנקען גענומען אַרויפשווימען אויף מיינע געדאַנקען.

ליגנדיק אין קראַסנאָיאַרמייסק׳ן האָספּיטאַל אַלס אַ קראַנקער, האָב איך צופעליק באַמערקט ווי מען האָט דורכגעפירט אין טורע־כאַניעץ פון טויטן־הויז, אַן אַרעסטאַנט. זיינע הענט און צופראָרענע פיס, זיינען געווען געשמידט אין אייזערנע קייטן. די הענט איז געווען אַרומגעוויקלט מיט פאַרבלוטיקטע מאַרלע. זיין דאַרער, בלאַ־סער פּנים האָט פאָרגעשטעלט אַ בילד פון אַ טויטן. נישט קענענדיק פאַרטראָגען וואָס מיר באַגלייט אַזאַ בלוטדורשטיקע חיה, האָט זיך אַ געשריי אַרויסגעריסן פון מיין מויל: — „העי, יאַמטשטיק, צוטרייב גיכער די פערד, איך ווער דערפרוירן!״ — אַ נאַרישן בייזן בליק האָט דער טשאַלדאָן געגעבן אויף מיר און דעמזעלבן אויגנבליק, האָט ער מעכאַניש דערלאַנגט אַ שמיץ דעם פערד, און דער יונגער

פערד האָט זיך געלאָזן לויפן שנעל ווי דער ווינט אין פעלד.

געדיכטע בערג־פאַלנדע שנייען האָבן געפלאַכטן וואונדערלעכע בילדער אין דער לופטן. דער הילצערנער שליטן האָט זיך געגליטשט שנעל און געטרייסלט זיך אויף די פארפראָרענע בערגלעך אייז — בארג־ארויף און באַרג־אראָפּ. מיט אַ פּאָר שטונדן שפּעטער, האָט פאר מיינע אויגן זיך באוויזן אַ שיטערער וואלד, באוואקסן מיט בערעזאָווע בוימער און באַדעקט מיט זילבער־ווייסן שניי. די פיר הילצערנע אַלטע הייזקעס זיינען געווען פארזונקען אין די טיפע אָפּגרונטן פון די געדיכטע בערג־שנייען. דער טשאַלדראַן האָט זיך געלאָזן גיין פאָראויס אויף די טרעפּ פון שניי. אַ קליינע הילצערנע טיר, ארומגעוויקלט מיט שטרוי און קליאַטשע האָט זיך געעפנט:

— „זדראַסטוואוטע מאטושקאַ," — האָט דער אַלטיטשקער באַגריסט· — „מילאַסטי פּראָסים!" — האָט די אַלטע יאַקוטקע גוט־מוטיק אָפּגעענטפערט און האָט זיך גענומען אָנצואווארעמען דעם סאַמאָוואַר.

קלאַוודיע, די יונגע טשאַלדאַנקע, מישאַ'ס ווייבל איז געזעסן אויף אַ הילצערנעם באַנק און האָט פלייסיק געפלאָכטן אַ נעץ און וועלנדיק מאַכן גלויבן איר יונגען מאַן מישאַ'ן, אַז זי איז אים געטריי, האָט זי געהאַלטן אין איין שרייען אין דער הויך:

„לעסנאַי איך פריטאַשטשיל סודאַט"... דער שד פון וואַלד האָט זיי אַהער געבראַכט צושלעפּן.

„מאַלטשי דורא", — האָט דער עלסטער טשאַלדראַן פון הויז קלאַוודיע'ס שוואָגער, מיט אַ הייזעריקע שטימע אַ געשריי געטאָן אויף זיין שווענערין. פארצווייפלט און פארשעמט האָט קלאַוודיא אירע בלויע אויגן ארונטערגעלאָזט און גנב'איש געלאַכט אין זיך.

אויף דעם צווייטן טאָג האָב איך זיך דערוואוסט, פון דעם טראַגישן טויט פון דעם קאָמעראַד, אברהם לעקאַך. די וואונד איז נאָך געווען פריש און די פויערים האָבן געהאַלטן אין איין איבערדערציילן ווי אברהם לעקאַך האָט פארלאָרן זיין לעבן:

דאָס איז געווען אין יאָר 1911, אין מאָנאַט אָקטאָבער. מיט דער צושטימונג פון די איבעריקע חברים פון זיין דאָרף, האָט אברהם לעקאַך באַשלאָסן צו פאָרן אין דעם סעלאַ וואַנאַסטורסקאַיע און

ברענגען די פּאָסט צוריק אין זיין דאָרף. די ערשטע 3 טעג פון זיין רייזע, האָט קיין סיבות נישט געטראָפן; אויף דעם פערטן מעת־לעת, ווען ער האָט פאַרלאָזן דעם דערפל יאַקוטי, און זייענדיק אינמיטן וועג, האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורם. מוראָ'דיקע, בייזע ווינטן האָבן זיך גענומען האַסטיק טראָגן איבער דעם גאַנצן געגנט. גאַנץ טורוכאַנסקער געגנט האָט פאָרגעשטעלט פון זיך אַ פאַרפראָרענע שטיק אייז. די ווילדע סיבירער וואַלד־פויגלען, האָבן זיך באַהאַלטן אונטער די געהיימע אונטערערדישע זילבער־ווייסע בערג. די ווייסע אושקאָנטשיעס, די סיבירער ווילדע וואַלד־האָזן, זיינען אַרומגעלאָפן איבער די געדיכטע וועלדער און טיף באַשנייטע פעלדער. די ווילדע הירשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אונטער אַ טויזנט־יאָריקן שטיינערנעם באַרג, באַדעקט מיט אַ זילבערנעם ווייסן שניי־טישטוך, און אין דער שטיל איינגענורעט איינער צום צווייטן, האָבן זיי אָפּגעוואַרט אז דער שטורם זאָל זיך באַרואיקן און די בייזע שניי־ווינטן זאָלן אויפהערן זיי שניידן. דער געהיימניספולער באַרג האָט הילפלאָזע בליקן געוואָרפן אין די שטורמדיקע, שוועבנדע וואָלקנס.

איינגעדרייט אין פאַרשיידענע פעל־שמאַטעס, האָט אויף דעם דיקן אייז טייך יעניעסיי געפּויזשעט דריי לעבעדיקע באַשעפענישן פון דער נאַטור. פאָראויס איז געגאַנגען אַ הויכער שטאָלצער פערדזיין שוואַרצע פעל איז גרוי געוואָרן פון דעם פאַלנדן שניי. אַרום זיין מאָרדע איז אַראָפּגעהאַנגען לאַנגע שטיקלעך אייז. דער צווייטער איז געוועזן אַ 14 יאָריקער טשאַלדאַן; אַן אומשולדיק קינד פון דער ווילדער נאַטור. דער דריטער איז געוועזן אונדזער קאַמעראַד אברהם לעקאך. פינסטער איז געוואָרן אַרום און אַרום. שרעקלעכע שניי־ווינטן, האָבן איבערגעוואָרפן בערג שניי פון איין אָרט אויף דעם צווייטן. די איינציקע שמאָלע וועג וואָס האָט זיך געצויגן אויף דעם טייך יעניעסיי, איז פאַרשאָטן געוואָרן פון דעם פאַלנדן שניי. דער פערד האָט דעם שליטל מער נישט געקאָנט שלעפּן, און די שטומע חיה איז געבליבן זיצן ביז'ן בויך אין דעם טיפן געדיכטן שניי.

אַנטקעגן טראָגט זיך אַ מוראָ'דיקע זאַווערוכע. דער פאַלנדער אייז קלאַפּט אין פּנים און מען זעט נישט די וועלט. די נאַטור טאַנצט איר משוגענעם סיבירער פאָלקס־קאַדריל. עס וויינען די ווינ־

טען. . . פאַרפראָרן איז די גאַנצע וועלט! אומעטיק, אייז און שניי. דער שרעקלעכער שורגאַיי, שמייסט אָן רחמנות אין פּנים. די לעצטע קרעפטן שטרייַנגט ער אָן און פּרובירט גיין ווייטער. עס איז אָבער אונמעגלעך׳ ער גייט אָפּ אַ פּאָר טריט און פאַלט מאַכטלאָז אַנידער אין די ווייכע שניי־קישנס און אַשלאָפן געוואָרן איז די בליענדע בלום אויף אייביק. פון דעם קאָמעראַד לעקאַך איז געוואָרן אַ קאַל־טע שטיק אייז. שטום און אונבאַוועגלעך איז שטיין געבליבן דער שוואַרצער פערד לעבן דעם טויטן קערפּער. מיט אַן אַראָפּגעלאָזע־נעם קאָפּ, שטייט דער פערד און טרייסלט זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. דער פערד פילט זיין שרעקלאַכן סוף און אים ווילט זיך שטאַרבן גלייך מיט זיינע צוויי באַגלייטער ; — נאָר דער טויט נעמט אים נישט.

אויף מאָרגן האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט. דער בליט־שטעדנער שניידענדער אייז פאַלט שוין נישט מער. דער גאַנצער געגנט אַרום האָט באַקומען אַ מאָדערן אויסזען. וואו נישט וואו, פליט דורך אַ טיטיערקע. עס נעמט נישט לאַנג און די צוויי פאַרפרוי־רענע קרבנות ווערן אַנדעקט פון אַ דורכגייענדן יעגער.

אין פרילינג 1912, ווען דער שניי איז צוגאַנגען, האָב איך באַזוכט דעם סיבירער איינזאַמען וואַלד וואו קאַמעראַד אברהם לעקאַך איז געלעגן. צו גרויס איבעראַשונג האָב איך אינ׳ם סעלי־וואַנאָווער בית־עולם געטראָפן מער קברים ווי לעבעדיקע מענטשן אין דאָרף. אייניקע קברים זיינען געווען צוגעדעקט מיט לאַנגע, הילצערנע שיפלעך פון געשטאָרבענע פאַרשיקטע סקאַבצעס. די קליינע בייסיקע פליגן, מיט די ביליאָנען מאָסקיטאָס, האָבן באַ־וואַכט דעם ווייט־פאַרוואָרפענעם, שטילן סיבירער וואַלד בית־עולם. מיט אַ שווערן געמיט אויפ׳ן הארצן, האָב איך פאַרלאָזן דעם סיבי־רער בית־עולם. דאָס אונפאַרגעסלאַכע בילד פון אברהם לעקאַך׳ס, פרישן קייוער, זע איך איצט פאַר מיינע אויגן.

„ערע און אייביקע רו דיר, ווערטער קאַמעראַד!"

ווען דער שניי האָט זיך אָנגעפאַנגען צוגיין, אין פרילינג פון 1912, איז אין מיין איינזאַמען דערפל סעליעוואַניכאַ, וועלכער איז באַשטאַנען פון דריי הילצערנע הייזקעס, מיט עטלעכע טשאַלדאַנעס

און אַ פּאָר יורקעס פון אַ פּרימיטיווער סיבירער ראַסע, האָט דער געדיכטער טייגאַ־וואַלד זיך ענטפּלעקט פאַר מיינע אויגן ווי אַן אָפּגעצוואָגענע, נאַסע קאַץ, מיט איבערגעשראָקענע אויגן וואָס זוכט אהיים אויסצוטריקענען איר נאַסע פעל. אַזוי האָט דער ווילדער וואַלד אומעדיק אויסגעקוקט און ערוואַרטעט, אַז די לאַנגווייליקע צאַפּ־זון זאָל שוין אָנפאַנגען טריקענען די געדערים פון די איינזאַמע, קאַלטע און נאַסע טאָלן פון די צופאַלענע, צעבראָכענע ביימער, וועלכע זיינען אין וואַלדגעלעגן אומעטום.

די קאַקאַ וואָס איך און חבר גילקראַנט זיינען געווען געצוואונגען צו עסן דריי מאָל אַ אַ טאָג, פאַר איבער אַ מאָנאַט, איז מיר נאָך געלעגן אין מאָגן. נישט אַכטנדיק וואָס מיר האָבן געהאַט געלט צו באַצאָלן פאַר אַנדערע שפּייז, האָבן מיר פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט קויפן קיין אַנדערע שפּייז, ביז דער טשאַלדאַן מיכאַאיל סאָוועליעוו איז געפאָרן אין דעם דאָרף מאָנאַסטירסקאָיע. אָנטרעפנדיק אַ מאַרק פון פאַרשיידענע פּרימיטיווע אַזיאַטן, האָט אונדזער שליח איינגעהאַנדלט אַ הירש פאַר 4 רובל און האָט אים מיט דער פעל געבראַכט צושלעפּן אין דאָרף. דאַן האָט זיך די לאַגע אין באַצוג צו אונדזער שפּייז — געענדערט. ווי די הונגעריקע וועלף האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם עלנדן הירש און מיט אַ געשמאַקן אַפּעטיט האָבן מיר לאַנגזאַם זיין קערפּער פאַרצוקט.

ווען דער שווערער אייז - צודעק פון דעם טייך יעניעסיי איז צוגאַנגען און וואו נישט וואו האָט מען נאָך באַמערקט שווימנדיק שטיקער אייז; — די לעצטע טעג אין מאַי אויף דעם טייך יעניעסיי, האָט דער טשאַלדאַן מיכאַאיל סאָוועליאָוו, איינגעלאַדן מיר מיט מיין חבר גיל קראַנט, אַז מיר זאָלן צוזאַמען אַרויספאָרן כאַפּן פיש. ווייט גיין האָבן מיר נישט געדאַרפט. אַרונטערלאָזנדיק זיך פון אַ הויכן באַרג און צוקומענדיק נאָענט צום טייך, האָט דער חבר גיל קראַנט, מיט דעם טשאַלדאַן זיך אַריינגעזעצט אין אַ הילצערנעם שיף. איך האָב זיך אַרומגעדרייט מיט אַ לאַנגער שטריק און גייענדיק מיט דעם שטראָם לעבן ברעג פון טייך, האָב איך באַלאַנסירט דעם ניעוואָד, וואָס דער פויער האָט פון שיף געוואָרפן אין טייך. דריי מאָל האָבן מיר דעם ניעוואָד צוזאַמענגעקליבן און אַריינגע -

וואָרפן אין טייך. אָבער קיין פיש האָבן מיר אַלע דריי מאָל נישט געכאַפּט. זייענדיק פאַרצווייפלט וואָס קיין פיש כאַפּט זיך נישט, האָט דער טשאַלדאַן געהאַלטן אין איין שילטן דעם טייך מיט די פיש, מיט אַלע בייזע טייוואָלים. זייענדיק גרייט צו פאַרלאָזן דעם ברעג פון דעם טייך יעניעסיי, האָב איך צום ענטווישטן טשאַלדאַן אַ זאָג געטאָן: — „לאָמיר פּרובירן אַ פערטן מאָל אונדזער גליק."

דער פּרימיטיווער פויער האָט זיך גוטמוטיק צולאַכט. און אַ־ריינזעצנדיק זיך שנעל צוריק אין זיין נאַסן הילצערנעם שיף, זיינען מיר אָפּגעשוואומען מיט דעם שיף עטלאַכע הונדערט פוס פון ברעג. און אריינוואַרפנדיק אין דערזעלבער צייט דעם ניעוואָד אין טייך, און גייענדיק אַ שטיק וועג מיט'ן שטראָם אַראָפּ, האָט דער פויער פאַרדרייט זיין שיף אָן אַ רינג און איז צוגעשוואומען צום ברעג. אַרויסקריכנדיק פון שיף, האָט ער אָנגעפאַנגען שלעפּן די שטריק וואָס האָט קאָנטראָלירט דעם צווייטן זייט פון ניעוואָד. אַזוי שלעפּנ־דיק פאַר די שטריק, איך פון איין זייט און דער פויער פון צווייטן זייט, האָב איך גלייך באַמערקט עטליכע כוואַליעס אין דעם לאַנגען עק פון ניעוואָד. ווען מיר האָבן אַרויסגעצויגן דעם ניעוואָד אויף דער זאַמד פון ברעג, האָבן פיר גרויסע, לעבעדיקע פיש זיך פאַר־צווייפלט געוואָרפן און אומזיסט געקעמפט פאַר זייער פרייהייט. זיי־ער שיקזאַל איז שוין געווען פאַרזיגלט. מיט פריילאַכע געמיטער האָבן מיר פאַרלאָזן דעם ברעג.

פאַר אונדזער מי, האָט דער טשאַלדאַן אונדז אַוועקגעגעבן איין פיש וואָס האָט געוואויגן איבער אַכצן פונט. איבער אַ וואָך צייט האָב איך און חבר גיל קראַנט געגעסן די פיש און נישט געקאָנט פטור ווערן פון איר. האָבנדיק גענוג צייט, האָב איך פאַר פילע וואָכן אַרומגעקראָכן אויף דעם ברעג יעניעסיי און צוזאַמענגעקליבן אַ קאָ־לעקציע פון פאַרשיידענע קאָלירטע שטיינדלעך וואָס דער טייך יע־ניעסיי שפּייט פון זיך אַרויס.

זיצנדיק אַ געוויסן אָוונט, אין יוני 1912, צווילף אַזייגער ביי־נאַכט אויף אַ פריזבע און לייענענדיק אַ צייטונג פאַר די ליכט פון דער נאַכט, איז אַ ווילדע סאָווע צוגעפלויגן און גראַדע זיך גע־וואָלט אַוועקזעצן אויף מיין קאָפּ. אים האָט זיך געווים אויסגעדוכט

אז מיין קאָפּ איז אַ דאָרן, פון אַן אָראָפּגעהאַקטער בוים; מיט אַ שנעלער באַוועגונג פון מיין צייטונג, האָב איך דעם ווילדן וואַלד פויגל, מיט די פייערדיקע אויגן פון זיך אָפּגעטריבן. דער אויסגעשריי פון ווילדע נאַכט־פויגלען, האָט זיך געהערט אומעטום. בעריִשע פוס־טריט, עטלעכע הונדערט פוס פון דעם דאָרף סעליעוואַנירא האָט מען באַמערקט אומעטום. דער האַווקן און בילן פון די הינט, האָט אַממערסטן אָפּגעשראָקן די ניט־געוואַגטע סיבירער בערן, וואָס האָבן זייער גערן זיך געוואָלט אריינרייסן אין די פּאָר שטאַלן און פאַרצוקן די עטלעכע בהמה׳ס פון דאָרף.

ווען דער וואַלד האָט זיך אינמיטן יולי פאַרנאַנדערגעוואַקסן, און שטראַלן פון דער זון האָבן אָנגעוואַרמט דעם קאַלטן אייז־גע־גענט, האָבן ליבליכע ווינטן, מאַכעס מאָל געבראַכט צוטראָגן אַ שמעקענדיקן אַראָמאַט פון די די ברעזעווע בוימער און ווילדע בלו־מען, וועלכע זיינען געוואַקסן אין דער אומבאַקאַנטער ווילדער טיי־גאַ וועלדער. האָבן דורכגעדרונגען דורך די ליידנדע זעלעם פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע . אַ נייער לעבן האָט ערוואַכט אין די פאַר־זאָרגטע געמיטער פלעגן זיך אָפּפרישן מיט דעם פרישן דופט פון דער זון. די סיבירער נאַטור האָט דעמאָנסטרירט אירע בייזע וואונ־דער פאַר די אויגן פון די פּאָליטישע פאַרשיקטע וואַנדערער.

ווען דער מאָנאַסטירער פריסטאַוו האָט מיר ערלויבט זיך צו באַזעצן אין דעם דאָרף אסינאָווא, פינף הונדערט וויאָרסט נענטער צו דער שטאָט יעניעסיי, און ווען דער פּאַראַכאָד יעניעסיי האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דעם לאַנגווייליקן דאָרף, האָב איך און חבר גריגאָרי דאַווידאָוו, פילנדיק צו פאַרלאָזן דעם אינדזל סעלעוואַניע־כאַ; און זייענדיק אויף דעם פּאַראַכאָד, האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיט די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן אַ גאַנצן זומער פאַרבראַכט אין די ווייטע צפון־מקומות פון דעם אינדזל קאַמטשאַטקאַ, און האָבן זיך באַשעפטיקט מיט כאַפּן פיש. שיכורע פישער האָבן געהוליעט, און וואַנזיניק פאַרטאַכלעוועט די פרוכט פון זייער שווערער האָרעוואַניע.

נאָך איבער זעקס טאָג רייזע מיט׳ן יעניעסייער פּאַראַכאָד, האָב

איך און חבר גריגאָרי , מיט מזל דערזען דעם דאָרף אַסינאָווא, טורו־כאַנסקער געגנט.

עס איז געווען אינמיטן פון דעם מאָנאַט סעפּטעמבער, 1912. דער ערוואַרטעטער ווינטער, האָט זיך שוין געלאָזט שפּירן. די ערד ביי די ברעגעס פון דעם טייך , איז געווען פאַרפראָרן. אַ לייכטער, דינער שניי האָט באַצויגן וואַו־נישט־וואו, די אָנגעוואָרפענע שטיי־נער לעבן טייך.

מיט דער הילף פון טשאַלדאַנ׳ס הילצערנער שיף, האָט מען אונדז אַרונטערגענומען פון דעם פּאַראַכאָד יעניעסיי און אַריינפאָרנ־דיק אין דאָרף אַסינאָווא, האָבן מיר געטראָפן צוועלף פּאָליטישע פאַרשיקטע חברים. דער צוזאַמענלעבן פון די פאַרשיקטע איז געווען זייער חבר׳איש און גייסטיק זיינען אַלע פּאָליטישע פון דאָרף אַסי־נאָווא געווען פאַראייניקט. יעדער איינער פון די פּאָליטישע פאַר־שיקטע האָט ערוואַרטעט שנעל באַפרייט צו ווערן. אייניקע פון די פאַרשיקטע חברים האָבן געהאָפט, אַז צוליב דער פייערונג פון דער 300 יאָריקער עקזיסטענץ פון דער הויז פון דער רוסישער ראָמאַ־נאָווער דינאַסטיע, וועלן זיי באַפרייט ווערן. די חברים וואָס האָבן געהאָפט אויף אַזאַ נס, האָבן זיך ביטער ענטוישט· די לעצטע עט־לאַכע מאָנאַטן וואָס מיר איז נאָך געווען פאַרבליבן פון מיין פיר יאָריקער־סילקע, האָב איך פּרובירט צו פאַרטרייבן מיין אומעט מיט דעם, וואָס איך האָב זיך פּאָלקאָם אַסימילירט מיט דער דאָרפישער באַפעלקערונג. איך האָב אָנגעפאַנגען גיין צו זייערע שמחות און וועכנטליכע וועטשערינקעס. די יוגנט פון דער אַסינאָווער טשאַלדאַ־נישער באַפעלקערונג, האָבן מיר פריינדלעך אויפגענומען. איך האָב געטאַנצט מיט זיי אויף זייערע וועטשערינקעס. ווען די טשאַלדאַנעס האָבן מיר מכבד געווען מיט אַ גלאָז וויין, האָב איך גוט־ברודעריש מיט זיי געטרונקען. און לעבענדיק אַזוי די לעצטע עטלאַכע מאָנאַטן אין דעם דאָרף אַסינאָווא, האָב איך מיט אומגעדולד אָנגעפאַנגען ציילן די טעג און נעכט, ווען די פיר יאָר פון מיין פאַרשיקונג וועט זיך ענדיקן.

ווען דער סטראַזשניק פון דאָרף, וואָס ס׳האָט געהאַט די אויפ־זיכט איבער אַלע פּאָליטישע, האָט מיר געמאָלדן אַז ער האָט ער־

האַלטן פון דעם טורוכאַנסקי'ן פּריסטאַוו מיינע נויטיקע דאָקו־מענטן, וועלכע זאָגן אויסדריקליך אַז איך וועל באַלד קאָנען אָפּפאָרן פון דאַ־נען; האָב איך פון פריידן זיך אַליין נישט געוואָלט גלויבן. מיין נייער באַקאַנטער חבר איסאַי איסאַקאָוויטש גאַרבאָווען, דער אייביקער פאַרשיקטער, האָט אַלס אָנדענקונג מיר פרעזענטירט מיט אַ הילצערנעם קופערטל, וואָס ער האָט אַליין ספּעציעל אויסגעאַרבעט פאַר מיר אין זיין סטאָליאַרנע מאַסטערסקאַיע. און איינפּאַקנדיק זיך, בין איך גלייך אָפּגעפאָרן פון דעם דאָרף אָסינאָווע.

דער סיבירער ווינטער, האָט איצט מיט זיינע שניי־שטורמס, געפלאָכטן וואונדערלאַכע בילדער. אומעטום ליאַדיי שניי, עס קנאַקט דער פראָסט; דער הימל און ערד איז פאַרצויגן מיט אַ גראָען ברילי־אַנטענעם טומאַן. נישטאָ קיין זון און ליכט. — שניי! שניי! שניי!...

איינגעדרייט אין אַ וואַרעמען פעלץ און האַבנדיק דעם נויטיקן דאָקומענט, וואָס זאָגט אויסדריקלעך, אַז איך בין באַפרייט, בין איך מיט גרויס מוט און האָפנונג געפאָרן איבער די פאַרשיידענע פאַרפראָרענע טייכן, פעלדער און וועלדער. אויף דעם פערטן מעת־לעת פון מיין רייזע, ווען איך האָב ביי אַ טשאַלדאָן געשלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע, האָט מען מיר פּלוצלונג אויפגעוועקט. ווען איך האָב מיינע פאַרשלאָפענע אויגן געעפנט, האָב איך פאַר זיך דערזען אַ באַוואָפנטן, אומבאַקאַנטן סטראַזשניק.

— „טו זיך אָן!" — האָט ער מיר באַפוילן: — „קום מיט מיר!"

מיט אומזיכערע טריט, האָב איך פאַרלאָזן דעם טשאַלדאָנ'ס הויז. אינמיטן דאָרף איז געשטאַנען אַ פּאָר איינגעשפּאַנטע פערד. אין דעם ספּעציעלן שליטן איז געזעסן דער יעניעסייער פּריסטאַוו.

— „ווער ביזטו?" — האָט דער פּריסטאַוו צו מיר אַ געשריי געטאָן. ווען איך האָב אים געצייגט מיין דאָקומענט, האָט ער בייז אויף מיר אַ קוק געגעבן און האָט אָנגעפאַנגען מיר העסלעך צו באַ־ליידיקן:

— „טי, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, און סוקין, פּראָסוקין סין! — מען האָט אייך אַלעמען געדאַרפט צושיסן!" — האָט ער בייז־

ווילד גערעוועט ווי אַ ווילדע חיה. איך האָב גוט פאַרשטאַנען דעם אַבזיכט פון דעם בייזווייליקן אַנטיסעמיט, און דערפאַר האָב איך פאַרשוויגן.

שרייענדיק אַזוי, האָט ער ענדליך מיר אומגעקערט דעם דאָקומענט און וועלנדיק זיך פאָרט נוכם־זיין אַן מיר, האָט ער אַ געשריי געטאָן צום סטאַראָסטאַ פון דאָרף, אַז זיי קאָנען מיר מאַכן צו באַצאָלן 5 קאָפּיקעס אַ ווייאָרסט, אַנשטאָט 3 קאָפּיקעס, וואָס די פּאָליטישע באַפרייטע רייזנדע זיינען געווען בארעכטיקט. און אַ געשריי־טוענדיק צו מיר!

— „סטופּאַי ק׳טשאָרטו!" — איז דער פּריסטאַוו גליך אָפּגעפאָרן פון דאָרף. זייענדיק אויפגערעקט פון דער העסלאַכער אויפנאַמע, האָב איך זיך צוריק אומגעקערט צום פויער אין הויז.

דער סטאַראָסטאַ, פאַרזאָרגנדיק מיר מיט אַ פערד און שליטן און אַ באַגלייטער, האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— „שרעק זיך נישט, סינאָק, מיר וועלן ביי דיר מער ווי דריי קאָפּיקעס אַ מייל נישט נעמען. זיי די הינטעשע זין, זיי צאָלן דאָך גאָרנישט פאַר די צענדליקער קאַזיאָנע באַאמטע, וואָס מיר פירן דאָ אימער אומזיסט."

פאָרנדיק אַזוי איבער צוויי וואָכן, טאָג און נאַכט, בין איך, מיט אומגעוויינלאַכער שוועריגקייט, אַ צובראָכענער און אַ רוכגעפראָרענער, אָנגעקומען אין דער צענטראַלער סיבירער שטאָט קראַסנאָיאַרסק. מיין דאָקומענט האָט אויסדריקליך מיר אויפגעפאָדערט, אַז ווען איך וועל אָנקומען אין שטאָט, זאָל איך זיך מעלדן אין דער פּאָליציי, אָבער איך האָב באַשלאָסן צו איגנאָרירן דעם אָפיציעלן באַפעל און אָנטוענדיק אויף זיך שטאָטישע קליידער, בין איך אין דעמזעלבן אָוונט אָנגעקומען אויף דעם קראַסנאָיאַרסקי׳ן וואָקזאַל. וואַרטנדיק אויף אַ צוג, איז צו מיר צוגעקומען אַ רוסאָפיצירטע פּאָליאַק און האָט מיט מיר זיך פאַרנאַנדערגערעט. איך האָב אים אויסדריקלעך געזאָגט, אַז איך בין אַ פּאָליטישע בעפרייטער און איך פאָר איצט אַהיים פון טורוכאַנסקי׳ן געגנט. ווען איך בין שוין אין צוג געזעסן און פינף מינוטן איידער דער צוג איז אָפּגעפאָרן, זיינען צוויי זשאַנדאַרן אַריינגעלאָפן פאַרסאָפּעטע און האָבן מיר אַ פרעג

געטאָן, ווער איך בין און פון וואַנען איך פאָר; ווען איך האָב זיי ערקלערט אז איך פאָר פון טורוכאנסקי׳ן געגנט, און אז איך בין א פּאָליטישער־באַפרייטער, האָבן זיי זאָגאר מיין פּאַספּאָרט נישט עק־זאַמינירט און אין איילעניש האָבן זיי פאַרלאָזן דעם באַן. דער לאָקאָמאָטיוו פון באַן האָט שווער א קרעכטץ געטאָן; די רעדער האָבן אָנגעפאַנגען זיך באַוועגן. . .

א צאַרטע שטימע האָט מאָנאָטאָניש געקלונגען אין מיינע אויפגערעקטע געדאַנקען: — „דו ביזט א גראַטעוועטער פון די פינף יאָר ליידן און ענדלאָזע שמערצן!״

א מאַגנעטישער, אימפּולסיווער שטראָם, איז דורכגעלאָפן דורך מיין פאַרצאָרנטער נשמה, און אין דער שטיל האָב איך צו זיך אַליין א זאָג געטאָן:

— „לאַנג לעבן זאָל די אוניווערסאַלע צוקונפטיקע פרייהייט, פון די אונטערדריקטע ראסן און מאסן פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון דער גאַנצער וועלט!״

דער אינזשענער פון באַן, האָט מיט זיין הודאָק אין דער הויך א געשריי־געטאָן, און די פּאָרע פון די באַן־טרובעס, האָבן געפלאָכטן ווייסע פּאָנען. זעענדיק אויף די אומבאַקאַנטע פעלדער און וועלדער, בין איך זיצנדיק אין וואַגאָן זיך פאַררוקט אין א ווינקל, — מאַכטלאָז אַנשלאָפן געוואָרן.

ווען איך האָב דעם צווייטן טאָג זיך אויפגעכאַפּט פון מיין לאַנגן שלאָף, האָט דער באַן־געוויש מיר אָנגעזאָגט אז איך בין אין טאָמסק. דורך דעם פענסטער פון וואַגאָן, האָב איך באַמערקט ווי צוויי הענער מיט קאָלירטע פעדערן, האָבן אָנגעפירט א פאַר־צווייפלטן קאַמף. דער ווייסער האָן, מיט זיינע צוויי רויטע פליגל, האָט מוטיק באַקעמפט זיין געגנער, וועלכער איז פיל גרעסער געווען פון אים. א געלע צאַיג איז אָנגעלאָפן, און האָט די שטרייטענדע הע־נער פאַרנאַנדערגעיאָגט.

דער צוג האָט זיך לאַנגזאַם א ריר געטאָן.

אַרויסשלעפנדיק פון מיין געפּאַלירטן קופערט א שוואַרצן שטיק ברויט, האָב איך אָנגעפאַנגען קייען און פאַרדייען די פרישע לופט, פון מיין לאַנג־ערוואַרטעטע פרייהייט. . .

לעם וואַנט

גרוי און אַלט שטייט די וואַנט
רואיק און געלאַסן, אָן אַ פּאַרנעם,
די הויכע שפּיצן פון דעם קלויסטער
פאַרשטעלן אימער דעם זונענשיין פון איר.
אָפּגעריסענע, בלינדע בעטלער זיצן דאָרט אימער,
וויינען און ברומען אָן אַ שיר.
וואו די דורכגייער גיבן זיך נאָר אַ ריר,
די מעלאַנכאָלישע טענער פון די קירכנגלאָקן
האָבן די בלינדע בעטלער היינט דערשראָקן.
געהיימע קלאַנגען פלעגן זיך פון קירכע אימער טראָגן

און נאָכיאָגן אַן אַלטן פויערישן וואָגן...
פון די שרעקעדיקע מאָנאָטאָנע קלאַנגען
פלעגן סטאַדעס טויבן שיינע
זיך צעפליען איינע נאָך איינע...
מאָרעשכוירעדיקע שאָטנס פון די בלינדע בעטלער
האָבן זיך אימער געבוקט...
און פאַרטריקנטע ליפּן
האָבן זיך באַוועגט אין דער שטיל.
געציטערט האָבן די אויסגעדאַרטע זאַנגען,
און הונדערטער יאָר זיינען פאַרבייגעגאַנגען:

גאַרטלען רויטע, סוויטקעס גרויע,
די ראַט קראָמען האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן.
פון אַ געפלאָכטענער קאָרזינקע האָט אין פרימאָרגן געקרייט
אַ געבונדענער רויטער האָן...
צעפודלטע פויערים מיט די מאַמטאַקים דרייען זיך אַרום,
און יעדער איינער איז פון זיי צום...
די קרעמער וואַרטן ביז זיי מאַכן אַ לעכאַיעם,
דאַן באַצאָלן זיי שוין פאַר דרייען...
די אַלטע וואַנט די גרויע,
האָט פון דעם אַ נייע.

וואָס דער ווינט פּליט ווי ער וויל,
און דער טײַך בלײַבט אימער שטיל...
אַ בייזער ווינט האָט זיך לעם דער וואַנט דורכגעטראָגן,
אויפגעשטיגן האָבן די ווייסע טויבן
מיט אַ יאָמער אין פרימאָרגן...
געכאַפּטע זיילן פון דער
פרידלעכער טויבן משפחה
האָט מען אין דרייען געבונדן;
אַ העלישער פייער האָט פינסק אונטערגעצונדן,
יונגע בלומען האָט דער טייוול צוזאַמענגעטריבן,

די גיפט פון אַ שלאַנג האָט זיי אין פרימאָרגן צעריבן,
שווערדן בלויזע ווערן אָפגעטונקט אין אַ פליסנדן
וואַרעניק רויטן ווײַן...
די שוואַרצע סאָראָקע האָט געוואָלט אַז אַזוי זאָל
דאָס זײַן —
באַוואַכט האָט זי אַ טויטע האַנט...
לעם דער אַלטער גרויער וואַנט,
עס ליגן וואַרימע קערפּערס
מיט פאַרגליווערטע אָפענע אויגן...
אַ סטאַדע הילפלאָזע ווייסע טויבן

האָט מען לעם דער אַלטער
גרויער וואַנט אויסגעצויגן...
די מערדערישע האַנט
האָט מיט אומשולדיק בלוט
פֿאַרשפּריצט די אַלטע וואַנט...
די איינגעפּרעסטע שטיינער
אין דער אַלטער גרויער וואַנט
זיינען געוואָרן רויט...
און מיט פֿאַרשעמטע שטומע קוילעס האַלטן
זיי אין איין שרייען און קלאָגן...
שלאַנגן מערדערס, אייך קומט דער טויט...

דעם טייערן אָנדענק פון מיין מוטער

בתיה עלקע,

וועלכע האָט מיינע ליידן
צוזאַמען מיט מיר געטראָגן
און נאָך שטאַרקער פון מיר זיי געפילט, —
ווידמע איך דעם בוך.

* *
*

אויף דיין קבר האָבן מיר געשטעלט אַ שטיין
און אונדזערע הערצער צוגייען פון געוויין . . .
וואו מיר גיבן זיך נאָר אַ קער,
פאַלן פון די אויגן טרער נאָך טרער . . .
און אין חלום קומסטו צוגיין
און דו בעטסט מיט ליבע: „קינד מיין, ניט וויין!" —
און אויף מיין האַרצן איז איצט שווער,
צאָרנדיק ברויזט דער קאַלטער מער! . . .
די שטראַלנדיקע בלום איז פון אונדז אַוועקגעגאַנגען . . .
באַדעקט געוואָרן איז זי מיט שוואַרצע זאַנגען . . .
קיינער קען אַ מוטערס פלאַץ ניט פאַרנעמען,
און איצט איז דאָ צו קלאָגן נאָך וועמען . . .
איך שוועב איצט מיט דיין גייסט איבער דער וועלט . . .
אומעטיק איז מיין געצעלט.
שווער איז איצט צו לעבן אָן דיר,
אומעטום פעלט די מאַמע מיר,
אויף די שטילע קברים טויטע
וואַקסן איצט בלומען רויטע,
וויגט דער ווינט די בלומען אָן אַ שיעור!
און זיי באַרירן ניט דעם טויטנס געהיר,
בלייבן די בלומען ליגן אומבאַוואַכט
און פון בייזע גייסטער אויסגעלאַכט...